STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03569

ZIKHROYNES FUN SKULENER REBIN, ZATSAL

Tsevi Yosef Miski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זכרונות

פון סקולענער רבי'ן זצ"ל

פון

הרב צבי יוסף מיסקי

מחבר פון שער הלכה ו"ח

און נאך ספרים

שבט תדש"מ

ברוקלין נ. י.

כל הזכויות שמורות
©
Copyright 1978 by
RABBI H. MYSKI
90 Ross Street, Apt. 2M
Brooklyn, N. Y. 11211

212-963-0306

דפוס אופסט „מוריה"
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
BROOKLYN, N. Y. 11201
(212) 852-4141

לטובה ולברכה

איך וויל דערמאנען לטובה ולברכה מיין הויכגעשעצטער גייסטיגער פרוי שתחי׳,

זי איז אין הויז פון סקולען געווען פון די ערשטע אדאפטירטע קינדער, און ס׳איז איר געלונגען צו ראטעווען פון גייסטיגן אונטערגאנג דעם גרעסטן טייל פון איר משפחה, און איז געווארן דער ווינקלשטיין פון דעם

פרעכטיגן בנין פון סקולען

פון דער בארימטער אורנשטיין משפחה אין טשערנאוויץ

זי שטאמט פון דעם הייליגן באר מים חיים ז״ל

און הגה״ק מבוטאטש ז״ל

זי איז מיט מיר דורכגעגאנגען יארן פון צער און וואקלעניש, און איר איידעלער גייסט האט מיר געהאלפן אין מיין רוחניות׳דיגער ארבעט

געהאלפן ארויס צו געבן דורך דעם וועד להוצאת ספרי רבינו זצ״ל מסקולען

בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

דוד צבי קאהאן - יו״ר — שלמה יצחק א. ווייס - מו״ל

תוכן ספרי הרב המחבר שליט״א שיצאו לאור

א. **ספר פרקים בהוראה,** עניני חינוך למורים והורים

ב. **ספר ביאורים ורעיונות במזמורי תהלים**

ג. **הגדה של פסח עם פי׳ דברי חכמים וחידותם. ועוד. בלשה״ק ובאנגליש**

ד. **ספר שערי הלכה — טהרת בית ישראל ג״ח על הל׳ נדה**

ה. **שירים פון סקולענער רבי׳ן און זיינע באגלייטערס — און דערציילונגן פון הרב מיסקי**

ו. **קונטרס לאמיר זיך לערנען רעדן**

ז. **ספרי שערי הלכה ו׳ חלקים**

חלק ראשון

- הל׳ השכמת הבוקר
- הל׳ ציצית.
- הל׳ תפילין
- הל׳ תפלה.

חלק שני

- הל׳ תפלות שבת
- הל׳ קריאת התורה
- הל׳ בית הכנסת
- הל׳ ברכות
- הל׳ ברכת המזון
- הל׳ קידוש
- הל׳ הבדלה.

חלק שלישי

- הלכות שבת
- הל׳ עירובי חצרות
- הל׳ עירובי תחומין.

חלק רביעי

- הל׳ חודש ניסן
- הל׳ בדיקת חמץ
- הל׳ הלכות פסח
- הל׳ ספירת העומר.

חלק חמישי

- הל׳ ימי אלול
- הל׳ ראש השנה
- הל׳ יום הכיפורים
- הל׳ סוכות
- הל׳ חנוכה
- הל׳ פורים.

חלק שישי

- הל׳ יום טוב
- הל׳ חול המועד
- הל׳ בין המצרים
- הל׳ תפילות ימי פסח
- הל׳ תפילות חג השבועות
- הל׳ תפלות ימי הסוכות.

מפתח הענינים

פרק א. בית אביו — דעם רבי'נס מוטער.

פרק ב. דער רבי זצ"ל אין סקוליען — דער קאמף איבער דער תלמוד תורה.

פרק ג. דער רבי אין טשערנאוויץ — ר' ארי' שערף סאלפעטער שליט"א — דער רבי אונטער די דייטשן — פסח אין די מלחמה יארן — אין טשערנאוויץ אונטער די רוסן — די באפרייאונג פון מיליטער דינסט — דער קאמף פאר דעם אידישן קינד — עסקנות פאר הצלת נפשות אין טשערנאוויץ.

פרק ד. דעם רבי'נס אריבערגאנג אויף רומעניע — דעם רבי'נס ארבעט אין רומעניע — די יאס'ער אקציע — די קינדער וועלט פון רבי'ן — דער רבי איז מלמד זכות — ר' יעקב גריפל אין רומעניע — מיין ערשטער פרייטיג צו נאכט אין הויז פון רבי'ן ז"ל — איינדרוקן פיי איינע פון די קינדער — די באגעגעניש פון רבי'ן מיט זיינע קינדער.

פרק ה. דעם רבי'נס ז"ל אנדערע פעולות אין רומעניע — 36 צדיקים — די ארויסטריטן פון רבי'ן ז"ל — חינוך פראגע — דער רבי און דער פירער פון דעם פאלעסטינער אמט — דער רבי און דער פירער פון פולישן קאנסולאט — א פאספארט פאר אן אנדערן איד — אונזערע באזוכן — אין באקאוי — אין שאץ — אין יאס.

פרק ו. די תפיסות פון רבי'ן ז"ל און זיין זון יבלח"ט כ"ק אדמו"ר שליט"א — פנינים יקרים — די פעולות פאר דעם רבי'נס הצלה — ארטיקל פון הרב צבי ברונשטיין — דעם רבי'נס באפרייאונג פון רומעניע.

פרק ז. דעם רבי'נס אנקום קיין אמעריקא — דער קאמיטעט פאר דעם רבי'נס איינארדענונג — דעם רבי'נס באזוך אין לאנדאן — זיין באזוך אין ארץ ישראל.

פרק ח. מוסר און חכמה-דעם רבי'נס מעשה צדקה וחסד ומדות.

פרק ט. די בעלי תשובה פון רבי'ן ז"ל.

פרק י. די נגינה פון רבי'ן ז"ל.

פרק יא. גדולים וצדיקים וועגן דעם רבי'ן ז"ל — דער סקווערער צדיק — הגאון ר' יודא לייב צירלסאהן — דער סאטמארער רבי זצ"ל — די וויזניצער צדיקים — דער סעליעטינער רב זצ"ל — דער סאדיגורער רבי זצ"ל — הגאון ר' משה פיינשטיין שליט"א — דער צעלימער רב זצ"ל — הגאון ר"ש קוטלער — הרב חזן פון רומעניע.

פרק יב. סיפורים של למעלה מדרך הטבע — די מעשה מיט די פיש — די פרוי וואס האט פארלוירן איר זייגער — ר' שמואל גלוקסמאן — דער חלום אין די שלושים.

פרק יג. די רביצין הרבנית הצדיקת מרת שינא רחל ע"ה — איר אפשטאם — איר הספד — די צווייטע רביצין ע"ה — די דריטע רביצין ע"ה.

פרק יד. די לעצטע יארן פון רבי'ן — די הסתלקות — צוטאטן פון די הספידים — ארטיקל פון הרב יצחק לעווין — געלעבט מיט מסירות נפש, פון ר' מרדכי פרידמאן — דער צדיק און זיין עבודה, ערשינען אין "דער איד".

נספחות: הנהגות מרבינו ז"ל — שיר לכבוד חנוכה מרבינו ז"ל — מכתבי קודש מרביז"ל.

פאָרוואָרט

די מענטשליכע געשיכטע ווייסט צו דערציילן פון העלדן, וואס האָבן געווידמעט זייער גאַנץ לעבן פאַר וועלכן ס׳איז א׳ אידעאַל.

די אידישע געשיכטע איז באזונדערס רייך אין אזעלכע געשטאַלטן, ווייל אזעלכע נשמות קומען דאָך צום אויסדרוק אין בין השמשות׳דיגע מאָמענטן — דאס מיינט אין מאָמענטן פון טראַגישן כאַראַקטער, און אין אזעלכע מאָמענטן איז דאָך ליידער אונזער אידישע געשיכטע גאַנץ רייך.

אָבער מערקווירדיג איז — ווען מיר לייענען די דערציילונגען וועגן אזעלכע סאָרט העלדן וו. צ. בש. פון באַרימטע בעלי צדקה און מכניסי אורחים א. ד. ג., אָדער וועגן די געזעלשאַפטליכע מענטשן וואס זענען געווען עוסקים בצרכי ציבור באמונה, וועלכע האָבן פארגעסן פון זייער מאָרגן, פארגעסן וועגן זייער פרוי און קינדער, פארגעסן וועגן זייער אייגן לעבן און אריינגעלייגט זייער גאַנצע ענערגיע צי העלפן די געליטענע און די אָרימע א. ד. ג. — ווען מיר לייענען וועגן זיי, זענען מיר זייער אָפט גענויגט צו טראַכטן, אז דאס איז אַ לעגענדע, און אנשטאט צו באוואונדערן די באשריבענע פערזאָן, טוט מען באוואונדערן די פאנטאזיע פון דעם שרייבער וועלכער איז פעאיג געווען דאָס אלעס אויסצוטראַכטן.

אין דעם לעצטן פרק פון מיין ספר ״פרקים בהוראה״ רעד איך וועגן דער וויכטיגקייט פון סיפורים, אָבער ביי די אלע סיפורים טראָץ זייער גרויסער ווירקונג, איז נאָך פאראן א תירוץ פאַר די שוואַכלינקע.

מענטשן זענען גענויגט צו פארדעקן די פאַרגאַנגענהייט מיט אַ שלייער פון פאַנטאַזיע און שאַפן דורך דעם אַ דיסטאַנץ צווישן דעם שיינעם עבר און די עקזיסטירנדע רעאַליטעט.

איידעלע מענטשן פון דער פארגאנגענהייט זענען וויניגער מחייב צו אנשטרענגונגען, ווייל מען דערקלערט די גרויסקייט פון די העלדן פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט אנדערע באַציאונגען און אומשטענדן.

די געשיכטע פון לעבן און אקטיוויטעט פון סקולענער צדיק זי״ע איז דעריבער פון דער גרעסטער דערציערישער באַדייטונג, ווייל די געשיכטע דערמאַנט אונז אז אויך איצט און די איצטיגע באדינגונגען און אומשטענדן איז מעגליך אידעאַליזם און מסירות נפש.

די פערזאָן פון דעם סקוליענער רבי זצ״ל וועמען מיר האָבן געווידמעט אונזער באשרייבן וועט זיכער געפינען איר מאָנומענט אין דער אידישער געשיכטע, ווייל ס׳איז אוממעגליך, אז צווישן די הונדערטער און הונדערטער קינדער, וועלכע ער האָט געראטעוועט פון קערפערליכן און גייסטיגן אונטערגאַנג, אָדער צווישן די טויזנטער אידן וועלכע זענען דורך אים געראטעוועט געוואָרן ממות לחיים, אָדער צווישן די טויזנטער וועלכע האָבן פון אים באקומען מאטריאַלע אדער גייסטיגע

הילף, זאָל זיך ניט געפינען איינער וואס זאָל זיך איינשטעלן למען האמת הצדק והיושר אז די הייליגע גייסטיגע געשטאלט זאל איינגעקריצט ווערן אין אידישע נשמות, און ס'איז אוממעגלעך אַז צווישן די צענדליגער טויזנטער, וועלכע זענען געווען עדות פון זיינע מסירות נפש'דיגע מעשים זאָל זיך ניט געפינען איינער וואָס זאָל פעאיג זיין צו פאראייביגן די ליכטיגע געשטאַלט אין די שורות פון דער אידישער געשיכטע.

* * *

דעם רבי'ן ז"ל האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון זיין יוגענט רבנות שטאָט, "סקולענער רבי". און כדי קלאָרער צו באצייכענען וועמען מען מיינט, האָט מען צוגעגעבן: דער טאַטע פון די הונדערטער קינדער.

מען רופט אים דער טאטע פון די הונדערטער קינדער און דאָס איז דער כאראַקטעריסטישער נאָמען פאַר אים, ווייל אלע זיינע פעאיגקייטן און קרעפטן האָט ער געלייגט אַ קרבן פאר די קינדער.

דער רבי ז"ל טראָץ זיין פילזייטיג געשטאַלט וואס לויט זיין הייליגער התנהגות איז ער געוויס געווען אַ רוחניות'דיגע געשטאַלט אין דעם פולן זין פון וואָרט. —

און לויט זיינע חידושי תורה און דרשות איז ער געווען איינער פון די בעסטע מחדשים און דרשנים אין דער רבנישער וועלט. —

אויך איז ער געווען א זעלטענער קאָמפאזיטאר, ניינציג פראצענט פון די ניגונים וועלכע זענען געזונגען געוואָרן אין די בתי מדרשים אין רומעניע זענען געווען קאָמפאזיציעס פונעם רבי'ן זצ"ל. —

אויך איז ער דורך זיינע אַרטיקלען וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרשידענע צייט־שריפטן למען חיזוק הדת באַקאַנט געוואָרן אַלס אַ גוטער שרייבער —.

אבער איבער די אלע פעאיגקייטן דערהייבט זיך דאס ליכט פון דער שיינענדיגער טעטיגקייט פון די לעצטע יארן פאר די קינדער.

א שווערע ארבעט איז געשטאנען פאר דעם רבי'ן ז"ל ביי דער ערציהונג פון די קינדער, ווייל זיין דערציאונגס ציל איז געווען זייער א הויכער, — ער האט נישט מוותר געווען אויף א קוצו של יו"ד, און פון דער אנדער זייט האט ער נישט געלאזט מרחק זיין אפילו די נידריגסטע.

הארץ רייסענדע סצענעס האבן זיך אפגעשפילט פאר אונזערע אויגן, ווען ס'האט זיך געהאנדלט פון דערוויטערן ח"ו א יוגענטליכן פון די רייען פון סקוליען.

* * *

דער רבי ז"ל איז באוואוסט געוואָרן מיט זיין געוואַלדיגע הצלה אַרבייט פון די יתומים קינדער וואוינענדיג אין טשערנאוויץ אין די מלחמה יאָרן. אין טשערנאָוויץ האָבן געוואוינט פאַר דער מלחמה צוואַנציג טויזענטער אידן, נאָך דער מלחמה זענען געבליבן אין טשערנאָוויץ ביי אַ צען טויזנט אידן.

ווי באַקאַנט איז דער הייליגער "באר מים חיים" געווען רב און טשערנאָוויץ און פון דאָרט האָט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל. פאַר זיין אַוועקפאָרן פון דאָרט האָט ער געבענטשט די שטאָט מיט 3 ברכות, א) אז טשערנאָויץ זאָל זיין א שטאָדט פון פרנסה, ב) אין טשערנאָוויץ זאָלן ניט ברענען עטליכע הייזער מיט אַמאָל, ג) אַז אין אַן עת צרה זאל מען אין טשערנאָוויץ ווייניגער ליידן.

און ס'איז אַ פאַקט, אַז טשערנאָוויץ איז געווען די איינציגע שטאָט, וואָס כאָטש די דייטשן ימ"ש זענען דאָרט אויך געווען און אַוועקגעשיקט אידן צום פארניכטן, איז דאָך געבליבן דאָרט בהשגחת הבורא אַ צאָל אידן, אויך דער רבי ז"ל איז נישט פארשיקט געווארן, די השגחה האט געפירט אז אַ מאַיאָר וואָס פלעגט איינקויפן ביי איינעם פון דעם רבי'ן ז"ל'ס ידידים ר' זאב גאלדשטיין ע"ה, אין זיין גאלד געשעפט, איז געוואָרן אַ גענעראַל, און מר. גאלדשטיין האָט אויסגעניצט זיין באַקאַנטשאַפט מיט אים און האָט אים אריינגעגעבן אַ צאָל נעמען פון מענטשן ווען מען זאָל איבערלאָזן און צווישן זיי איז געווען דער רבי זצ"ל און ר' דוד ב"ר לוי יצחק דערבארעמדיגער ז"ל (אן אייניקל פון הגה"ק מבארדיטשוב זצוק"ל) דעם רבי'נס שוחט.

ווי באוואוסט איז טשערנאוויץ אין די מלחמה יארן עטליכע מאל איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, פון די רוסן צו די דייטשן און פארקערט ביז צום יאר 1945, ווען ס'איז אריבער צו די רוסן, וועלכע האלטן טשערנאוויץ אונטער זייער רעזשים.

דאס זענען געווען שווערע ביטערע צייטן. מערערע מאל איז דער רבי און זיין עדה געווען אין טויט געפאר, איינמאל איז דער רבי שוין געווען אויסגעשטעלט דורך די דייטשן צוזאמען מיט זיין זון — להבחל"ח דער מ"מ כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א — צו שיסן, און דער רבי האט שוין געזאגט ווידוי, אבער ממש אין דער לעצטער רגע איז ערשינען א דייטשער אפיציר'קע ווי פון הימל און מבטל געווען די עגזעקוציע, און אט אין יענע יארן האט זיך אנגעפאנגען די גרויסע הצלה ארבעט פון דעם רבי'ן זצ"ל.

די מלחמה און דאָס בייטן פון די רעזשימען האָט מיט זיך געברענגט קיין טשערנאוויץ אָן אַ שיעור אומגליקליכע מענטשן און היימלאָזע יתומים און יתומות, און דעם רבי'נס הויז איז געווארן דער צענטער פון ראטעווען מענטשן אין נויט, באזונדער די פארוואגלטע יתומים.

דאס הויז פון רבי'ן זצ"ל איז אלע מאל געווען א הויז פון רעטונג און הילף פאר יעדן עלנדן און ליידענדעם, אבער באזונדערס האט זיך דאס אויסגעצייכנט אין די צייטן פון די גרויסע אקציעס פון טשערנאוויץ און יאס.

די רוסן האָבן געוואָלט איינאָרדענען די יתומים אין אַלגעמיינע יתומים הייזער, דער רבי ז"ל האָט אָבער אָנגעהויבן צונויפנעמען יתומים און זיי איינגעאָרדענט באַזונדער. ווען די רוסן האָבן אים גענומען רודפ'ן פאַר דעם, האָט ער אויסגענוצט אַ

אדאַפּטירונג געזעץ און ער האָט אַ צאָל קינדער אָפּיציעל אַדאַפּטירט און מיט דעם האָט ער מבטל געווען די שליטה פון די רוסן איבער די קינדער און אים ערמעגליכט מגדל צו זיין די קינדער אין אידישן וועג.

ער האָט אויך באַווירקט אַ צאָל אידן אַז אויך זיי זאָלן אַדאַפּטירן קינדער לויט די פאָרמאַליטעטן פון רוסישן געזעץ און דאָס אַחריות פון אויסהאַלטן האָט ער גענומען אויף זיך.

צוזאַמען האָט די צאָל קינדער אונטער זיין פּערזענליכער אחריות געגרייכט אין די הונדערטער, און דערפאַר האָט מען אים אין טשערנאָוויץ גערופן דער אבי יתומים.

אויך ווען דער רבי איז שפּעטער אריבער קיין רומעניע און געוואוינט און בוקארעסט, וואוהין ער האט מיט זיך מיט געבראכט די יתומים קינדער, האָט ער אויך נאָכדעם נישט נאָכגעלאָזט זיין אַרבייט און האָט דאָרט אָנגעפירט מיט די גרויסע יאַס'ער הצלה אַקציע וואו מ'האָט אָפּגעראַטעוועט שווערע הונדערטער קינדער, און דער רבי זצ"ל האָט פאַר זיי אויפגעשטעלט ספּעציעלע היימען אונטער זיין פּערזענליכע אויפזיכט וואו ער האָט זיך פאַר יעדן געזאָרגט ווי אַ אייגענער טאַטע.

אויך נאָך זיין באזעצן זיך אין אַמעריקע איז הצלת ישראל פאַר אים געבליבן איינס פון די הייליגסטע ענינים, ער האָט ניט פארגעסן די פילע אידן פון רומעניע און ער האָט פיל פון זיי ארויסגענומען פון דאָרט, ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיטן גורל פון אידן אין אַנדערע לענדער, און וואו נאָר אַ איד אין דער וועלט איז געווען אין סכנה איז ער געווען דער ערשטער צו אַלאַרמירן און אונטערנעמען אַן איניציאַטיווע פאַר זיין רעטונג.

"חסד לאברהם"

פון די וויכטיגע פעולות פונעם רבי'ן ז"ל זייענדיק דאָ אין אַמעריקע זענען די קינדער מוסדות "חסד לאברהם" וואָס ער האָט געעפנט אין ארץ ישראל (אייניקע אינטערנאַטן פאַר היימלאָזע קינדער און איבער 50 תלמוד תורה'ס פאַר נאָך סקול־צייט). די מוסדות זענען באַזונדער פאַר קינדער פון צעבראָכענע היימען, עולים פון רומעניש־רוסישע געגענטן, די עסקנים פון די מוסדות "חסד לאברהם" טראָגן אויך באַדייטנדע הילף פאַר די עלטערן פון די קינדער און דאָס האָט האָט אַן השפעה אויך אויף דער אידישקייט פון די היימען.

ראטעווען די עלענדע און פארבלאנדזשעטע נשמות האט זיך גענומען דער רבי זי"ע. דער רבי האט זיך גענומען צו דער אויפגאבע פון "נחמו נחמו עמי יאמר אלקיכם", צו טרייסטן און שטאַרקן דעם אידישן פאָלק דורך דעם וואָס אידישע קינדער וועלן קענען זאָגן אני ה' אלקיכם.

* * *

דער רבי זצ"ל איז געווען מקושר אלס חסיד צו בית רוזשין, אבער צו דער זעלבער צייט אויך צו אלע אנדערע גרויסע און אנערקענטע צדיקים פון דור.

ער פלעגט אפט זאגן אז חסידות דארף מען לערנען ביים רבש"ע, ווי די חז"ל זאגן הדבק במידותיו, און וועגן השי"ת שטייט דאך "אוהב צדיקים", און ניט אוהב צדיק.

דער רבי ז"ל איז געבליבן א חסיד און מיט זיין עניוות זיך געהאלטן פאר א פשוט'ן חסיד ביי די צדיקי הדור, אויך נאכדעם ווי ער אליין איז געווארן אנערקענט אלס גרויסער רבי צו וועמען פיל אידן זענען געקומען פאר עצות און ברכות.

ער אליין האט מיט א געוואלטיקער אמונת חכמים מעריך געווען אלע צדיקים און געבעטן זייער ברכה ביי יעדער מעגליכער געלעגנהייט.

פרק א
בית אביו

דער סקולענער רבי, **הגאון הצדיק רבי אליעזר זוסיא פּאָרטוגאַל זצ"ל**, איז געבוירן געוואָרן מיט בערך 87 יאָר צוריק, (א' ר"ח חשון שנת תרנ"ח), אַ בן זקונים צו זיין גרויסן טאַטן **הגאון הצדיק ר' ישראל אברהם פּאָרטוגאַל זצ"ל** וועלכער האָט משמש געווען ברבנות אין פאַרשידענע שטעט אין רוסלאנד, און באחרית ימיו ווען ער איז פארפאלגט געווארן פון דעם גובערנאטאר פון זיין שטאט האט ער פארלאזט רוסלאנד און איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סקוליען, אַ שטעטל און בעסאראַביעביים גרעניץ צווישן רוסלאנד און רומעניע.

דעם רבי'נס טאַטע הגאון הצדיק רבי ישראל אברהם זצ"ל איז געווען אַ תלמיד מובהק און אַ מוסמך פון הגאון הקדוש ר' ישעי' שור אבד"ק יאַסי והמדינה, אַ תלמיד פון אדמו"ר הרה"ק ר' מרדכי קרעמניצער זצ"ל אַ זון און תלמיד פון המגיד הקדוש ר' מיכל מזלוטשוב זצ"ל, פון די הייליגע חברי' ביים בעש"ט הק' זצוק"ל.

הגה"ק ר' ישעי' שור זצ"ל פלעגט זייער מחבב זיין דעם תלמיד, אויף ווענען ער פלעגט זייער אכטונג געבן ער זאָל שטייגן אין תורה ויראת שמים און חסידות. רבי ישראל אברהם ז"ל פלעגט דערציילן אַז טאמער פלעגט ער אַמאָל שלאָפן מער ווי צוויי שעה פלעגט אים זיין רבי ר' ישעי' שור ז"ל אויפוועקן זאָגענדיג: ישראל אברהם'ניו דאָס איז ניט געשלאָפן נאָר געפאָפן.

רבי ישראל אברהם איז געווען שטאַרק מפורסם אַלס אַ גדול בתורה, ווי מען זעט פון זיינע תשובות ווי ער איז נושא ונותן בהלכה מיט אזעלכע גדולי הדור ווי דער "שואל ומשיב" ז"ל און אַנדערע פוסקים פון זיין צייט און אַלע האָבן געשריבן צו אים כאחד מהגדולים שבדור, און אין די געגענטן פון בעסאראַביא, פּאָדאָליע, וואָלין, פלעגט מען אים רופן צו אַלע שווערע דין תורה'ס צוליב זיין גרויס פקחות און גדלות בתורה ויראה.

אויך איז ער געווען זייער גרויס אין יראת שמים און עבודת השם, דער רבי ז"ל פלעגט דערציילן אַז אַלס קינד פלעגט ער זיך אַסאַך צוהערן צו זיין טאַטע'נס לערנען פלעגט ער אים הערן אין מיטן לערנען אַ געשריי טאָן: אוי רבונו של עולם חטאתי עויתי פשעתי. פאַרן שרייבן אַ תשובה פלעגט ער זיך דבק'ען מיט פאַרמאַכטע אויגן און זאָגען ווידוי.

דער רבי ז"ל פלעגט עס מסביר זיין אַז דאס איז געווען ווייל אין ספרים הקדושים ווערט געבראַכט אַז אויב מען פאַרשטייט עפּעס נישט אין לערנען איז ווייל די זינד מאַכן אַ מחיצה צווישן דעם מענטש און די תוה"ק, דערפאַר איז נויטיג אַז פאַרן לערנען זאָל אַ איד מהרהר זיין בתשובה.

זיין דבקות אין השי"ת האט זיך שטארק ארויס געוויזן מיט זיין עבודת הנגינה,

ובפרט ביי די שבת׳דיגע זמירות, (ער פלעגט בעטן יעדן אורח עפעס זינגן און טאָמער דער אורח האָט ניט געקענט זינגען פלעגט ער אים זאָגן: קענט איר ניט זינגן אַ ניגון טאָ דערציילט אַ ניגון), און ווען ער פלעגט זינגן דעם ניגון פון י־ה רבון עלם פלעגן זיך 2 רוטשקעס טרערן גיסן פון זיינע אויגן. הושענא רבא פאַר נאַכטס פלעגט ער זיך אָפזונדערן אין סוכה זיך געזעגענען מיט די ארבעה מינים, א גרויסע עבודה האט ער אראפגעלייט דערביי, הייסע טרערן פלעגן דאן באדעקן זיינע אויגן.

ערש״ק ל״א בעומר ט״ז אייר שנת תרע״ה ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן לערנען חומש מיט רש״י איז ער געפאַלן אין בעט, ליגענדיג אין בעט האט ער גארנישט גערעדט, מען האט אים נאר געהערט קרעכצן, זיין רביצין ע״ה וועלכע האט מורא געהאט אויב ס׳איז חלילה נישט געשעדיגט געווארן זיין כח הדיבור, האט אים געפרעגט: צוליב וואס קרעכצט ער, האָט ער איר געענטפערט מיטן פסוק: מה יתאונן אדם חי? גבר על חטאיו...

יענעם שבת האָט ער ווי געוועגליך געוואָלט שמעקן טאַבאַק לכבוד שבת, און נאכדעם וואס ער האט עטליכע מאל געבעטן דעם טאבאק, און זיין טאָכטער (דעם רבי׳נס ז״ל שוועסטער) האָט אים נישט געוואָלט געבן ווייל דער דאקטאר האט עס פארבאטן צוליב זיין געזונט צושטאנד, און זי האָט אים געפרעגט פאַרוואָס פעלט אויס דעם טאַטען טאַבאַק, האָט זיך רבי ישראל אברהם ז״ל אָנגערופן צי איר: טאָכטער ״דו ווייסט דען מיינע רעיונות״?...

ס׳איז אנגעקומען זונטאג ל״ג בעומר, און איינעגע בעלי בתים מיט איינעם פון די שטאט שוחטים זענען געקומען אים מבקר חולה זיין, און זענען געשטאַנען נעבן זיין בעט. רבי ישראל אברהם האט דאן גארנישט גערעדט נאר ער איז געווען זייער פארטיפט אין זיינע געדאנקן. דער שוחט וועלכער האט געוואלט הערן פון אים א ווארט האט זיך אנגערופן: וואס טראכט דער רבי? האט זיך איינער פון די בעלי בתים אנגערופן צי אים: וואס פרעגט איר? רבות מחשבות בלב איש... דאַן האָט זיך רבי ישראל אברהם ווי אויפגעכאַפט פון זיינע געדאַנקן און געזאָגט: דער רבי ז״ל (מיינענדיג דערביי דעם ערשטן סאַדיגורער רבי׳ן הרה״ק רבי אברהם יעקב זי״ע ועכ״י צו וועמען ער איז געפאָרן אַלס חסיד, און ווען ער האָט געזאָגט דער רבי סתם האָט ער אים געמיינט) האָט געזאגט אויף דעם פסוק רבות מחשבות בלב איש, ד. ה. ווי קומט צו אַ אידיש הארץ אַסך מחשבות, אַ מענטש דאַרף צו האָבן נאָר איין מחשבה, דאָס איז דבקות אין השי״ת? דער תירוץ איז ״איש״ (איש איז אַ לשון פון הערשאַפט ווי ס׳שטייט און די משנה אישי כהן גדול, זעה תוס׳ יו״ט אבות פ״א במשנה אנטיגנות איש סוכו) מען האַלט זיך פאר אַ אדון, ״ועצת״ וואָס איז די עצה צו פארטרייבן די רבות מחשבות, ״ה׳ היא תקום״, דער איד זאָל מקיים זיין שויתי ה׳ לנגדי תמיד דאָס איז די עצה געגן די רבות מחשבות.

דאס איז געווען זיינע לעצטע ווערטער, און אין דעם טאָג איז ער נסתלק געוואָרן איבערלאָזענדיג נאָך זיך זיין אינגסטן זון דעם רבי׳ן ז״ל וואָס איז דאַן אַלט געווען

בערך 17 יאָר, און כאָטש ער איז געווען אַ "רך בשנים" איז ער אָבער שוין דאַן געווען אַ "זקן" בתורה ביראה וחסידות ווי ער האָט געהאט מקבל געווען תורת הנגלה וחסידות ביי זיין גרויסן טאַטען זי"ע ועכ"י.

* * *

"דעם רבי'נס מוטער"

דעם רבי'נס מוטער הרבנית הצדיקת מרת לאה רייזיל ע"ה איז געווען אַ אשה חשובה מאד, זי איז געווען א בת גדולים, איר פאטער איז געווען הגאון הצדיק ר' חיים אבד"ק סלאפקאוויץ א שטעטל און פאדאליא גורבעניא אין רוסלאנד, אויף וועמען מ'האט געזאגט אז ער איז א בעל רוח הקודש. ער איז קודם געווען א דיין אין דעם בית דין פון הגאון הקדוש ר' ישעי' שור יאס'ער רב זצוק"ל, נאכדעם איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב און סלאפקאוויץ.

סלאפקאוויץ איז געווען א בארימט שטאט וואו עס האט דארט געהאט געוואוינט איינער פון דעם בעל שם טוב הקדוש'ס תלמידים הצה"ק ר' ארון קליוואנער זצ"ל, און ווען ר' חיים איז דארט געווארן רב, האט הגה"ק ר' ישעי' שור זצ"ל אים געשריבן: "אשריך שזכית להיות במקום ארון הקודש".

ר' חיים זצ"ל איז געווען א גרויסער מיוחס, ער איז געווען אן אייניקעל פון דעם בעל תורת חיים על הש"ס, אויך האט ער געהאט ביי זיך א כתב יחוס ביז רש"י הקדוש ז"ל.

ער איז געווען א קרוב מיט הרה"ק ר' ישעי' שור ז"ל, און דאס ידידות צווישן זיי איז געווען זייער גרויס. דעם רבי'נס מוטער ע"ה וועלכע פלעגט פון אלץ יונג קינד אויף זייןביידערנאכט ווען איר טאטע פלעגט זיצן און לערנען און אים אפווארטן, (וואס דורך דעם האט זי אויך קונה געווען אסאך ידיעות און תורה), האט אמאל דערציילט: אז איינמאל אין מיטן לערנען איז איר טאטע ז"ל איינגעדרומעלט געווארן, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער זיך אנגערופן צו איר מיט א קרעכץ: אוי וועהר ווייסט וואס עס הערט זיך ביי רבי ישעי' שור, ווייל ווען איך בין איינגעדרומעלט געווארן האב איך געזען ווי מען טראגט א מיטה און מען זאגט תנו כבוד... ווייל מען פירט איצט אריבער רבי ישעי' שור קיין ארץ ישראל... שפעטער איז מען געוואויר געווארן אז דאן אין יענער צייט איז רבי ישעי' ז"ל נפטר געווארן.

און אין דעם תורה'דיגן שטוב איז דעם רבי'נס ז"ל מוטער אויפגעצויגן געווארן, ווי ס'האט זיך געהאט דערקענט אויף איר מיט איר גרויסע באשיידענע מדות ומעשים טובים.

*

די רביצין הרבנית שיינא רחל (אשת כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה) ע"ה האט דערציילט: אז איר שוויגער דעם רבי'נס מוטער ע"ה האט איר דערציילט אז איר טאטע ז"ל פלעגט האבן א גרויסע עבודה יעדע נאכט מיט פארייכערען א ציגאר.

איינמאל און מיטן דערנאכט האט ער געוואלט פארייכערן, און האט נישט געהאט קיין ציגאר האט ער איר געשיקט זי זאל אים גיין קויפן. דער וועג צום געשפעט וואו מען האט געקענט קויפן ציגארעטן האט געפירט נעבן א געדיכטן וואלד, וואו מענטשן האבן מורא געהאט אדורך צו גיין ביי דערנאכט, ווייל עס פלעגט ארום גייען שמועות אז די נישט גוטע דרייען זיך דארט. דעם רבי׳נס מוטער זייענדיג א יונג קינד האט זי געזאגט פאר איר טאטע׳ן אז זי האט מורא צו גיין, האט איר דער טאטע געגעבן זיין שטעקן און איר געזאגט אז מיט דעם קען זי גיין און האט נישט וואס מורא צו האבן, טאמער זי וועט עפעס זעהן זאל זי אויפהייבן דעם שטעקן. הערענדיג דאס האט עס איר געגעבן מוט צו גיין. אויפן וועג אדורעכגייענדיג דעם וואלד האט זי באמערקט א געשטאלט אנגעטאן און ווייסן, האט זי אויפגעהויבן דעם שטעקן און ס׳איז נעלם געווארן.

*

נאכדעם וואס זי האט חתונה געהאט מיט איר גרויסן מאן הגאון הצדיק רבי ישראל אברהם ז״ל איז זי אים שטארק צוגעשטאנען צו זיין רעכטע האנט.

רבי ישראל אברהם ז״ל וואָס אַחוץ זיין גרויס גדלות אין תורה און זיין עבודת השם איז ער אויך געווען אַ גרויסער מכניס אורח, און מיט די הילף פון זיין גרויסע רביצין האָט ער אַסאַך אויפגעטאָן אויך אויף דעם געביט.

סקולען איז געווען ווייט פון באַן סטאַנציע, פלעגט זי צוגרייטן אַ סאַמאָוואַר אין דער צייט ווען די פיאַקירס פלעגן קומען, און קוקן פון ווייטן אפשר קומט אַן אורח.

און סקוליען פלעגט מען זאָגן: ווי נאָר ס׳קומט אַן אורח פאָרעט אים די סקוליענער רביצין אָפּ מיט א הייסע טיי א.ד.ג.

און אַז אַן אורח פלעגט זיין ניט געזונט פלעגט זי אים ניט אַרויסלאָזן ביז ער איז געוואָרן געזונט.

יעדען פרייטאָג פלעגען זיי שיקן חלה און פיש און א. וו. צו באַהאַלטענע אָרימע־לייט, און רבי ישראל אברהם ז״ל פלעגט צולייגן עפעס געלט, דער רבי ז״ל אָדער זיין שוועסטער פלעגן זיין די שלוחים.

אויך נאָך די פטירה פון איר גרויסן מאַן הגאון הצדיק רבי ישראל אברהם ז״ל כאָטש מען איז געבליבן אָרעם, מען פלעגט אַליין דאַרפן באָרגן אויף שבת, האָט אָבער די צדיקת די רביצין נישט נאָכגעלאָזט פון די אלע גוטע מנהגים, און ווען זי פלעגט שיקן געלט צו אַן אָרימאַן מיט איינע פון די קינדער פלעגט זי הייסן מען זאָל זאָגן: די מאַמע האָט אָפּגעשיקט די 50 רייניש א.ד.ג. כדי אַז דער אָרימאַן זאָל זיך נישט שעמען עס זאָל אויסזעהן ווי זי באַצאָלט יענעם אַ חוב.

*

זי איז נפטר געוואָרן כ׳ אדר תרפ״א, און דער רבי ז״ל פלעגט האַלטן זייער חשוב דעם טאָג פון איר יאָרצייט. איינמאָל אין דעם אָוועטנט פאַר די יאָרצייט האָט דער רבי

ז"ל מיר אָנגערופן פרעגן צו איך קען קומען צי אים מאָרגן נאָך מיטאָג. ווייל ער האָט יאָרצייט נאָך זיין מאמע, נאָכדעם וואָס מען האָט געטרונקען לחיים האָט ער געזאָגט צו מיין חשוב'ע פרוי מרת איטה תחי', זי זאָל אָריינרופן די מאַמע (הרבנית הצדיקת מרת שינא רחל ע"ה) און די שנור (יבלח"ט כלתו הרבנית רייזל שתחי' אשת בנו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א) ווייל ער וויל רעדן פון זיין מוטער ע"ה.

צווישן די רייד וואס דער רבי ז"ל האט געשמועסט האָט ער געזאָגט: "די חז"ל זאָגן אויף רבי יהושע בן חנניא אשרי יולדתו... איך בין ניט ר' יהושע בן חנניא, אָבער מיין מוטער... אויב איך בין יאָ אַרויף אביסל אויפן דרך הישר, איז דאָס צוליב מיין מוטער.

"איך בין געבליבן אַ יתום צו 16־17 יאָר, יאָרן אין וועלכע אַ מענטש וואַקעלט זיך, און אין אונזער געגענט איז תורה געווען ווייניג, נאָר אירע זיסע מוסר ווערטער און מסירות נפש האָט מיר מחזק געווען.

"זי פלעגט אַלעמאל זאָגן מוסר ווי טייער מען דאַרף האַלטן די צייט, מען זאָל זיך נעמען אַ ביישפיל ווען איינער פאַרלירט געלט אָדער אַן אַנדערען טייערן חפץ ווי ווייט איז זיך דער מענטש מצער, כאָטש דאָס געלט קען מען נאָך געפינען אָדער צוריק פאַרדינען און דעם טייערן חפץ קען מען נאָכאַמאָל קויפן. איז ווי ווייט דאַרף מען זיך מצטער זיין ווען מען פאַרלירט די צייט וואָס דאָס קען מען שוין קיינמאָל נישט אָפקויפן פאַר קיין שום געלט אויף דער וועלט.

"איינמאָל האָט זי אַריינגעטראָגן אין הויז אַ בלומעלע וואָס האָט אין זיך געהאַט בלעטלעך פון פאַרשידענע פאַרבן און האָט געזאָגט: קוק די נפלאות הבורא פון אייבערשטן: אין איין בלומעלע זאָל זיין אַזויפיל פארשידענע פאַרבן.

"עטליכע טעג פאַר איר פטירה האָט זי מיר געזאָגט אַ פשט און דעם וואָס מען זאָגט ביים דאַווענען והסר שטן מלפנינו ומאחרינו, און זי האָט מסביר געווען וואָס הייסט מלפנינו ומאחרינו, ווייל דאָס וואָס אַ מענטש גרייט זיך צו ביים לעבן מיט תורה און מצות ומעשים טובים דאָס גייט פאָראויס פאַרן מענטש, ווי דער פסוק זאָגט צדק לפניו יהלך, אָבער דער יצר הרע פאַרדרייט דעם מענטש ביים לעבן ער זאָל זיך נישט צוגרייטן ווי מען באַדאַרף, ער קען זיך פארלאזן אויף די קינדער אז זיי וועלן אים שוין נאכטראגן מיט קדיש און משניות לערנען א.ד.ג. ווייטער איז דאָ דאָס וואָס עס קומט נאָך אויף יענער וועלט מיט דעם וואָס די קינדער זענען מכבד די עלטערענס נשמה נאָך זייער פטירה מיט לערנען און געבן צדקה לטובת זייער נשמה, קומט אָבער דער יצה"ר און רעדט אָפּ די קינדער אַז די עלטערן דאַרפן נישט זייער לערנען און צדקה, זיי האָבן זיך אליין געגוג צוגעגרייט א. אז. וו. ממילא בלייבן די עלטערן מיט גארנישט איז דערפאַר בעט מען והסר שטן "מלפנינו" ד"ה פון דעם וואָס מען באַדאַרף זיך צוגרייטן פון פאָראויס ווען מען לעבט נאָך, "ומאחרינו" און אויך שטעל אָפּ דעם יצה"ר ער זאָל נישט קענען אָפרעדן די קינדער פון נאָכטראָגן די עלטערן זכותים נאָכדעם וואָס זיי זענען אויף יענער וועלט.

"און די ווינטערדיגע קאלטע נעכט פלעגט זי אויפשטיין און מיטן דערנאכט צוגרייטן טיי און אנדערע געשמאקע געבעקסן עס זאל פארשמעקן די קינדער אויפצושטיין צום לערנען, און מיט דעם גרינגער מאכן פאר די קינדער אויפצושטיין און די קאלטע נעכט צום לערנען.

"אויך שפעטער ווען איך האָב געלערנט און דער פרעמד, האָט זי מיר געשיקט געלט וואָס זי האָט אָפגעשפאָרט פון איר ביסן". בערך דאָס זיינען געווען דאַן דעם רבי'נס ז"ל רייד, תנצבה"ח.

פרק ב

דער רבי זצ"ל און סקוליען

צו 18 יאָר האָט דער רבי ז"ל איבערגענומען זיין טאַטענס שטעלע און איז געוואָרן רב אין סקוליען, צו זיין האַנט זענען צוגעשטאַנען גרויסע רבנים ואדמורי"ם צווישן זיי דער באַהושער רבי אדמו"ר הרה"ק ר' ישראל שלום יוסף זצ"ל און הגאון הגדול הרב"ז מבאַקוי זצ"ל.

אין סקוליען איז דער רבי זצ"ל געזעסן אויף זיין כסא הרבנות ביז אין מיטן פון די דרייסיגער יאָרן, אָבער זיין נאָמען איז געוואָרן באַרימט אויך אויסער די גרעניצן פון זיין שטעטל.

זיין לומדות, זיין צדקות, זיין דבקות'דיגע עבודת ה', זיינע האַרציג התלהבות'דיגע דרשות, ווי בכלל זיין רבנישע הנהגה מיט אַ גוואַלדיגע השפעה אויף יונג און אַלט האָט אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען אין גאַנץ רומעניע און אים ארויסגעשטעלט ווי איינעם פון די גדולי הרבנים פון לאַנד.

* * *

"דער קאַמף איבער דער תלמוד תורה"

אין סקוליען אַזוי ווי אין אַנדערע שטעטלעך איז נישט געווען קיין אָפּעציעלע תלמוד תורה, נאָר יעדער פלעגט דינגען אַ מלמד פאַר זיינע קינדער, אָבער אין יענע יאָהרן האָבן זיך די פרייע און די אַזוי גערופענע ציונים זיך פאַרשפרייט אין די שטעטלעך אין גאַנץ בעסאראַביע און אויפגעשטעלט אַ נעץ פון "תרבות" שולן. אויך אין סקוליען האָבן זיי געוואלט אויפשטעלן אַזאַ שוהלע. דער רבי ז"ל האָט זיך גלייך גענומען צו דער הייליגער אַרבעט פון שאַפן תלמוד-תורה'ס און דורך זיי צו באַקעמפן די סכנה פון די "תרבות" שולן, אָבער א חלק פון די רייכע בעלי בתים האָבן אָנגעהויבן מיט אַ שווערן קאַמף אַקעגן אים. צום רבי'נס צד האָבן זיך צוגעשטעלט די פשוט'ערע בעלי בתים און בעלי מלאכות און דער המון עם וואָס איז געווען זייער צוגעקלעפט צום רבי'ן ז"ל אַלס רעזולטאט פון זיין גוט האַרץ ווי ער האָט יעדען מקרב געווען מיט א גוט וואָרט א. ד. ג.

די רייכע בעלי בתים זענען ניט צופרידן געווען פון דעם, און איינער א בעל הבית, האט זיך אמאל אויסגעדריקט: אז איך קום אריין יום טוב צום רב טרעף איך שוין דארט זיצן אויבן אָן יוס'ל דער בייגל טרעגער מיט יעקב דעם שוסטער און מיכל דעם שניידער.

און אזוי ווי דער אַרבייטער קלאַס איז צוגעשטאַנען צום רבי'ן ז"ל אים העלפן בויען די תלמוד תורה און ווי אויך אין זיין קאַמף געגן די פרייע שולע וואָס איז

געבויט געוואָרן דורך דער אַריסטאָקראַטיע, האבן די בעלי בתים געזאגט אויפן רבי'ן אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ווייל ער אַרבעט צוזאַמען מיט די אַרבייטער קלאס.

אָבער דער רבי ז"ל איז אָנגעגאַנגען מיט זיין קאַמף און ער האָט אויפגעשטעלט די תלמוד תורה מיט גרויס מיהע וואו ער האָט געהאַט גרויס הצלחה אַריינציענדיג אין דער תלמוד תורה כמעט אַלע קינדער פון שטאט, און מיט דעם האט ער מבטל געווען זייער פלאַן פון אויפשטעלן דארט א תרבות שולע. די תלמוד תורה האט געהאט גרויס הצלחה און ס'האט זיך פארברייטערט לשם ולתפארת, און צום סוף האבן אויך די געגנער געשיקט זייערע קינדער אין דער תלמוד תורה.

ווען די תלמוד תורה האָט זיך אַמאָל געגרינדעט אין געלט האָט דעם רבי'נס צד אויסגעפירט אַ פאַרשטעלונג פון קינדער, וואָס איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, אַז אפילו די טעאַטער באַזוכער האָבן געזאָגט נאָך דעם אַז זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַז מען זאָל אויפן פרומען וועג קענען דורכפירן אַזאַ הערליכן פראָגראַם.

שפעטער איז דער קאַמף קעגען רבי'ן ז"ל נאָכמער פארשארפט געווארן ווען ער האט גע'אסר'ט א שוחט אין שטעטל וואס איז געווען א קל. דער שוחט איז ניט געזעסן מיט פארלייגטע הענט און האט אויפגעשטעלט געגן דעם רבי'ן א פארטיי וואס האט זיך פאראייניגט מיט דעם רבי'נס פריערדיגע שונאים, די רייכע בעלי בתים ווי אויך אייניגע פון די קצבים פון שטאט, וואס האבן אים שטארק פארפאלגט און אויסגעטיילט צרות. ס'איז געגאנגען אזוי ווייט אז עס זיינען ארומגעגאנגען שמועות אז די קצבים גרייטן זיך אנצומאכן א גרויסן סקאנדאל ביים רבי'ן.

דאן האבן זיך אויך צו געשטעלט צום רבי'ן ז"ל די פשוט'ערע בעלי בתים און די ארבייטער קלאס, און אין איינע פון יענע טעג איז צום רבי'ן אריינגעקומען דער אידישער פירער פון איינע פון די ארבייטער פארטייען און האט ארויסגענומען א רעוואלווער, באוויזן דעם רבי'ן און געפרעגט: איר ווייסט וואס דאס איז? דער רבי ז"ל וואס האט דאס געזען צום ערשטן מאל האט נישט געוואוסט וואס פאר א כלי דאס איז, האט אים דער פירער געזאגט דאס איז א רעוואלווער, איך האב געהערט אז די קצבים ווילן קומען צו אייך מאכן א סקאנדאל, האט ניט קיין מורא, זאלן זיי נאר קומען! איך וועל זיי שוין ווייזן.

ווען דער קאמף האט זיך זייער געשטארקט האט דער רבי ז"ל אנגעשריבן צו אלע גדולי הרבנים וועלכע זיינען אלע אן א אויסנאם ארויסגעקומען און זיך אנגענומען פארן רבי'ן ז"ל. צווישען זיי איז געווען דער קעשענאווער רב הגאון מהרי"ל צירלסאהן זצ"ל און הגאון הצדיק אבד"ק ניאמץ ר' חיים מרדכי ראללער זצ"ל און נאך.

דער רבי ז"ל האט וועגען דעם געשריבן אויך צום וויזשניצער רבי'ן דער "אהבת

ישראל" זצ"ל, און דער אהבת ישראל האט אראף געשיקט קיין סקוליען זיין זון הגה"צ אדמו"ר מהר"ר ברוך פון סערעט זצ"ל ער זאל מחזק זיין דעם רבי'ן.

אזוי איז דער רבי זצ"ל געשטאנען על משמרתו סיי מיטן קאמף פאר דער תלמוד תורה ווי אויך מיט זיין קאמף קעגן דעם שוחט וואו ער איז געשטאנען שטארק מיט זיין דעת תורה אז יענער טאר ניט זיין קיין שוחט.

ס'איז כדאי צו באמערקען אז א טאכטער פון איינעם פון די קצבים אין סקוליען וועלכער איז געווען פון דעם רבי'נס ז"ל שארפסטע געגנערס האט זיך נאך די מלחמה אויפגעהאלטן ביים רבי'ן און שטוב.

אויך אין אנדערע ענינים איז דער רבי ז"ל געשטאנען אויף דער וואך נישט צולאזן קיין שום פירצות. זיין זוהן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערציילט אז ער געדענקט ווען אלס קינד איז אין סקוליען געקומען וואוינען איינער וואס איז געווען מאראליש געזונקן, דער רבי ז"ל וואס איז נאך דאן געווען א יונגערמאן האט אים באפוילן צו פארלאזן די שטאט, אבער דער באפעל איז געפאלן אויף טויבע אויערן. האט דער רבי ז"ל גענומען דעם שוחט און מיט שטעקענעס געגאנגן צום יענעם'ס הויז, פארשטייט זיך אז די שטאט מענטשן זענדיג דעם רבי'ן ז"ל ארויסגיין אויף אזא סארט אופן זענען זיי אלע אים נאכגעגאנגן, ווען יענער האט זיך דערפון דערוואוסט איז אויף אים געפאלן אזא פחד אז ער האט געכאפט זיין גאנץ געפעק אין האט פארלאזט די שטאט.

פרק ג
אין טשערנאָוויץ

ווען דער סאדיגערער רבי אדמו"ר ר' מרדכי שלום יוסף זצ"ל איז געקומען אויף א באזוך קיין רומעניע, און ער האט אויך אפגעשטאט א באזוך אין סקוליען, כדי דעם רבי'ן ז"ל מחזק זיין אין זיין עבודת הקודש און אין זיינע קאמפן פאר די ת"ת א. אז. וו. האט ער משפיע געווען אויף דעם רבי'ן ז"ל אז ער זאל זיך אריבערציען קיין טשערנאוויץ וואו ער איז געווארן א מיטגליד פון דעם דארטיגן רבנות.

ער האט דארט געארבעט פאר אידישקייט אין רומעניע צוזאמען מיטן גאון און מנהיג רבי יהודה ליב צירלסאן זצ"ל פון קעשענוב און דעם גאון וצדיק אבד"ק ניאמץ ר' חיים מרדכי ראללער זצ"ל.

וואוינענדיג און טשערנאוויץ האט דער רבי ז"ל זייער אסאך אויפגעטאן אויפן געביט פון חינוך, זייענדיג דער מנהל פון דער ת"ת און דער אחראי אויף אלע בתי חינוך פון דער שטאט, וואו ער האט אויך געדינט אלס דער יושב ראש פון דעם וועד החינוך פון אגודת ישראל, און אינאיינעם מיט דעם וועד החינוך האט ער אנגעפירט אויך מיט די בית יעקב שולע און סעמינאר, אויך איז דארט דער רבי ז"ל געווען זייער אקטיוו אין אלע עניני הכלל וואו ער האט צוזאמען געארבעט מיט דעם וויזניצער רבי'ן דער "דמשק אליעזר" זצ"ל.

* * *

"רבי ארי' שערף סאלפעטער שליט"א, דעם רבי'נס ז"ל רעכטע האנט אין טשערנאוויץ"

אז מען וויל פארשרייבן א קאפיטל אין רבי'נס לעבן אין טשערנאוויץ איז נישט מעגליך מ'זאל אויסלאזן אזא חשוב'ע פערזאן ווי ר' ארי' סאלפעטער שליט"א וועלכער איז צוגעשטאנען צום רבי'ן ז"ל און אים געהאלפן מיט מסירות נפש אין אלע זיינע פעולות און ארום אים האט זיך געדרייט די גאנצע ראד פון דעם רבי'נס געשיכטע אין טשערנאוויץ, און דערנאך, די ערשטע יארן אין בוקארעסט, פון וואו ר' ארי' שליט"א האט עולה געווען קיין ארץ ישראל וואו ער וואוינט יעצט און איז עוסק בצדקה ומעשים טובים לאויש"ט בטוב ובנעימים.

ר' ארי' האט קודם געוואוינט און "סעלעטין" וואו ער איז געווען סעקרעטאר אין גאריכט, דערנאך איז ער ארויס פון געריכט און ער איז געווארן סעקרעטאר פון דער קהילה. דארט איז ער געווארן באפריינדעט מיטן סעלעטינער רב הרב פרענקל זצ"ל.

דורך זיין ארבעט אין געריכט האט ער זיך באקענט מיט די באאמטע וואס ער האט דאס אויסגענוצט לטובת הכלל, און דורך זיין ארבעט אין קהלה האט ער זיך באשעפטיגט מיט צדקה א.ד.ג. אויך איז ער געווען זייער אקטיוו אויפן געביט פון טהרת המשפחה.

ער פלעגט דארט אסאך ארויס העלפן דעם סעלעטינער רב מיט טובות ביי דער ארבעט אויף די פאפירן.

ווען די רוסן זענען אריינגעקומען קיין סעלעטין האט ר' ארי' וועלכער האט פארמאגט א גרויסע הויז בירושה, מורא געהאט צו בלייבן זיצן און זיין היימארט, ווייל די רייכע מענטשן פלעגן די רוסן אוועקנעמען און פארשיקן, האט ער זיך אריבער־געקליבן קיין טשערנאוויץ.

און טשערנאוויץ איז ער געווארן א חסיד פון דעם רבי'ן ז"ל און ער האט נאכגעפאלגט דעם רבי'ן ז"ל אויף יעדן שריט און טריט העלפענדיג דעם רבי'ן ז"ל אין אלע זיינע טעטיגקייטן.

* * *

דער רבי ז"ל מיט ר' ארי' און דעם רבי'נס זון (כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א) אונטער די דייטשן.

איך האב שוין דערמאנט אין דעם פארווארט, אז אדאנק מר. גאלדשטיין פון טשערנאוויץ איז דער רבי ז"ל מיט נאך א צאל אידן נישט אוועקגעשיקט געווארן, ס'איז אבער געווען א פאל ווען די רשעים זענען יא געקומען צום רבי'ן ז"ל אים אוועקשיקן קיין טראנסניעסטער.

דער הויז מייסטער וואו דער רבי ז"ל האט געוואוינט איז געווען א גרויסער רשע, און ער האט דאך אין הויז אלעמען געקענט, אבער ווען די רשעים זענען געקומען נעמען דעם רבי'ן ז"ל האט ער פארגעסן פון דעם רבי'ן און געזאגט אז אזא מענטש איז אין דעם הויז ניטא.

ס'איז געווען א פאל ווען די רשעים ימ"ש האבן פארנומען דעם רבי'ן ז"ל מיט יבלח"ט זיין זון — כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א — און ר' ארי' זאל לעבן, מען האט זיי געהאלטן נעבען די באן סטאנציאן, וואו מען האט זיי שוין אויסגעלייגט גרייט זיי צו דערשיסן רח"ל.

די השגחה העליונה האט צוגעפירט אז פונקט דאן איז אנגעקומען אן אפיציר'קע וועלכע האט אויסגעזען צו זיין א מיליטערישע דאקטארין, און ווען זי האט דערזען וואס עס טוט זיך, האט זי גענומען פארשמועסן די אפיצירן וועלכע זענען שוין געשטאנען מיט דער ביקס גרייט צו שיסן.

און ווען די דאקטארין האט באמערקט אז די אפיצירן זענען פארטיפט אין זייער שמועס, האט זי זיך אדריי געגעבן צום רבי'ן ז"ל און געגעבן א זאג אויף דייטש "פארשווינדען זי", זיי האבן גלייך פאשטאנען דעם וואונק, און האבן זיך פארזיכטיג אויפגעשטעלט און זיך גענומען צו אנטלויפן.

די השגחה העליונה האט אזוי געפירט אז דער פלאץ וואו זיי זענען געשטאנען איז פונקט געווען נעבען א ווינקעל וואו זיי האבן זיך געקענט אוועקדרייען אז מען זאל זיי נישט באמערקן וואו זיי אנטלויפן.

אבער ווען זיי האבן זיך אוועקגעדרייט אין דער אנדערער גאס צו אנטלויפן איז דארט געשטאנען א זעלנער וועלכער האט זיי באמערקט, און האט זיי געוואלט צוריקהאלטן. די דאקטארין ווען זי האט דאס באמערקט איז זי צוגעגאנגען צו דעם זעלנער און זיך אנגעהויבן מיט אים צו טענה׳ן און צו אמפערן, און ביז דערווייל האבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט און זענען אנטלאפן אין דעם בית המדרש פון באר מים חיים — וואס איז געווען דער נאנסטע פלאץ דארט, וואו זיי האבן זיך אויסבאהאלטן עטליכע טעג.

אין די מלחמה יארן איז געווען נאר באשטימטע שעה׳ן ווען מען האט געמעגט גיין אויף דער גאס. אמאל האט זיך געמאכט אז ר׳ ארי׳ שליט״א גייענדיג אין די גאס וועגן א וויכטיגע שליחות, האט ער זיך פארשפעטיגט און האט זיך פארזוימט אויף דער גאס נאך די שעה׳ן וואס מען האט געמעגט זיך געפינען דארט.

האט אים א פאליציי מאן אפגעשטעלט און האט אים געוואלט שלאגן. ווען דער פאליציאנט האט געוואלט אויפהייבן די רעכטע האנט אים צו פאטשן האט ער עס נישט געקענט אויפהייבן, האט ער פראבירט אים צו פאטשן מיט דער לינקער האנט און האט אויך נישט געקענט. זעהענדיג דאס האט דער פאליציאנט אים באפרייט.

איינמאל האבן זיי אנגענומען ר׳ ארי׳ מיטן היינטיגן רבי׳ן שליט״א אין טראמוויי, ווייל ס׳איז געווען א ראזיע (אין די מלחמה יארן איז געווען איינגעפירט אז פון צייט צו צייט האבן די מיליטער ארומגענומען א גאס וואו מען האט ביי יעדען אונטערזוכט די פאפירן דאס פלעגט זיך רופן א ראזיע) און מען האט זיי געפירט אין פאליציי, פארן אריינגיין אין קעלער האט ר׳ ארי׳ דערזען די לבנה און האט געזאגט: לאמיר מחדש זיין די לבנה.

און אינטערסאנט איז, תיכף ווען זיי האבן גענדיגט מחדש זיין די לבנה האט מען זיי פריי געלאזט.

* * *

"פסח און טשערנאוויץ אין די מלחמה יארן"

ווי באוואוסט איז אין די מלחמה יארן געווען שווער צו באקומען ווייץ, ווען ס׳איז אנגעקומען פאר פסח האט ר׳ פישל קערפל ע״ה, פון די חשוב׳ע בעלי בתים אין טשערנאוויץ א גרויסער מכניס אורח און א מוקיר רבנן, זיך איינגעשטעלט און ס׳איז אים געלונגן צו באקומן פון ערגעץ וואו ווייץ, וואס ער האט דאס איבערגעגעבן פאר דעם רבי׳ן ז״ל, און א טייל האט ער געגעבן פאר דעם סערעטער־וויזניצער רבי זצ״ל, וועלכער האט זיך דאן געפונען אין טשערנאוויץ אויף זיין וועג צוריק פון טראנסניעסטער, דער רבי ז״ל האט מחליט געווען מען זאל דערפון באקען מצות און פארקויפן פאר היימישע אידן, און דאס געלט שיקן אויף טראנסניעסטער, וואו אידן האבן זיך געפונען אין גרויס ענגשאפט און נויט.

אבער ס׳איז געווען שווער צו געפינען א מילעכל צו מאלן די ווייץ, ווייל דאן איז

געווען פארבאטן פאר א איד צו האבן אן אייגענע מילעכל, ווען מען האט זיך אנגעהויבן צו אינטערסירן וועגען א מילעכל איז דער רבי ז"ל גאוואויר געווארן פון א איד וואס פארמאגט ביי זיך א מילעכל, האט דער רבי געשיקט צו אים ער זאל עס בארגן.

דער איד האט אבער נישט געהאט קיין חשק עס צו בארגן, מורא האבענדיג טאמער בשעת מען וועט איבערטראגן דאס מילעכל, וועט מען עס כאפן און ער וועט אריינפאלן אין צרות, ווען דער שליח איז צוריקגעקומען צום רבי'ן מיט דעם איד'ס תשובה, האט זיך דער רבי ז"ל אויפגעהויבן און אליין אריבער צו דעם איד אין איינעם מיט ר' ארי' נ"י, און דער רבי ז"ל האט דעם איד איבערגערעדט אז ער זאל זיי בארגן דעם מילעכל, אויף זיין אחריות אז ס'וועט בעזהי"ת גארנישט געשען.

זייענדיג ביי דעם איד האט זיך דארט דער רבי ז"ל אביסל פארזוימט, און ווען ער איז אהיים געגאנגען איז שוין געווען נאך די שעה'ן וואס מען האט זיך געמעגט געפינען אויף דער גאס.

אויפן וועג האט א פאליצאנט פארהאלטן דעם רבי'ן ז"ל מיט ר' ארי', און האט זיי געפירט אין א מיליטער סטאנציע פון וואו מען האט זיי געזאלט פארשיקן, און דארט האט ער זיי איבערגעגעבן אין די האנט פון א שומר וואס זאל אויף זיי וואַכן.

דער שומר האט נישט פארגונען אז זיי זאלן שטיין ליידיג ביז מען וועט זיי פארשיקן, האט ער געהייסן זיי זאלן דערווייל אויסקערן אונטער די וועגענער א.ד.ג.

פאשטייט זיך אז דער רבי ז"ל וועלכער איז קיינמאל נישט געווען צוגעוואוינט צו טאן אזעלכע ארבעט איז עס אים נישט גרינג אנגעקומען, ס'איז אויך געווען גרויס די שרעק מען זאל זיי נישט חלילה פארשיקן קיין טראנסניעסטער, האט דאן דער רבי ז"ל מנדר געווען צו געבן עפעס א סכום אויף צדקה.

פלוצלינג גיט זיך דער זעלבער רשע דער שומר א דריי אויס צו זיי און גיט אגעשריי: אנטלויפט'ס שנעל פון דא איך וויל אייך דא נישט זען. פארשטייט זיך אז זיי האבן זיך שנעל אפגעטראָגן פון דארט, און זענען ברוך השם אהיים געקומען בשלו' אָן דעם אז ס'זאל זיי עמיצער אנדערש אפשטעלן.

דאן האט דער רבי ז"ל געזאגט: מן הסתם האט מען פוגם געווען אין "מעשה מרכבה" דערפאר איז מען נענש געווארן צו קערן אונטער די וועגנער פון די רשעים.

דער איד האט טאקע געבארגט דעם מילעכל, וואס מען האט אריבער געטראגן אין א קעלער און א זייטיג געסל, און עטליכע יונגעלייט האבן זיך דארט גענומען צו דער עבודה אפצומאלן דעם ווייץ און צו באקן מצות, און דער רבי ז"ל האט די מצות פארטיילט, און דאס געלט פון די מצות האט ער אוועקגעשיקט קיין טראנסניעסטער.

ווען ס'איז אנגעקומען ערב פסח איז פארן רבי'ן ז"ל און זיין משפחה נישט געבליבן גענוג מצות, ווייל דער רבי ז"ל האט כמעט אלעס פארטיילט.

פלוצלינג קלאפט אן אין שטוב א איד וואס איז געקומען אין שליחות פון דעם סערעטער רבי ז"ל, און געבראכט מצות פארן רבי'ן ז"ל, זאגענדיג דערביי אז דער סערעטער רבי האט געזאגט: אויב דער סקוליענער רב איז דער וואס פארעט זיך מיט די מצות וועט מן הסתם פאר אים אליין גארנישט בלייבן, דערפאר דארפן מיר פאר אים צוגרייטן מצות.

* * *

אין טשערנאוויץ אונטער די רוסן

נאך דער מלחמה ווען די רוסן האבן איבערגענומען טשערנאוויץ איז דארט געוועזן א קיך פון דעם שטאט־ראט פאר די געקומענע פון אנדערע ערטער. זעלבסט פארשטענדליך אז די קיך איז געוועזן טריפה.

דער רבי ז"ל האט דאן אויפגעשטעלט א כשר'ע קיך וואס ער האט געדארפט אליין פינאנצירן.

מענטשן זענען דאן געקומען צום רבי'ן מיט א טענה אז אין דער קיך קומען עסן אויך אזעלכע מענטשן וואס עסן אויך אין דער טריפה'נער קיך.

האט זיי דער רבי ז"ל געענטפערט: אז זיי וועלן עסן אין אונזער כשר'ער קיך, וועלן זיי ניט עסן אין דער טריפה'נער קיך.

האבן די מענטשן נישט אפגעלאזט און ווייטער גע'טענה'ט: אבער נאכן עסן אין דער כשר'ער קיך גייען זיי עסן אין דער טריפה'נער קיך.

דער רבי ז"ל האט אבער נישט נאכגעלאזט און געענטפערט: אבער אז ער עסט פריער אין דער כשר'ער קיך וועט ער דאך שוין נישט קענען עסן אזוי פיל אין דער טריפה'נער קיך, און דאס לוינט זיך אויך...

* * *

די באפרייאונג פון מיליטער דינסט

דער ראבינאט אין טשערנאוויץ האט נאך דער מלחמה אויס גע'פועל'ט ביי די רוסן אז זיי זאלן באפרייען פון מיליטער דינסט א מענטש וואס ברענגט א צעטל אז ער איז א רב.

דער רבי ז"ל וואס האט געקענט גוט רוסיש פלעגט ארויסגעבן די צעטלען.

זייער אסאך האט דער רבי ז"ל דורך דעם ארויסגעהאלפן באפרייט צו ווערן פון מיליטער.

צום ביישפיל דעם פאטיקער רב הרב הגאון הצדיק ר' שלמה זלמן הורוויץ שליט"א (וועלכער האט זיך נאך די מלחמה אויפגעהאלטן א שטיקל צייט ביים רבי'ן ז"ל) האט דער רבי ז"ל געמאכט פאר רב אין שול פון באר מים חיים אין טשערנאוויץ.

ס'האט מיר דערציילט א איד אין ארץ ישראל אז אים האט דער רבי ז"ל געמאכט

פאר לערער אויף עטליכע קינדער און אים געגעבן א צעטל אז ער ארבעט אלס לערער און איז קאנדידאט אויף רבנות.

* * *

ס'איז כדאי צו דערציילן א ענלעכן פאל וואס איז פארגעקומען ווען דער רבי זצ"ל האט שוין געוואוינט אין בוקארעסט, וואס דארט איז געווען דאס געזעץ ווי אין אנדערע מדינות צו שטיין צו מיליטער ווען מען איז אלט 20 יאר און דינען צוויי יאר.

פארשטייט זיך אז אין דעם איז געווען פארוויקלט חילול שבת, אכילת טריפות און אנדערע איסורים, און יחידי סגולה האבן זיך מוסר נפש געווען נישט אריינצוקומען אין מיליטער.

האט זיך געטראפן אז א בחור א ירא שמים, וואס האט שטארק מורא געהאט פאר גיין אין מיליטער, האט געבעטן ביים רבי'ן אן עצה, (דאס איז שוין געווען אין רומעניע וואו דער רבי זצ"ל האט נישט געהאט קיין שום אפיציעלן כח), און דער רבי האט אים געענטפערט, אז מ'באדארף זיך ווענדן צום רב הכולל אז ער זאל אינטערווענירן ביי די מיליטערישע אינסטאנצן אז מען זאל אים באפרייען אויפ'ן סמך וואס דער רב הכולל וועט אים געבן א צעטל אז ער איז א קאנדידאט אויף רבנות.

דער בחור איז געווארן פול מיט פרייד און געוואלט בעטן ביי דעם רבי'ן א רעקאמענדאציע צעטל, אז ער זאל קענען גיין צום רב הכולל.

האט אים אבער דער רבי געזאגט: איך וועל גיין מיט דיר און בעטן פאר דיר! דער רבי ז"ל האט זיך טאקע מטריח געווען און גענומען דעם איבערמאנטל און דעם זילבערנעם שטעקן אין זיין האנט און איז אליין געגאנגען צום רב הכולל. דער רב הכולל האט טאקע אינטערווענירט, און האט גע'פועל'ט ביי די מיליטערישע אינסטאנצן א באפרייאונגס צעטל פאר דעם בחור.

* * *

דער קאמף פאר דעם אידישן קינד

אין טשערנאוויץ איז געווען א גרויסער אידישער יתומים הויז, און בשעת די מלחמה ווען עלטערן האבן געזען אז מען שיקט קינדער קיין טראנסניעסטער, האבן זיי דארט אריינגעווארפן זייערע קינדער, וואס צווישן זיי זענען געווען א סאך רעליגיעזע קינדער.

נאך דער מלחמה ווען די פאליטישע מאכטן האבן זיך געענדערט און טשערנאוויץ איז אריבער אונטער אן אנדערען רעזשים, האבן זיך אנגעהויבן רדיפות נאך די אידישע קינדער כדי זיי אפרייסן פון די עלטערן וואס זענען געווען רעליגיעז, און זיי צו דערציען אין זייער גייסט. און די מלוכה האט איבערגענומען דעם קינדער היים.

אויך זענען געבליבן נאך דער ביטערער מלחמה א סאך אידישע יתומים אן היימען וואס זייערע עלטערן זענען אויסג'הרג'ט געווארן, און די רעגירונג האט זיי געוואלט אויפציהען אין די אלגעמיינע קינדער היימען זיי צו דערציען אין זייער גייסט. ווי אויך אסאך קינדער וואס זענען געווען אין די הענט פון גוים, וואס בשעת דער מלחמה האבן אסאך עלטערן איבערגעלאזט זייערע קינדער ביי גוי'אישע שכנים.

דער ערשטער פּרואוו צו ראטעווען די קינדער איז געמאכט געווארן דורך דעם קאמיטעט פון די יתומים, וואס האט זיך געפינען אונטער דעם אויפזיכט פון דעם רבי'ן ז"ל.

דער רבי ז"ל האט געזוכט יתומים און זיי ארויסגענומען פון די הענט פון די גוים.

דער רבי ז"ל פלעגט זיך אויך באנוצן צו דער ארבייט מיט פארשידענע שלוחים, איינער פון זיי איז געווען א איד מיט'ן נאמען מר. שניידער, וואס האט זיך פארשטעלט ער זאל נישט אויסזען ווי א איד, און ער איז ארומגעפארן און פארשידענע פלעצער וואו ס'איז אים געלונגן דורך פארשידענע תחבולות ארויס נעמען די קינדער פון פרעמדע הענט, און אזוי האט ער אפגעראטעוועט הונדערטער קינדער, און ער האט זיי געבראכט צום רבי'ן ז"ל.

* * *

איין מאל שבת בייטאג ווען דער רבי ז"ל האט נאך געהאלטן פאר דער סעודה, איז געקומען א שליח צום רבי'ן ז"ל און איבערגעגעבן אז ביי די פאליציי איז יעצט אנגעקומען א טראנספארט פון יתומים קינדער, וואס זענען אויפן וועג אפגעפירט צו ווערן אין פארשידענע אלגעמיינע היימען פון דער רעגירונג.

דער רבי ז"ל איז דערציטערט געווארן און האט זיך אנגערופן צו ר' ארי': לאמיר גיין צו דער פאליציי.

ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען אין פאליציי סטאנציע זיך נאכפרעגען וועגען די קינדער, האט מען אים געענטפערט אז מען קען אים גארנישט זאגן ווייל דער הויפט מייסטער פון דער פאליציי געפינט זיך יעצט נישט דארט, און אן אים קען מען גארנישט טאן.

ווען דער רבי ז"ל האט געפרעגט ווען דארף דער הויפט מאן קומען, האט מען אים געענטפערט, שפעטער. דער רבי ז"ל האט מורא געהאט אהיים צו גיין טאמער וועט ער אים ח"ו פארשפעטיגן, און ביז דערוויל וועט מען די קינדער ערגעץ אוועקפירן, האט ער דארט אויסגעווארט ביז דער הויפט מאן איז געקומען.

די רביצין ע"ה, ווען זי האט געזען אז דער רבי פארזוימט זיך אזוי לאנג און ס'ווערט שוין שפעט, האט זי זיך אנגעהויבן צו שרעקן צי מען האט נישט דעם רבי'ן פארהאלטן, האט זי געשיקט דעם זון דעם היינטיגן רבי שליט"א ער זאל גיין זיך אומקוקן גאוואויר ווערן וואס עס טוט זיך דארט. דער רבי שליט"א האט זיך ארומגעדרייט ארום דער פאליציי סטאנציע, ווייל ער האט מורא געהאט אריינצוגיין

נישט וויסענדיג וואס עס טוט זיך דארט. אזוי ווי ער האט גארנישט באמערקט און ביז דערוויייל איז שוין געווארן שפעט און מען האט שוין געדארפט דאווענען מנחה און עסען סעודה שלישית, איז ער אהיים געגאנגען מיט גרויס זארג נישט וויסענדיג וואס עס טוט זיך.

ערשט שפעטביידערנאכט האבן זיי באמערקט פון דערווייטענס דעם רבי'ן ז"ל גייען מיט גרויס פרייד מיט קינדערליך ארום אים פון ביידע זייטן, און אזוי אויך ר' ארי' שליט"א, און פארשטייט זיך אז אין שטוב איז שוין געווארן פרייליך.

ווען דער רבי ז"ל איז אהיים געקומען האט ער דערציילט די גאנצע מעשה אז ער האט מורא געהאט אוועק צו גיין פון דארט טאמער וועט מען ביז דערוויייל די קינדער אוועק פירן, האט ער שוין דארט געווארט אויף דעם הויפט מאן און דארט געדאווענט מנחה א. אז. וו. ערשט שפעט ביינאכט איז דער הויפט מאן אנגעקומען און דער רבי ז"ל האט זיך פאר אים פארגעשטעלט אלס דער רב אין שטאט, און ער האט געבעטען אז היות די קינדער זענען נעבעך געבליבן אליין אויף דער וועלט דורך די דייטשע רוצחים, און עס איז מעגליך אז דא אין טשערנאוויץ וואו ס'איז א גרויסע שטאט ווי עס וואוינען אסאך פליטים וועלן זיך אפשר געפינען געשוויסטער פון די קינדער ווי א ברודער אדער א פעטער א. ד. ג. בעט ער אז מען זאל די קינדער אים געבן און ער וועט זיך באמיען געוואהר צו ווערן אויב עס זיינען געבליבן קרובים פון די קינדער און שטאט.

און צום גרויסן וואונדער האט דער הויפט מאן געענטפערט דעם רבי'ן אז אויב ער וועט חתמ'ענען אז ער נעמט אויף זיך די אחריות פאר די קינדער און אויפצוזיכן זייערע קרובים וועלען זיי אים די קינדער איבערגעבן. פארשטייט זיך אז דער רבי ז"ל האט גע'חתמ'ט אויף דעם און אזוי האט ער זיי באקומען.

פארשטייט זיך אז דער רבי האט שוין פאר יעדען פארשאפט עפעס א קרוב ווי א זיידע אדער א באבע א.ד.ג. ס'איז אינטערסאנט צו באמערקן, אז ס'האט זיך דארט געטראפן א מאמע וואס האט דערקענט איר קינד צווישן די קינדער. די קינדער זענען געבליבן ביים רבי'ן ז"ל, וואו זיי האבן זיך געהאדעוועט ביז דער חתונה, און פון די קינדער זענען ארויסגעקומען שיינע אידישע דורות וואס פירן זיך אויפן ריכטיגן אידישן וועג בדרכי התורה והחסידות, און זענען א שיינקייט פאר דעם כלל ישראל.

*

אויך דעם רבי'נס זון יבלח"ט דער היינטיגער רבי שליט"א, פלעגט לויפן ביי טאג און ביי דער נאכט צו מענטשן זיי זאלן העלפן ארויסנעמען די קינדער פון פאליציי.

*

פארשטייט זיך אז דער רבי ז"ל האט געהאט א שווערע ארבייט מיט די ערציהונג פון די קינדער, ווייל צווישן די קינדער זענען געווען אזעלכע וואס די יארן פון מלחמה האבן אין גאנצן צובראכן זייער דערציאונג און די שווערקייטן פון זייער

לעבן זענען געווען זייער גרויס. אויך איז געווען זייער שטארק דער פחד און מורא אז דער רעגירונג זאל אים ניט כאפן מיט די קינדער

איינמאל האבן די אינגלעך פארשפרייט א קלאנג, אז מען האט דעם רבי'ן איינגעזעצט, און אין שטאט איז געווארן א גרויסער טומעל.

דער רבי ז"ל האט אבער גארנישט נאכגעלאזט, און מיט גרויס געדולד און ליבשאפט האט ער מחנך געווען די קינדער אז ס'זאל זיי גארנישט פעלען. די רביצין פלעגט וואשן די וועש פאר די קינדער, און זי פלעגט אריינלייגן די קליינע קינדער און איר בעט, אפילו די קליינע וואס פלעגן די בעטן פארשמוצן.

אויך דער רבי ז"ל אליין חוץ וואס ער האט זיך אפגעגעבן מיטן רוחניות'דיגן חינוך פון די קינדער, האט ער זיך אויך אליין באפאסט צוהעלפענדיג די רביצין ע"ה ביי איר ארבייט פון האדעוועווען די קינדער, און ווי ריכטיג האט אמאל געזאגט א גרויסע רביצין אין בוקארעסט: וואו זעט מען דאס אז א גרויסער רב זאל אינמיטן די נאכט פירן אדער טראגן אן אינגעלע צו טאן זיין געברויך.

*

ס'איז כדאי צו באמערקן אז א גרויסער באשטייערונג אין די ערציהונג פון די קינדער איז געווען ר' ארי' שליט"א, וועלכער איז כסדר געשטאנען אויף דער וואך אכטונג צו געבן אויף די קינדער'ס אויפירונג עס זאל זיין מענטשליך און מיט יראת שמים, ער פלעגט אויך אסאך מאל צוזאמען נעמען די קינדער און פארברענגן מיט זיי מיט ניגונים און שירות ותשבחות. ר' ארי' איז אנגעגאנגען מיט דער הילף צום רבי'ן מיט זיין עבודת הקודש אויך שפעטער ווען דער רבי איז שוין געווען אין בוקארעסט.

אויסער די ארבייט מיט די קינדער איז ר' ארי' שליט"א אויך געווען זייער אקטיוו אין זאמלען געלט און עס אויסטיילן צו ארימע און אנדערע נויט־באדערפטיגע צובראכענע מענטשן, דער רבי ז"ל פלעגט אים אויך צו געבן געלט און אנדערע זאכן צו פארטיילן.

ס'איז געווען אמאל א פאַל, ווען א איד וואס איז געווען אויפן וועג צום רבי'ן ז"ל, און האט מיט זיך מיט געטראגן א זאק מיט פארשידענע ווערטפולע זאכן, און אויפן וועג קומענדיג איז צו אים צוגעקומען א זעלנער און האט אים צוגענומען דעם זאק פאר דעם מיליטער.

ווען ר' ארי' האט געהערט דערפון האט ער זיך איינגעשטעלט און איז געגאנגען צו דעם מיליטער צוריק בעטן דעם זאק טענה'נדיג אז דער זאק איז זיינער, און נאכדעם וואס ער האט אויסגערעכנט אלעס וואס איז פארהאן אין זאק האט מען אים דעם גאנצן זאק צוריק געגעבן.

*

ביים שלוס פון דעם פרק פון דעם רבי'נס הצלה ארבייט אין טשערנאוויץ א. אז. וו. איז וויכטיג און אינטערעסאנט צו דערמאנען אז דער "באר מים חיים" איז געווען

דער גורם צו שטופן די ראד פון דער געשיכטע פונעם רבי'ן ז"ל אויף דעם וועג אויף וועלכן די ראד האט זיך געקייקלט.

אין יאר תש"ה איז געווען א געלעגנהייט ארויס צו פארן פון רוסלאנד דורך פוילן. דער רבי ז"ל האט אויך געהאט באשטימט צו פארן קיין פולין, ער האט אבער נישט געוואלט פארלאזן טשערנאוויץ אהן זיך צו געזעגענען מיטן בית מדרש פון "באר מים חיים".

איז ער אוועק צום בית מדרש, און דורך דעם פארלארן די לעצטע געלעגנהייט צו קענען פאהרן קיין פוילן.

דאס האט איהם געבראכט צו זיצן נאך א יאהר אין טשערנאוויץ — א יאהר וואס איז געווען זעהר רייך אויף דעם געביט פון הצלה און ספעציעל אויף דעם געביט פון **הצלת ילדים**.

דאס האט איהם געבראכט צו אריבער געהן קיין רומעניע. די תקופה פון רומעניע איז די רייכסטע תקופה אין דער געשיכטע פון די טעטיגקייטן פון דעם צדיק.

* * *

דעם רבי'נס עסקנות פאר הצלת נפשות אין טשערנאוויץ

רעדענדיג וועגן דער קינדער הצלה פון רבי'ן ז"ל וויל איך דערמאנען איין זאך כדי צו ראטעווען די זאך פון פארשוואונדן ווערן אין ים פון פארגעסנהייט, אזוי ווי ביי די אלע פערל און דיאמאנטן פון דעם גרויסן צדיק.

אין יאהר תש"ו איז געווען א פארזאמלונג אין א שטאדט אין טראנסילוואניע. ביי די פארזאמלונג איז געווען דער וויזניצער רבי אדמו"ר הגה"צ ר' חיים מאיר האגער זי"ע ועכ"י.

די וויכטיגסטע פראגע אויף דעם פארזאמלונג איז געווען: — אזוי ווי עס געפונען זיך אין רומעניע הונדערטער יתומים און יתומות, אין וועמענס הענט זאל מען איבערגעבן דעם חינוך פון די קינדער און וועמען זאל מען מאכן פאר דעם פאראנטווארטליך?

דער וויזניצער רבי ז"ל האט געזאגט: איך מיין אז מען דארף דאס איבערגעבן צו דעם סקולענער רב. ער האט דאך זוכה געווען צו ראטעווען הונדערטער יתומים.

ווען דער רבי האט געענדיגט רעדן, האב איך געבעטן דאס ווארט און איך האב געזאגט: די וועלט רעדט וועגן די קינדער וואס דער סקולענער רבי האט געראטעוועט, ווייל א קינד אז מען ראטעוועט, דארף מען דאך אים שפייזן און מחנך זיין זעהט די וועלט די קינדער. אבער א גרויסן מענטש אז מען ראטעוועט גייט ער גלייך אוועק צו געשעפט אדער ארבעט. דער סקולענער רבי האט געראטעוועט גרויסע מענטשן פיל מער ווי קינדער!

דער וויזניצער רבי ז"ל האט זיך א הויב געטאן פון זיין שטול מיט גרויס אימפעט און ארויסגעשריען:

איר הערט וואס ער זאגט?! איהר הערט וואס ער זאגט?! דער סקולענער רבי האט געראטעוועט גרויסע מענטשן א סאך מער וואו קינדער!

אזוי איז טאקע געווען נאך אין טשערנאוויץ ווי דער רבי ז"ל איז אויך געווען זייער אקטיוו אין אנדערע ענינים פון הצלת נפשות, ווי העלפן אידן אריבער גיין קיין רומעניא (וואו די לאגע פאר אידן איז געווען גרינגער, אויך האט מען פון רומעניע געקענט גרינגער אויסוואנדערן אויף דער פרייער וועלט ווי אויף ארץ ישראל וכדומה).

*

ס'איז געווען אמאל א פאל אין א פרייטאג צופרי איז דער רבי ז"ל צוגעגאנגן צום פאטיקער רב שליט"א (וועלכער האט זיך דאן אויפגעהאלטן אין טשערנאוויץ ביים רבי'ן ז"ל) ווען זיי האבן זיך געפינען אין בית המדרש, און אים געזאגט אז ער וועט נישט זיין ביים דאווענען, און ער בעט דעם פאטיקער רב אז היות ער איז דעם בעש"ט'ס אן אייניקעל זאל ער פאר אים מתפלל זיין ער זאל קומען צוריק אן א מכשול.

ווען דער פאטיקער רב שליט"א האט אים אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג און אים געפרעגט וואס איז, האט אים דער רבי ז"ל געענטפערט אז היות מען האט יעצט געכאפט א משפחה וואס האט זיך געוואלט אריבער־שווערצן די גרעניץ אויף רומעניע, וויל ער יעצט גיין צו דעם גענעראל זיי אויסבעטן. אבער ער דארף רחמים עס זאל אים גארנישט געשען, ווייל ווען ער איז געווען ביי דעם גענעראל מיט עטליכע טעג צוריק בעטן פאר א צווייטע משפחה וואס זענען אויך געכאפט געווארן ביי דער גרענעץ, האט אים דאן דער גענעראל געווארנט און אים געזאגט אז ווען נישט דאס וואס מיר זענען אייך מחשיב ווייל מיר זענען אינפארמירט אז איר זענט א פיינער מאן (ווייל ווען די רוסן זענען אריינגעקומען קיין טשערנאוויץ האבן זיי גענומען א רעפארט אויף יעדען איינציגן, און אויפן רבי ז"ל האבן זיי באקומען די אינפארמאציע אז ער איז א עוסק בצורכי ציבור באמונה וואס העלפט ארויס יעדען ליידענדעם און צובראכנעם מענטש, האבן זיי אים פארשריבן אלס א פיינער מאן) וואלט איך דיר שוין לאנג דערשאסן, פארוואס דו שטעלסט זיך איין פאר אזעלכע פארברעכערס, דערפאר ווארן איך דיר יעצט אז טאמער קומסטו נאכאמאל וועל איך דיר שיסן.

ווען דער פאטיקער רב האט דאס דערהערט האט ער א געשריי געטאן: ווער האט אייך געגעבן דעם היתר צו גיין, אפילו אויף א ספק פיקוח נפש טארט איר אויך נישט גיין.

דער רבי ז"ל איז אבער נישט נתפעל געווארן און האט אים געענטפערט: אז איך גיי צום גענעראל איז עס נאר א ספק פקוח נפשות, אבער טאמער גיי איך נישט איז עס

א ודאי פיקוח נפשות, ווייל זיי וועלן חלילה וחס אויס׳הרג׳נען 9 נפשות, א מאן מיט א פרוי מיט זייערע 7 קינדער.

האט אים דער פאטיקער רב געבעטן: אפשר וואַרט איר נאך צו עטליכע טעג עס זאל זיך אפשטילן דעם גענעראל׳ס כעס אויף אייך, האט אים דער רבי ז״ל געזאגט: טאמער גיי איך נישט איצט, האב איך מורא אז מארגן פרי וועט שוין זיין צו שפעט, עס וועט שוין נישט זיין פאר וועמען צו בעטן.

דער פאטיקער רב שליט״א האט נאך געוואלט בעטן נאך עטליכע מענטשן זיי זאלן אויפן רבי׳ן ווירקן ער זאל נישט גיין, דער רבי ז״ל האט אים אבער אנגעזאגט אז ער זאל קיינעם דערפון נישט פארציילן.

דער פאטיקער רב זעהענדיג אז ער קען גארנישט אויפטאן ביים רבי׳ן האט ער דעם רבי׳ן באגלייט מיט טרערן אין די אויגן.

ביים דאווענען האט זיך דער פאטיקער רב געזעצט און א ווינקעל מען זאל נישט זען ווי ער וויינט.

ווען דער פאטיקער רב שליט״א האט געזען אז עס ווערט שפעט און דער רבי איז נאך נישט צוריקגעקומען איז ער געווארן זייער באזארגט, און איז יעדע ווײלע ארויס געגאנגען זען אויב דער רבי קומט שוין צוריק, ערשט שפעט נאכמיטאג האט ער דערזען דעם רבי׳ן פון דערווייטענס וואו ער קומט און איז זייער פריילך. ווען דער פאטיקער רב שליט״א האט אים געפרעגט וואס איז געווארן, האט אים דער רבי דערציילט אז ווען ער איז געקומען צום גענעראל מיט זיין בקשה האט ער אים אראפגעווארפן פון אלע טרעפ, אבער ב״ה דעם ציל האב איך דערגרייכט, ער האט מיין בקשה ממלא געווען.

*

אגב — דורכן פאטיקער רב שליט״א וועלכער איז געווען זייער נאנט און חשוב ביים רבי׳ן, פלעגט די רביצין ע״ה זייער אסאך מאל פרובן עפעס אויס פועל׳ן ביים רבי׳ן ז״ל, ווי נישט צו פאסטן, און ער זאל זיך לייגן שלאפן, א. א. וו.

דערציילט דער פאטיקער רב שליט״א אז אמאל איז די רביצין ע״ה צו אים אריינגעקומען א דאנערשטיג און אוונט, און אים געבעטן: דאס אזוי ווי זי האט גארנישט קיין געלט מיט וואס צו צוגרייטן דעם שבת, בעט זי אים ער זאל מוחל זיין אריין גיין צום רבי׳ן בעטן ער זאל ערגעץ וואו פארשאפן א גמילות חסד.

ווען דער פאטיקער רב שליט״א איז אריינגעקומען צום רבי׳ן ז״ל, און אים דאס געזאגט, האט דער רבי ז״ל דערקענט אויף דעם פאטיקער רב שליט״א אז ער איז זייער פארזארגט, האט ער אים געזאגט: די רביצין האט אייך ח״ו אריינגעברענגט מרה שחורה, זייט אייך מחזק, און איר זאלט צוגרייטן א נייעם ניגון אויף ישמחו לכבוד שבת.

האט זיך דער פאטיקער רב אנגערופן: אבער צום נייעם ישמחו דארף מען דאך אויך האבן א שטיקל פיש.

האט אים דער רבי ז"ל געענטפערט מיט פארוואונדערונג: און וואס טראכט איר אז די יתומים קינדער וועלן נישט האבן קיין פיש אויף שבת?

דער פאטיקער רב שליט"א איז ארויס צובראכן, אבער פון די אנדערע זייט איז ער געווען ארויס פון די כלים פון התפעלות פון דעם רבי'נס מדת הבטחון.

4 אזייגער פארטאג האט דער רבי ז"ל אויפגעוועקט ווי געוועהנליך דעם פאטיקער רב שליט"א לערנען הלכות שבת, און אויפן רבי'ן ז"ל האט מען גארנישט דערקענט קיין שום זארג פון וואו ער וועט נעמען אויף שבת פאר זיך און פאר די אלע יתומים קינדער און אלע געסט וואס זענען געווען ביי אים.

אין דער פרי איז פלוצים אנגעקומען א שליח וואס האט געבראכט א זעקל מיט א גרויסע סומע געלט אין שליחות פון א איד וואס האט זיך דאן גענויטיגט אין א ישועה. און דער רבי ז"ל האט זיך דאן אנגערופן צום פאטיקער רב: איר זעט דעם נס וואס השי"ת טוט פאר די יתומים.

דער פאטיקער רב וואס האט דאס אלעס צוגעזען איז ארויס פון די כלים פון גרויס התפעלות און איז אריין צו די רביצין און איר געזאגט: איך בעט אייך מער זאלט איר מיר נישט שיקן צום רבי'ן אים שטערן מיט אזעלכע זאכן, איר זעט דאך אז דער אויבערשטער שטייט צו זיין רעכטע האנט.

* * *

ביי אן אנדער געלעגנהייט ווען די רביצין ע"ה האט זיך באקלאגט פארן פאטיקער רב שליט"א אז דער רבי שלאפט זייער ווייניג און ער רוהט זיך נישט אויס און זי האט מורא עס זאל נישט שאטען צו זיין געזונט, און דער פאטיקער רב איז אריין צום רבי'ן רעדען דערפון, האט אים דער רבי ז"ל געענטפערט, ווי קען מען זיך גיין לייגן שלאפן, דער שלאף איז דאך א גזלן, ווייל די צייט קען מען דאך זיצן אין לערנען און דער שלאף נעמט ביים מענטש צו די צייט, דארף זיך טאקע דער מענטש איבערגעבן אין די הענט פון דעם גזלן בידים? אז דער שלאף פאלט ארויף אויפן מענטש מיט געוואלד דאן מוז מען שלאפן...

פרק ד

דעם רבי׳נס אריבערגאנג אויף רומעניע

מיט דער צייט איז די לאגע אין טשערנאוויץ געווארן שווערער, די רעגירונג האט אנגעהויבן מער נאכצוקוקן דעם רבי׳ן ז״ל און זיינע אקטיוויטעטן, און זיי האבן דעם רבי׳ן ז״ל אסך מאל ארויסגערופן אויף א פארהער.

עס איז געווען אמאל ערב שבועות און פון דער פאליציי איז מען געקומען צום רבי׳ן און שטוב זאגענדיג אז זיי האבן באקומען א מסירה אז ביים רבי׳ן זענען פאראן קינדער אומגעזעצליך, ווייל מען האט באמערקט קינדער דרייען זיך דארט ביינאכט.

ווען דער רבי ז״ל האט דאס געהערט האט ער זיי געענטפערט אז ביי איינעם פון זיינע קינדער (ס׳איז געווען עטליכע קינדער וואס זענען געווען פארשריבן אויפן רבי׳נס ז״ל נאמען) איז געווען היינט זיין געבורטס טאג, זענען אלע קינדער זיך צוזאמען געקומען פייערן זייער חבר׳ס געבורטס טאג, און האבן ניט געקענט אוועקגיין אהיים צוליב דער שפעטיקייט.

די פאליציי האבן אלע קינדער צוזאמענגענומען אין דער פאליציי סטאנציאן.

דער רבי ז״ל האט דאן געארבעט א גאנצן טאג, ער האט געשיקט מענטשן צו דער פאליציי וואס האבן איינגעגעבן נעמען פון קינדער טענה׳נדיג אז דאס איז קינדער פון זייער משפחה.

ווען דער יום טוב שבועות איז אנגעקומען זענען שוין אלע קינדער געווען ווידער ביים רבי׳ן ז״ל.

*

מיין פרוי זאל לעבן דערציילט אז זי איז אמאל געווען דערביי ווען דער רבי ז״ל איז אראפגעגאנגן די שמאלע שטיגען פון שטוב און זי איז אים נאכגעגאנגן, האט זי באמערקט ווי פון די צווייטע זייט זענען געקומען 2 פאליציי באאמטע נעמען דעם רבי׳ן ז״ל, און ווי ערשטוינט איז זי געווארן, זעהענדיג אן אפענעם נס ווי די פאליציי האבן נישט באמערקט דעם רבי׳ן ז״ל אראפגיין פון די צווייטע זייט.

*

אזוי ווי דער מצב אין טשערנאוויץ איז פארשארפט געווארן, און אין יענע צייטן האבן זיך פילע משפחות אריבער געשווערצט די גרעניץ קיין רומעניע פון וואו מ׳האט דאן געקענט גרינגער ארויס פארן אויף די פרייע וועלט, האט דער רבי ז״ל זיך אויך גענומען צו דער ארבעט, און האט אנגעהויבן ארויסשיקן די קינדער דורך די משפחות וואס פלעגן אריבער גיין אויף דער צווייטער זייט גרעניץ קיין סערעט, דארט האט זיי אפגעווארט הגאון ר׳ יוסף שטערן ז״ל וועלכער האט געוואוינט אין סערעט, ער האט

אפגענומען די קינדער און זיי פלאצירט אין פארשידענע פלעצער ביז ווילאנג מען האט פאר זיי ערלעדיגט אז זיי זאלן קענען ארויספארן אויף דער פרייער וועלט ווי צ. בש. ארץ ישראל א. ד. ג.

נאכדעם וואס מען האט אריבערגעשיקט די קינדער האט דער רבי ז״ל אויך געוואלט אריבער גיין די גרעניץ אינאיינעם מיט דער משפחה.

אין איינעם פון יענע שבתים אין דער צייט ווען דער רבי ז״ל האט געפראוועט ״סעודה שלישית״ זענען אריין געקומען צו די רביצין ע״ה 2 אלטע אונבאקאנטע פרויען וואס האבן אויסגעזעהן צו זיין נשים צדקניות מיט זייער טראגע און אויסזעהן, און האבן איר געזאגט: רביצין מיר זענען אייך געקומען זאגן איר זאלט נאך נישט פארן, מ׳באדארף אייך נאך דא האבן, קיינער האט די פרויען ניט געקענט פון פריער און אויך דערנאך האט מען די פרויען מער נישט געזען.

דאס איז געווען זייער אויפאלענד פאר דער רביצין ע״ה, און זיי האבן געזען דערין א צייכן פון הימעל אז ס׳איז נאך נישט געקומען זייער צייט ארויס צו פארן.

דערנאך האט זיך באוויזן א וועג וואס מ׳האט דורך דעם געקענט אפראטעווען נאך הונדערטער אידישע קינדער, דאן האט מען שוין פארשטאנען פארוואס מען האט באדארפט דארט בלייבן.

שפעטער ווען דער רבי ז״ל האט שוין געהאט אריבער געשיקט אויך די נייע געקומענע קינדער אויף דער צווייטער זייט גרעניץ, און דער מצב איז אויך געווארן מער אנגעשטרענגט, האט זיך אויך דער רבי ז״ל מיט זיין גאנצע משפחה ווי אויך די קינדער וואס זענען געווען פארשריבן אויפן רבי׳נס נאמען אריבער געגאנגען די גרעניץ קיין רומעניע, ווי דער רבי האט דארט פארשריבן א נייעם בלאט מיט זיינע גרויסע אקטיוויטעטן לטובת כלל ישראל.

דעם רבי׳נס ארבייט און רומעניע

ווען דער רבי ז״ל איז אנגעקומען קיין רומעניע און האט זיך באזעצט אין בוקערעסט האט דער רבי ז״ל דארט געגרינדעדט א עקסטערע אפטיילונג פון אגודת ישראל אונטערן נאמען ״צענטראלע אגודת ישראל פאר רעגאט און בוקאווינע״ וואס איז געווארן אנגעפירט אונטער זיין פערזענליכער אויפזיכט און נשיאות, פארשידענע חשוב׳ע רבנים און פערזענליכקייטן האבן זיך צוגעשטעלט צום רבי׳ן, און די רבנים הגאונים דער וואסלוי רב ז״ל און דער טשאקאווער רב ז״ל האבן דארט געדינט אלס די סגני נשיאים, און אונטער דעם נאמען האט דער רבי ז״ל אנגעפירט מיט זיינע גרויסע פעולות.

*אויך איז ער דארט געקרוינט געווארן אלס נשיא הכבוד פון דער אלגעמיינער אגודת ישראל פון רומעניע. די אגודת ישראל אין רומעניע האט א דאנק זיין דינאמישער פירערשאפט אנטוויקלט אסך וויכטיגע און געבענטשטע טעטיגקייטן פאר אידישקייט אין לאנד.

אנקומענדיג קיין בוקארעסט, האט ער תיכף מסדר געווען היימען פאר די יתומים קינדער וואס ער האט מיטגעבראכט פון טשערנאוויץ. און זעענדיג דעם מצב אין רומעניע גופא וואו עס האבן זיך ארום געוואלגערט הונדערטער יתומים קינדער וואס האבן נישט געהאט קיין היים, האט ער אויך די קינדער גענומען אונטער זיין שוץ, און פאר זיי מסדר געווען ספעציעלע היימען אונטער זיין אויפזיכט, ביז מען האט זיי צוביסלעכווייז ארויס געשיקט אויף דער פרייער וועלט ווי ארץ ישראל א.ד.ג.

* * *

"די יאס'ער אקציע"

איינע פון דעם רבי'נס גרעסטע אקטיוויטעטן אויפן געביט פון הצלת נפשות פון אידישע קינדער איז געווען די יאס'ער אקציע.

כדי מ'זאל האבן א שטיקל באגריף פון דעם וואס איז דארט געווען וועל איך דא אויפברענגען אן ארטיקל וואס איז ערשינען און דעם חודש'ליכן צייט-שריפט "כנסת ישראל" וואס איך האב ארויסגעגעבן אין יענע יארן אין בוקערעסט אונטער דער לייטונג פון דער אגודת ישראל וואס איז געווען אונטערן רבי'נס ז"ל פירערשאפט. דער ארטיקל איז געווען געשריבן אונטערן קעפל:

"די רעטונגס אקציע פון די קינדער פון מאלדאווא" "דער צווייטער היסטארישער הצלה אקט פון סעקולענער רב שליט"א":

די טראגעדיע פון דער מאלדאווא באשטייט אין דעם, וואס צוליב דער שרעקליכער טריקעניש פון דעם פארגאנגענעם יאר, איז די געגענט געפלאגט געווארן מיט א גרויס הונגער.

די יודישע באפעלקערונג איז אמשטארקסטן געטראפן געווארן פון דעם הונגער, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער מאלדאווישער יודישער באפעלקערונג איז קאנצענטרירט אין דער שטאט "יאסי", די שטאט יאסי, איז אבער אין רעזולטאט פון דעם פאגראם, וועלכער איז דארט איינגעארדענט געווארן דורך די היטלעריסטן אויף די יודישע מענער, פיל

*באמערקונג: אין יענע צייטן איז אויסוואנדערונג געווען דער הויפט פראבלעם, און פאר פרומע אידן איז דער איינציגער וועג פון אויסוואנדערונג געווען דורך אגודת ישראל, און דער רבי איז געווען דער נשיא, און ארום דעם נאמען פון דער ארגאניזאציע האט זיך געדרייט די גאנצע ראד פון דער געשיכטע.

מיט אלמנות, און יתומים, און די שוצלאזע יתומים זענען געווארן די ערשטע קרבנות פון דער טראגעדיע.

די פיזישע טראגעדיע פון די קינדער איז באגלייט געווען דורך א גייסטיגע טראגעדיע, ווייל די קינדער האבן געזוכט רעטונג אין די טריפה'ע קיכן, און זענען אויך אפגעריסן געווארן פון יעדער יודישער ערציהונג.

צו רעטן די יאסער קינדער האט זיך געווארפן דער שוין באריטמטער רעטער פון די טראנסניעסטער־קינדער — הרב ר' אליעזר זוסיא פארטוגאל (סקולענער רב שליט"א).

אנגעהויבן האט זיך די אקציע מיט א קליינעם מאסשטאב־קינדער, וועלכע האבן געהאט פריינד, וואס זענען דורך זיי געבראכט געווארן צו דעם סעקולענער רב.

דער סעקולענער רב האט א טייל קינדער אריינגענומען אין זיינע קיבוצים, די ענגשאפט אין די קיבוצים פון סעקולענער רב איז אבער געווארן גרויס, האט דער סעקולענער רב זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט איינעגע לייטער פון די קיבוצים, וואס אין טראסילוואניע, וואו דאס לעבנס־מיטל איז פיל ביליגער און האט אנגעהויבן אריבערשיקן אהין קינדער.

דער הונגער אין יאסי איז אבער געווארן גרעסער אין דער סעקולענער רב האט געזען, אז ס'פאדערט זיך אן אקציע פון גרעסערן מאסשטאב.

ער האט אפגעהאלטן וועגן דער פראגע א לענגערע זיצונג מיט דעם סקווערער רבי, אדמו"ר הה"צ ר' יעקב יוסף טווערסקי שליט"א, (וועלכער האט געהאט געוואוינט בעפאר אין יאס) וואו מ'האט ארומגערעדט דעם ארבעטס־פלאן פון דער אקציע.

פאר דער לאנדס־קאנפערענץ פון אגודת ישראל אין רומעניע, האט דער סעקולענער רב געשיקט א ספעציעלן שליח אין דער שטאט יאסי, כדי צו מעורר זיין די דארטיגע עסקנים פון אגודת ישראל, אז זיי זאלן קומען אויף דעם קאנגרעס און פארשטעלן די טראגעדיע פון די יאסער קינדער אין אירברייטן פארנעם און פאדערן פון גאנצן לאנד רעטונג, דער רעפעראט איבער דער פראגע האט געהאלטן אויף דער לאנדס־קאנפערענץ, דער יאסער רב, הרב ר' דוב ייכול. הרב ייכול האט מיט הארצרייסנדע ווערטער געשילדערט די טראגעדיע פון די יאסער קינדער.

די הארצרייסנדע רעדע פון הרב ייכול האט געמאכט א שטארקע ווירקונג אויף אַלע פארזאמלטע, פיל פארשטייער פון שטעט האבן זיך

פארשריבן אויף צו נעמען א געוויסע צאל קינדער, כדי זיי צו פארטיילן צווישן בעלי בתים פון זייערע שטעט.

דער סעקולענער רב איז אבער מיט דער לעזונג פון דער פראגע ניט צופרידן געווען, איבערגעבן א יתום אין די הענט פון א בעל הבית באדייטעט דאך אנטרויען דעם קינדס גוף און נשמה דעם חסד פון דעם בעל־הבית, און ווער ווייסט וואס פאר א באציהונג דאס קינד וועט דארט אנטרעפן? ווער ווייסט וואס פאר א ערציהונג דאס קינד וועט דארט האבן? דער סעקולענער רב האט געזען די איינציגע לעזונג אין פארברייטערן די שוין עקזיסטירנדע קיבוצים פון אגודת ישראל און אין שאפן נייע קיבוצים.

די השגחה העליונה האט געפירט אז דער דזיאנט־דירעקטאר דר. שווארץ האט געדארפט קומען אין בוקארעשט, דער סעקולענער רב האט אין דעם געזען א גינסטיגן מאמענט פאר דער רעאליזירונג פון זיין הצלה־פלאן.

דער סעקולענער רב האט טעלעפאנירט צו דעם פרעזעס פון אגודת ישראל אין יאסי, ר' שמואל אבראמאוויטש און צו הרב דוב ייכול, זיי זאלן קומען קיין בוקארעשט. אין דער דעלעגאציע צו דר. שווארץ, האבן זיך אויך באטייליגט די עסקנים פון אגודת ישראל אין אראדעא — מר גרשון אולמאן און מר שלמה יעקב גראס, ווי אויך דער סגן יושב־ראש און גלייכצייטיג קאסיר פון דער אראדער צענטראלע, ר' שלום זליג שטיינמעץ און דער געוועזענער יושב ראש פון דער אראדער צענטראלע, ר' אברהם חיים הערשקאוויץ, וועלכע זענען צופעליג געווען אין בוקארעשט.

דר. שווארץ האט איינגעשטימט צו געבן שטיצע אויף איינארדנען פינף הונדערט קינדער, ר' שמואל אבראמאוויץ און הרב דוב ייכול זענען געקומען מיט א טראנספארט פון 210 קינדער קיין בוקארעשט, דער סקולענער רב מיט א גרופע יוגנטליכע חברים האבן אפגעווארט דעם טראנספארט ביי דער באן סטאנציע, צוליב דער פארשפעטיגונג פון דעם צוג, איז דער סעקולענער רב געשטאנען אויף דער סטאנציע גאנצע 5 שעה אין דעם ברענענדיגן פראסט.

דער הונגער אין בוקארעשט איז אין דעם טאג געווען שטארק, און א לאקאל פאר 210 קינדער אין בוקארעשט איז בוכשטעבליך א פאנטאזיע, דער אייזערנער ווילן פון סעקולענער רב ווייסט אבער ניט פון קיינע שוועריגקייטן — די קינדער זענען איינגעארדנעט געווארן אין א שול, וועלכע ס'איז איבערגעגעבן געווארן צו דעם סעקולענער רב, און די קינדער פון זיינע קיבוצים האבן אפגעגעבן זייער מיטאג — זייער ארים

מיטאג, כדי צו געבן די ערשטע הילף פאר די פארחלשטע אנגעקומענע קינדער.

דער חינוך פון סעקולענער רב שליט"א האט זיך דאן באוויזן אין זיין גאנצער אפענקייט, די קינדער פון זיינע קיבוצים האבן א טאג און א נאכט וואסער געווארמט, און מיט זייערע הענטלעך געוואשן די אומריינע קינדער, דער דזיאנט האט געגעבן קליידונג, מ'האט די קינדער אנגעטאן.

דער סעקולענער רב האט זיך פארבונדן טעלעפאניש מיט אלע לייטער פון די קיבוצים אין טראנסליוואניע און פארטיילט צווישן זיי די קינדער.

דורך אינטערווענצן און מי האט מען באקומען וואגאנעס פאר די קינדער, און די צעירים און פועלים פון דער שטאט בוקארעשט, זענען מאביליזירט געווארן צו באגלייטן די קינדער-גרופן ביז זייערע באשטימונגס-ערטער, (פאר אייניגע איז די רייזע געווען פארבונדן מיט א צייט-אפשניט פון 2 וואכן).

ס'איז שווער צו שילדערן מיט וואס פארא שוועריגקייטן די אקציע איז געווען פארבונדן, דאס קען פילן נאר דער וואס האט די אקציע געזען אדער בעסער געזאגט, מיטגעמאכט.

די יוגנטליכע אגודיסטן פון בוקארעשט, וועלכע האבן ביז דער אנטשטייאונג פון דער צענטראלע פאר רעגאט און בוקאווינע* ניט געווען ארגארניזירט, און האבן ניט געהאט קיין ארגאניזאציאנעלע פראקטיק אין ארגאניזאציעס, האבן אונז ניט פארגונען, און האבן ארויסגערופן געגן אונז פארשידענע פראוואקאציעס, צ.בש. מען האט צוגעלאקט 2 קינדער דורך זיסע זאכן, זיי צוגענומען אויף אייניגע שעה און פארשפרייט א קלאנג, אז ביי דער אגודה ווערן פארלוירן קינדער. א פארצווייפלטער ברודער איז געקומען אין אונזער ביורא און האט אונז געמאכט שטורמישע אוואנטורעס, פארוואס מיר האבן אומגעבראכט די איינציגע שוועסטערל, וואס איז אים לעבן געבליבן פון טראנסניעסטער, זיינע אוואנטורעס זענען אפגעשטעלט געווארן דורך דער ידיעה, אז זיין שוועסטערל איז דורך אן אונבעקאנטע פרוי אוועקגעשטעלט געווארן נעבן דער טיר פון דער שול, אין וועלכע די קינדער געפונען זיך.

א גרופע קינדער האט זיך ארויסגעוויזן פאר קראנקע, און מ'האט זיי געמוזט פארהאלטן אין בוקארעשט ביז זייער געזונט ווערן, 2 יונגלעך האבן מיר געמאכט גומענע פיס.

*דאס מיינט די אגודת ישראל ארגאנאזאציע וואס דער רבי ז"ל האט אויפגעשטעלט און אנגעפירט דערמיט.

ניט געקוקט אויף די אלע שוועריגקייטן האט דער סעקולענער רב אונטערגענומען א צווייטן שריט פון א פול גרעסערן פארנעם.

ער האט געשיקט אין דער שטאט יאסי א דעלעגאציע, וועלכע זאל צוזאמען מיט ר' שמואל אבראמאוויץ און הרב דוב ייכול, צוגרייטן קינדער פאר א צווייטן טראנספארט, די דעלעגאציע האט באשטאנען פון: הרב ר' שלום מיכאלאוויטש שליט"א* אלס ראש פון דער דעלעגאציע, מיטגליד פון דער לייטונג פון פועלי אגודת ישראל — ה' קראיטארעסקו, און דער פועלי אגודיסט ה' לייב הערשטיק.

הרב שלום מיכאלעוויטש שליט"א האט שוין אבער אנגעטראפן אין יאסי אויף א ווידערשטאנד פון אנדערע ארגאניזאציעס, וועלכע האבן געוואלט נאכטאן אונזער ביישפיל און געוואלט פאנגען די נשמה'לעך פון די יונגע קינדערלעך, הרב ר' שלום מיכאלאוויטש און הרב דוב ייכול האבן זיך פאר די שוועריגקייטן ניט אפגעשראקן, פארקערט גאר — זיי האבן פון די שוועריגקייטן ארויסגענומען די לערע, אז ס'איז עת לעשות, אז מען טאר ניט אפלייגן, ווייל יעדע קלענסטע פארשפעטיגונג קען קאסטן נפשות, זיי האבן אונערמידליך געארבעט און צוזאמענגעשטעלט א טראנספארט פון 700 קינדער.

א דאנק דער אינטערוועניץ פון הרב דוב ייכול, הרב שלום מיכאלאוויטש און ה' ראובן קראיטארעסקו אין יאסי, ווי אויך דער אינטערוועניץ פון הרב ר' שלמה ראבינאוויץ אין בוקארעשט, זענען אונז געליפערט געווארן וואגאנעס איבערצופירן אלע קינדער מיט איין מאל.

ס'זענען פון אונז ארויסגעשיקט געווארן דעלעגאטן אין דער שטאט פלאישט, דורך וועלכע דער טראנספארט האט געדארפט דורכגיין, מיט גרויסע געלט־סומען, כדי אַן צוקויפען שפייז פאר די קינדער אויף זייער ווייטן וועג, צוליב אן ענדערונג אין דעם קאמוניקאציע־פלאן פון די צוגן, איז דער טראנספארט געגאנגען ניט דורך פלאישט, נאר דורך בוקארעשט, מיר האבן אבער ב"ה אויך דעם נסיון אויסגעהאלטן, די קינדער פון די קיבוצים פון סעקולענער רב שליט"א, האבן אויך דעם מאל מיט פרייד און סאטיספאקציע אפגעגעבן זייער מיטאג פאר די אומגליקליכע געסט, און די געזעלשאפט "עזרה" און די ישיבה "מתיבתא" האבן געגעבן זייערע קיכן, מ'זאל קענען אויסבאקן מאלייַ מעל פאר די קינדער אין וועג, חברים פון צעירי ופועלי אגודת ישראל זענען ווידער מאביליזירט געווארן צו באגלייטן די קינדער ביז זייערע באשטימונגס־ערטער — און די ווייטעסטע ווינקעלעך פון לאנד.

*ה"ה הגה"צ האדמו"ר מבוראדי שליט"א.

מיר באמערקן דערביי, אז די גאנצע קאסטן זענען געפאלן אויף אונזער צענטראלע (דאס הייסט אונטער די צענטראלע וואס איז געווען אונטערן רבי'נס אנפירערשאפט), מיר האבן באצאלט הרב דוב ייכול פאר אלע הוצאות, וואס ער האט געמאכט פאר די קינדער, מיר האבן אויסגעהאלטן די הוצאות פון די שלוחים, מיר האבן געקויפט שפייז פאר די קינדער.

ס'מוז ביי דער געלעגנהייט דערמאנט ווערן לברכה, דער לייטער פון מרכז הכללי פאר מאראמארעש, מר יעקב דוד וויזניצער אין דער לייטער פון די קיבוצים פון אגודת ישראל אין מאראמארעש, דער העלדישער קעמפער און טוער פון אגודת ישראל מר הלל ראט, וועלכע האבן זיך אויף דעם רוף פון סעקולענער רב שליט"א געווארפן מיט דעם גרעסטן ברען צו דער הייליגער ארבעט.

מיר מוזן אויך דערמאנען לברכה דעם פרעזעס פון אגודת ישראל אין סאטו-מארע, הרב ר' ישראל מארגאשיס און דעם עסקן ר' שמעון ווייס, וועלכע האבן ענערגיש געקעמפט פאר דער פארגרעסערונג פון די אויפנאמס-מעגליכקייטן אין די קיבוצים פון זייער שטאט און האבן פאר פיל קינדער געשאפן א היים.

אויך דארף דא דערמאנט ווערן לברכה מר מאטיאש פון מעדיאש וועלכער האט אין זיין שטאט איינגעארדענט פיל קינדער.

נאכדעם ווי דער דזאינט האט באוויליגט אויף 500 קינדער האבן אייניגע עסקנים גע'טענה'ט, אז מען טאר ניט אננעמען די קינדער כל זמן דער דזיאנט האט נאך קיין געלט ניט אויסגעצאלט, און ס'מוז טאקע אויסגעדריקט ווערן אנערקענונג דעם עסקן פון אגודת ישראל אין מארגארעטן, מר יעקב קליין, וועלכער האט זאפארט געמאלדן דער אינסטאנץ, אז ער נעמט א געוויסע צאל קינדער, מעג ער אפילו געצוואונגען זיין צו האלטן זיי א געוויסע צייט אין זיין אייגענער וואוינונג, מעג אים אפילו אויסקומען זיך צו טיילן מיט זיי מיט זיין אייגן ביסן ברויט.

צולעצט האבן די זעלבע לייט געפאדערט, אז די צאל קינדער וואס ווערט אריינגענומען דורך אגודת ישראל זאל באטרעפן נאר 500 ווייל אזויפיל האט באוויליגט דער דזיאנט — הרב הייכל האט באקומען עטליכע טעלעגראמעס מיט א געפעלשטער אונטערשריפט פון סעקוליענער רב, אז ער זאל מער קיין קינדער נישט צוזאמענעמען.

ניט געקוקט אויף די אלע שוועריקייטן איז דער ערשטער עטאפ פון דער אקציע פארענדיקט געווארן אין חודש אדר מיט ברכה פאר דעם כבוד און רום פון דעם תורה-טרייען יודנטום.

מיר האבן געזאגט "דער ערשטער עטאפ", ווייל די אקציע איז נאך נישט פארענדיקט, יעדע וואך ווערט אריבערגעשיקט דורך דעם סעקוליענער רב א גרופע קינדער אין די שטעט פון טראנסילוואניע, דינסטאג פ' בהר בחוקותי האט דער סעקוליענער רב געהאלטן זיין געזעגנונגס ווארט פאר 20 קינדער, וועלכע זענען דורך אים איבערגעשיקט געווארן אין דער שטאט סאטו־מארע, און היינט זונטאג פ' במדבר פארמירט זיך שוין א נייע גרופע.

און פארשריבן זאל ווערן אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג די נעמען פון די אלע וואס האבן געטראגן אויף זייערע פלייצעס די שווערע היסטארישע ארבעט:

די אונפארטייאישע ארטאדאקסן: ה' ברונשטיין, ה' שמחה העלער, ה' קאפעלמאן, און ה' ראזענבלאט:

די חברים פון אגודת ישראל: ר' שמואל אבראמאוויץ, הרב דוב ייכול, הרב ר' שלום מיכאלאוויטש, הרב ר' שלמה ראבינאוויטש און דער סעקרעטאר פון דער צענטראלע, ר' ליפא קראם:

די חברים פון פועלי אגודת ישראל: ה' קראיטארעסקו, ה' אביגדור אראנאוויץ ה' יעקב מילגרוים , ה' מאנדול, און ה' לייב הערשטיק;

די חברים פון צעירי אגודת ישראל: דער איידים פון סעקולענער רב הרב משה מיסקי, ה' שמואל מארגאשיס, די ברידער ה' שלמה און ה' מנשה קעניג, און ה' ישכר בערגער.

די תלמידים פון דער ישיבה "מתיבתא" ה' ראזנער, יצחק ראזנער, שלמה סטרול, און שמחה סטרול.

די נעמען פון די אלע מוזן פאראייביגט ווערן אין דער געשיכטע פון אגודת ישראל, ווייל דורך זייער מסירות נפש'דיגער ארבעט, איז געשאפן געווארן אין דער געשיכטע פון אגודת ישראל א קאפיטול פון רום.

ביז דא איז איבער געשריבן געווארן דער ארטיקל וואס איז דאן ערשינען דורכן סעקרעטאריאט פון דער צענטראלע פון אגודת ישראל פאר רעגאט און באקאווינא וואס איז געווען אונטער דעם רבי'נס ז"ל פירערשאפט, אין דעם ארטיקל ווארפט זיך אביסל ליכט אויף דעם רבי'נס ז"ל אקטיוויטעטן אין יענער צייט.

* * *

איך וויל נאך דא צוגעבן עטליכע עפיזאדען וואס איך געדענק בנוגע דער יאס'ער אקציע.

ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די יאס'ער אקציע האבן געווײנליך זיך געקלאפט די טירן אונאויפהערליך.

א פרוי איז געקומען פון יאס מיט 2 ייונגעלעך און וועגן דער פרוי האט זיך אנטוויקלט צווישן אונז און דעם רבי ז"ל א גאנצע רייסעניש.

מוטערס האבן זיך דאן געריסן אריינגענומען צו ווערן אין קינדערהיים, כדי זיי זאלן קענען ארויס פארן דורך די קינדער, און דער פאלעסטינע אמט האט דוקא געוואלט האבן קינדער אן מוטערס, כדי זיי זאלן זיין די בעלי בתים אויף די קינדער.

אז מען נעמט א קינד אן א מוטער איז דער פאלעסטינער אמט געווען דער בעל הבית, זעלטן ווען ס'געלונגן דער ארגאניזאציע אגודת ישראל אדער פועלי אגודת ישראל צו לייגן זייע האנט אויף דעם קינד.

אבער אז דאס קינד האט א מוטער איז מער וויניגער די מוטער דער בעל הבית.

איז וויבאלד די שוועריגקייטן זענען אונז געווען זייער גרויס, האבן מיר דערפאר געלייגט דעם עיקר פונקט צו ראטעווען נאר קינדער וואס זענען געווען אן א מוטער זיי זאלן נישט אריינפאלן צו דעם פאלאסטינער אמט.

ביי די פרוי האט זיך אבער דער רבי איינגע'עקש'נט זייער שטארק און ס'האבן ניט געהאלפן אונזערע טענות און מענות וועגן דער שוועריקייט וואס ס'שטייט פאר אונז.

איך בין זיך מודה ומתוודה אז איך בין דאן געווען פון די פארביסענע געגנער פון דעם רבי.

קוקענדיג צוריק זעה איך דעם ווייטן קוק פון דעם רבי'ן ז"ל, פון ביידע קינדער האט מען ב"ה דעם עכטען חסיד'ישען נחת.

איינער איז היינט א חסיד'ישער רב און א שטאט און א מחנך, און אויך דער צווייטער איז א בארימטער מחנך.

*

איינמאל האט א פרוי געברענגט איר קינד צום רבי'ן, ער זאל אים האלטן, דער רבי האט באמערקט אז די סיבה וואס זי ברענגט דאס קינד, איז ווייל זי וויל האבן א גרינג לעבן, האט דער רב צו איר געזאגט: אויב דו וועסט נעמען אויף דיר צו היטן שבת וועל איך האלטן דיין קינד...

* * *

"די קינדער וועלט פון רבי'ן"

מיט א ספעציעלע ליבשאפט האט זיך דער רבי ז"ל באצויגן צו די אלע קינדער.

ווען דער צוג האט געדארפט אנקומען פון יאס ביי דער קינדער אקציע, איז דער רבי ז"ל אליין געשטאנען מיט די מענטשן און דערוווארטעט דעם צוג.

דער צוג האט זיך אבער פארשפעטיגט אויף א 4־5 שעה.

דער רבי איז געשטאנען די גאנצע שעה'ן אין דער ציפדיגן פראסט, כדי אליין צו זיין ביי דער אנקום פון צוג.

אזעלכע האנדלונגען פון רבי'ן האבן גורם געווען אז די קינדער האבן זיך געהאלטן אין זיין הויז ווי מלאכים און די גרעסטע אויפמערקזאמקייט איז צו די קינדער געשענקט געווארן.

ס'איז געווען צווישן די קינדער צובראכענע קינדער וואס זייער ערציהונג איז זייער שווער געווען, אויך קינדער וואס זייענדיג נע ונד אין נישט אידישע הענט זענען זיי געווען זייער אונבאוואוסט אין אידישקייט, אבער דער רבי ז"ל מיט זיין ליבשאפט און אויפמערקזאמקייט וואס ער האט באוויזן צו זיי, האט ער זיי ערצויגן אויפן שענסטן אידישן וועג.

ס'איז געווען א פרייטאג צו נאכט אין מיטן דער סעודה, איז א גרעסער אינגעל צוגעגאנגען צום רבי'ן און געפרעגט:

מען זאגט "על נטילת לולב", נטילת איז דאך דער טייטש וואשן פארוואס דארף מען עפעס דעם לולב וואשן.

איינער וואס איז געזעסן ביים טיש האט א געשריי געטאן: אזא גרויסער בחור און וייס ניט אזא גרינגע זאך?!

דער אינגעלע איז געבליבן פארשעמט און האט זיך פארטראכט.

נאך עטליכע מינוט, איז דער אינגעלע צוגעקומען און געזאגט:

דער אתרוג ליגט דאך אין א קעסטעלע, קיינער רירט אים ניט אן, דער לולב איז אבער אפן אלע לייגן אויף אים די הענט, דעריבער דארף מען אים וואשן.

אזוי אונוויסענדיג זענען נעבעך געווען אסאך קינדער ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבי ז"ל, אבער דער רבי האט זיך נישט מייאש געווען פון זיי און האט זיי געשענקט זיין פולסטן מאס אויפמערקזאמקייט און געלערנט מיט זיי אידישקייט און זיי אויפגעצויגן אויפן ריכטיגן וועג, דער אויבן דערמאנטער אינגעלע איז היינט א חסידישער איד מיט א שטריימל און האט חסידישע קינדער.

* * *

דעם רבי'נס ז"ל מחותן הגאון הצדיק ר' מנחם זאב שטרן זצ"ל אבד"ק גבעת שאול ב', האט אמאל דערציילט ביי א געלעגנהייט וויאזוי ער איז געווארן אזא אנהענגער פון רבי'ן ז"ל. דאס איז נאך געווען איידער ער איז געווארן א מחותן מיט'ן רבי'ן ז"ל, ער איז דאן געווען רב אין נעגרעשטי, האט ער געדארפט איינמאל צוליב א סיבה זיין אין בוקארעסט, קומענדיג קיין בוקארעסט האט ער זיך געטראפן מיט זיין א יוגענט חבר ר' חיים שפיצער ע"ה, מיט וועמען ער האט געלערנט צוזאמען ביים סאטמארער רבי'ן זצוק"ל. רעדענדיג מיט אים רופט זיך אהן ר' חיים: קום איך וועל דיר ווייזן דא אין דער טריפה'נער בוקארעסט אן אמת'ן ערליכן איד, און ער האט אים

געבראכט צום רבי'ן ז"ל וואו זיי זענען שוין דארט פארבליבן אויף שבת. און דער גבעת שאול'ער רב האט אנגעזאגט ר' חיים'ן ער זאל נישט זאגן ווער ער איז.

פרייטאג צו נאכט'ס האט דער רבי ז"ל ווי געוויינליך געדאווענט קבלת שבת ביים עמוד, האט דער גבעת שאול'ער רב ז"ל באמערקט, וואו א קליין קינד מיט א שמוציגע נאז גייט צו צום רבי'ן ז"ל ווען ער האט געהאלטן אין מיטן דאווענען ביים עמוד, און שלעפט אים ביים טלית שרייענדיג טאטע טאטע! ער שטייט און קוקט צו מיט גרויס פארוואונדערונג ווי דער רבי ז"ל נעמט ארויס זיין טיכל פון טאש, און ווישט דעם קינד אפ די נאז, און מיט א קוש אין קעפל האט ער דעם קינד בארוהיגט. דער גבעת שאול'ער רב איז זייער נתפעל געווארן פון אזא אהבת ישראל וואס דער רבי ז"ל האט ארויסגעוויזן פאר יעדען קינד עקסטערע.

דער גבעת שאול'ער רב האט געהאט א גדר נישט צו עסן קיין פלייש אין דער פרעמד נאר דאס וואס ער האט מיט גענומען פון דערהיים, און אזוי האט ער אויך ביים רבי'נס טיש נישט מיט געגעסן נאר חלה מיט פיש. ביים טיש וואו קיינער האט אים נישט געקענט איז ער געזעסן צווישן גאנצן עולם, און ער האט נישט געלאזט ר' חיים'ן ער זאל גיין זאגן ווער ער איז, ערשט ביי סעודה שלישית האט זיך שוין ר' חיים נישט געקענט צוריק האלטן און איז צוגעגאנגען זאגן פאר דעם רבי'ן אז דא זיצט ביים טיש דער נעגרעשטי'ר רב. פארשטייט זיך אז דער רבי האט אים גלייך ארויפגעזעצט אויבן אהן, און האט אים אויך מכבד געווען מיט תורה זאגן. דערנאך האט אים דער רבי ז"ל געפרעגט פארוואס ער האט נישט טועם געווען קיין פלייש א גאנץ שבת, דער גבעת שאול'ער רב האט זיך פאר דעם רבי'ן פארענטפערט אז דאס איז געווען מחמת זיין גדר א.אז.וו. דער גבעת שאול'ער רב איז אבער זייער ארויס פון התפעלות צוזעהנדיג דעם רבי'נס אהבת ישראל און זיין עקסטערע אויפמערקזאמקייט צו יעדען באזונדער, און פון דעם איז ער אזוי צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן ז"ל, מיט וועמען ער איז שפעטער אויך געווארן א מחותן נעמענדיג פאר אן איידעם דעם רבי'נס זון דער היינטיגער רבי שליט"א.

*

דער רבי איז מלמד זכות

ס'איז געווען ר"ח אייר איינס אזייגער ביי טאג, דער רבי ז"ל איז נאך געווען איינגעהילט אין זיין טלית מיט די תפילין פון ר"ת אויף זיין קאפ, ביי א 12 מענטשן האבן אויף אים געווארט, כדי מיט אים א ווארט צו רעדן כדי אויסגיסן פאר אים זייער ביטער הארץ און כדי צו באקומען זיין עצה, ברכה, און הילף.

צווישן די ווארטנדיקע געפינט זיך אויך א אינגל פון א יאר 18 פון גוראהאמאר, ער איז איינער פון די לייטערס פון דעם אינגל קיבוץ.

דער אינגל דערציילט פאר דעם רבי ז"ל אז צווישן די אינגלאך וועלכע דער רבי האט מיט צוויי וואכן צוריק ארייגעשיקט איז פאראן איינער וועלכן ס'איז אונמעגליך צו האלטן, ער איז ניט דיסציפלינירט.

דער רבי ז"ל איז מלמד זכות אויף דעם אינגל: וואס פאר א טענות קען מען האבן צו דעם אינגל אין די יארן אז ער איז אליין אן עלטערן און אן אויפזעער, און יארן זיך געוואלגערט אין אזעלכע נידריגע ערטער. און אז מען וועט אים חס ושלום דערוויטערן וועט ער ח"ו נאך מער דערווייטערט ווערן, מען באדארף אים מקרב זיין און פרובירן רעדן צו אים מיט ווייכן, אזוי וועט מען אים קענען מקרב זיין צו אידישקייט אונגאנצן. צום סוף האט דער רבי ז"ל געהייסן מען זאל אים אריבער ברענגען צו אים וואו דער רבי האט אים מקרב געווען, און משפיע געווען אויף אים אויף זיין שטייגער ער זאל זיך אפלאזן פון די אלע קרומע וועגן.

*

"ר' יעקב גריפל" און רומעניע

ס'איז רעכט צו דערמאנען דא דעם וועלט בארימטן עסקן ר' יעקב גריפל ע"ה וועלכער איז געווען באקאנט ביי אלע גדולי ישראל און אויך ביי די גרויסע מענטשן פון דער פרייער וועלט פאר זיינע גרויסע לייסטונגען פאר דעם כלל ישראל.

ווען דער רבי ז"ל האט אנגעפירט מיט די גרויסע קינדער אקציע, איז ר' יעקב גריפל געקומען קיין רומעניע ארויסנעמען דעם רבי'ן ז"ל מיט די קינדער.

ר' יעקב גריפל איז געווען אין רומעניע ניט דעם ערשטן מאל, ער איז שוין געווען אין בוקארעסט אין די היטלער צייטן און מענטשן האבן אים גערופן אין יענע צייטן דער מלאך.

ביי זיין איצטיגן באזוך איז ער געזעסן אין האטעל אמבאסאדאר, דארט וואו ס'זענען געשטאנען די איבריגע אויסלענדישע געסט, די מאכט ארגאנען האבן געקוקט אויף אים מיט 7 אויגן.

די גאנצע וואך איז ר' יעקב געווען פארנומען מיט זיינע פלענער ווי אזוי ער קען העלפן דעם רבי'ן מיט אלע דעם רבי'נס קינדער.

במשך דער וואך פלעגט יעדן טאג גיין אין האטעל א חסיד'ישער בחור'ל טראגן פאר ר' יעקב'ן כשר עסן פון רבי'נס שטוב.

שבת איז ער געזעסן ביים רבי'נס טיש, און ניט אראפגעלאזט די אויגן פון רבי'ן און פון חומש מיט אור החיים.

די אויגן פון אלע קינדער זענען געווען געוועגדעט צו אים ווי צו א מענטש פון א גרעסערער וועלט.

פרייטאג צו נאכט נאך דער סעודה, ווען מען פלעגט טאנצן, פלעגט ר' יעקב אויך טאנצן.

און אין ר' יעקב'סביידע הענט זענען געווען 2 אינגעלעך, געוויס אלט ווייניגער ווי 6 יאר, די אינגעלעך האבן זיך געפילט, אז זיי דארפן זיין נעבן אים און ער האט זיך געפילט גוט צו האבן די אינגעלעך פאר שכנים.

״משפחת שטרענבוך״

ס׳מוז דא אויך דערמאנט ווערן לטובה די באוואוסטע לעגענדארע שטרענבוך משפחה. וועלכע האבן געווידמעט זייער גאנץ לעבן פאר הצלת נפשות. אויך זיי זענען געקומען קיין רומעניע זיך צו אינטערעסירן מיטן מצב פון דעם רבי׳ן ז״ל און די יתומים ק־נדער. און צו טרעפן א וועג וויאזוי ארויסראטעווען דעם רבי׳ן מיט די יתומים קינדער פון דארט. יהא זכרם ברוך.

* * *

״מיין ערשטער פרייטיג צו נאכט אין הויז פון רבין ז״ל

ס׳איז נאָך געווען צוויי שעה פאר ליכט צינדן, די רביצין איז געקומען צום רבי׳ן מיט א שאלה:

איינער פון די טראנסניעסטער קינדער — אַ אינגל איז אַרויס פון קראַנקענהויז, מען האט אים אָפערירט אויף בלינד ארם, מען האט אים אָפערירט מיט 7 טעג צוריק.

מען האָט אים אָבער אין קראַנקענהויז ניט געוואָלט האַלטן, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין אָרט.

די רביצין פרעגט, וואָס מען זאָל מיט דעם אינגל טאָן? שיקן אים אין קיבוץ חפץ חיים, איז דאָך דער קיבוץ עטליכע קילאָמעטער פון שטאָט און אפשר וועט מען דאַרפן אַ דאָקטאָר אָדער אַ מעדיקאַמענט?

לאָזן אים דאָ אין שטאָדט, טאָ וואו וועט ער שלאָפן? דאָ זענען דאָך נאָר מיידל צימערן?

ווען מען פרעגט דעם רב אַ שאלה פון כשר און טריף, איז זיך דער רב נוהג צו קוקן אין ספר, כאָטש דער ענין איז פאַר אים קלאָר; ביי אַלע שאלות האָט ער ליב צו טראַכטן און איבער־טראַכטן, כאָטש די זאַך איז פאַר אים קיין נייעס ניט.

ביי דער שאלה האָט דער רב ניט גענומען קיין ספר און אויך גאָרניט געטראַכט, נאָר האָט די שאלה גלייך גע׳פסק׳ענט: ער וועט שלאָפן אויף מיין בעט.

קען זיין אַז ער האָט די שאלה אַזוי גיך גע׳פסק׳ענט, ווייל צו אַזאַ שאלה איז ער שוין געוואוינט.

דאָס דאַווענען האָט געדויערט לאַנג, ווייל די קריאת שמע פון סעקולענער רבי׳ן דויערט ביי אַ האַלבע שעה און די שמונה עשרה געדויערט אויך ביי אַ האַלבע שעה.

און דאָס קידוש מאַכן געדויערט גאָר לאַנג, ווייל ביי אַ 20 מענער זיצן ביי דעם רב׳ס טיש און די אַלע מאַכן קידוש לויט דער ריי.

נאָך דעם קידוש הויבט זיך אָן דאָס שניידן די חלות, און דאָס שניידן די חלות געדויערט אויך פאַרהאַנען אינגלעך, וואָס פאַרגעסן פון איין שבת ביז דעם צווייטן, ווי אַזוי צו טאָן.

מען דאַרף דעריבער זיי דערמאַנען, אַז מען דאַרף אָפדעקן די חלות, איבערפירן איבער זיי מיט דעם מעסער און דערנאָך דאַרף מען די חלות פאַרדעקן און מאַכן די ברכה "המוציא". און דעם קליינעם דאַרף מען אפילו העלפן האַלטן דעם מעסער, ווייל דער מעסער קען זיך לייכט אַרויסגליטשן פון זיינע הענט.

מען עסט די פיש און פלוצלינג איז געוואָרן אַ טומל — דער אינגל, וואָס נאָך דער אָפעראַציע איז אַראָפּ אין קיך און געבעטן פלייש.

די דאָקטוירים האָבן אָנגעזאָגט, אַז פלייש איז פאַר אים געפערלעך. די מיידלעך וואָס געפינען זיך אין קיך ווילן אים קיין פלייש ניט געבן, אָבער ער שלאָגט זיך, און מאַכט אַוואַנטורעס.

ס'גייען אַראָפּ עטליכע פון די מענער, כדי אים צו באַרואיגן, אָבער ער וויל זיך ניט באַרואיגן. צום סוף גייט אַראָפּ דער רב אַליין. דער רב געפינט אויף אַלעמען אַ למוד זכות, נאָר ניט אויף זיך. ווען דער רב באַרואיגט אַ צעווילדעוועט קינד, שרייט ער ניט אויף דעם קינדס ווילדקייט, נאָר ער פאַרענטפערט זיך פאַר דעם אינגל, אַז דער רב איז גאָרניט שולדיג, און ער פאַרדינט גאָרניט, מען זאָל ביי אים מאַכן אַוואַנטורעס. דער אינגל האָט זיך באַרואיגט, ער איז אַוועקגעגאַנגען און זיך געלייגט אויפ'ן בעט.

די קראַנקן שוועסטער פון הויז איז צו אים צוגעגאַנגען, כדי אים מיט עפּעס צו העלפן, ער האָט זיך אָבער געוואָרפן אויף איר מיט זיינע פויסטן.

אלע האבן מיט אים גערעדט אלע האבן מיט אים גע'טענה'ט. מען האט אים געגעבן דאס רעכט מען האט פון אים נאר איין זאך געפאדערט ער זאל אפלייגן זיין טעמע אויף שפעטער. קיין זאך האט אבער ניט געהאלפן דער רבי אליין האט געמוזט ארויפגיין אים בארואיגן.

עטליכע שעה האָט געדויערט דער טומל און צווישן האָט מען דערלאַנגט צום טיש די פאַרשיידענע געריכטן. אַלע האָבן געגעסן — — דער עטליכע שעה פריער און דער עטליכע שעה שפעטער אַלע האָבן שוין געענדיגט די גאַנצע סעודה און דעם רב'ס פיש שטייט נאָך ניט גערירט.

איך האָב געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מאַרטירער, ווי אויף אַ מענטש, וואָס ווידמעט זיין לעבן און באַקוועמליכקייט פאַר זיין אידעאַל.

אַזייגער האַלב 6 אין דער פרי האָט מיר אויפגעוועקט פון שלאָף אַ קינדערישער געזאַנג — דאָס האָבן די עטליכע קליינע אינגלעך, וועלכע זענען אַדאָפּטירט געוואָרן דורך דעם רב אַלס זיינע אייגענע קינדער שוין זיך איבער געשלאָפן און שפּילן זיך.

זיי זינגען די ווערטער — כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים מיט דער מעלאדיע, וואס זייער פאטער דער רבי האט געשאפן, זיי זינגען און טאנצן. צווישן זייערע קינדער שטימען הער איך אמבולטסטן די פויגל שטימע פון דעם קליינעם ג.

ס'קומט מיר אויפן געדאנק די געשיכטע פון ג.

ג. ווייס ניט פון קיין פאטער אחוץ דעם רבי'ן ז"ל און ווייס ניט פון קיין מוטער חוץ די רביצין ע"ה.

6 יאר איז אלט ג. און שוין באלד 4 יאר אז זיינע עלטערן זענען פון אים פארלוירן געווארן. געהאדעוועט האט זיך ג. אין טשערנאוויץ אין א קריסטליך הויז, אויפ'ן האלז האט ער געטראגן א קרויץ און אלע טאג אפגעריכטעט דעם קריסטליכן געבעט. אויף א אידן פלעגט ער שרייען דעם באליידיגונגס ווארט (אויף רומעניש) פאר דעם ווארט איד.

איך טראכט מיר די געשיכטע פון דעם קליינעם ג. מיט די ראזע בעקעלעך און איך באשליס אז ניין. ניט נאר פאר עולם הבא ארבעט דער רבי, דער דערגרייכט אויך אסך אולם הזה דורך זיין ארבעט, ווייל ס'איז דאך אן ערדישער פארגעניגן צו זען אזעלכע געבענטשטע פרוכט.

* * *

איינדרוקן פון איינע פון די קינדער
געשריבן פון מינדל צוריאל

פארשיידענע מחשבות האבן זיך געקלאפט אין מיין מוח, און געוועקט ספקות. דאס ווארט רב איז פאר מיר געווען פרעמד צוליב מיין יונגקייט, כאטש מיינע עלטערן זענען געווען פרומע, אבער דורך דעם רבי'נס הארציגקייט זענען אלע חששות פארשוואונדן, און ווען מען האט מיר אנגעזאגט, אז איך קען בלייבן אין זייער הויז איז ניט געווען קיין סוף צו מיין גליק.

איך האָב געפילט אַז דאָ וועל איך געפינען אַ הויז, וואָס איך וועל זיך קענען האָדעווען לויט דעם ווילן פון מיינע עלטערן.

די זכרונות ברענגען מיר צו פילן יענע וואַרימקייט און ליבשאַפט, וואָס מיר האָבן צו איר זוכה געווען.

דער רב מיט דער רביצין האָבן זיך געשטופּט אין אַן ענגן צימער וואָס איז נאָנט צו די מיידל צימערן. מיר האָבן תמיד געפילט זייערע פאַרזאָרגטע אויגן און מיר האָבן געוואוסט אַז ס'איז פאַראַן איינער וואָס זאָרגט פאַר אונז און האָט אונז ליב און אַז ס'איז פאַראַן וועמען צו ליב האָבן.

די רביצין פלעגט וואַרטן ביז מיר וועלן ענדיגן צוזאַמען מיט איר צו ריינִיגן דעם פוסבאָדן און פלעגט אונז מכבד זיין מיט אַ קיכל און דאָס גלייכן.

אין די קאַלטע ווינטער טעג פלעגט די רביצין אָנטאָן עפּעס אַ מאַנטל פון איינע פון די קינדער און זי פלעגט אויסזען די רייכסטע און די גליקליכסטע פון די אידישע פרויען.

איינמאל ביי נאכט האט א מיידעלע אנגעהויבן וויינען, דער היינטיגער רבי שליט"א וואס איז דאן געווען א יונג קינד איז געקומען צו זיין מאמע און געבעטן זי זאל עפּעס טאן. אפשר טוט איר עפּעס וויי. און די רביצין א מידע איז אויפגעשטאנען און האט באַרואיגט דאס קינד, ווי דאס וואלט געווען דאס איינציגע און זי וואלט מער קיינע זארגן ניט געהאט.

אַ אינגעלע איז געווען פאַרבאָטן צו עסן שוואַרץ ברויט. ווען די רביצין האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט זי זיך מטריח געווען צו באַקומען פאַר אים ווייסע מעל און פלעגט פאַר אים אַלע טאָג באַקן ווייסן ברויט.

יעדן שבת פלעגט דער רבי מיט אונז רעדן און פאַרטראַגן און דאָס איז געווען אַ באַלערנדע און אונפאַרגעסליכע איבערלעבעניש.

* * *

די באגעגעניש פון רבי'ן מיט זיינע קינדער

יארן שפּעטער ווען דער רבי ז"ל איז שוין ארויס געקומען אויף דער פרייער וועלט, נאך א יאר וואוינען אין אמעריקא, איז דער רבי ז"ל אפגעפאָרן צום ערשטן מאל קיין ארץ ישראל.

הונדערטער אידן האבן זיך דאן געשטופּט צום רבי'ן ז"ל, שרייענדיג דאס איז אונזער טאטע דאס איז אונזער רעטער.

— "רבי דו דערקאָנסט מיר"? האָט געפרעגט אַ יונגערמאַן. ער איז געקומען ספּעציעל קיין בני ברק צו גרוסן זיין בענעפעקטאָר, וועלכער איז געקומען אויף אַ וויזיט קיין ארץ ישראל. "איך בין געווען איינער פון די קינדער וואָס איז אַנטלאָפן פון דעם נאַצישן גיהנום אין פוילן און געפונען שוץ אין אייער הויז אין טשערנאָוויץ".

— "איר געדענקט מיר?" האָט געזאָגט אַ צווייטער, "איך בין געווען צווישן די וואָס דו האָסט אַריינגענומען אין דיין הויז, ווען מיר זענען געקומען צוריק פון טראַנסניעסטער".

— "און איך בין געווען איינע פון די יתומים פון יאַס", האָט אַ מורמל געטאָן אַ יונגע פרוי וועלכע האָט געהאַלטן אַ קינד ביי איר האַנט. "איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען איר האָט אונז געבראַכט קיין בוקאַרעסט און אונז געגעבן דעם ערשטן ווירקליכן מאָלצייט וואָס מיר האָבן געהאַט נאָך אַסך וואָכן.

ער האָט זיי אַלע געדענקט די און נאָך אַסך אַנדערע פאַר וועלכע ער איז געווען אַ פאָטער און לערער.

ער האָט זיי געגעבן ליבשאַפט אין אַ צייט וואָס די וועלט איז געווען פול מיט אכזריות און שנאה, ער האָט זיי געגעבן אַ היים ווען זייערע הייזער זענען געווען חרוב. ער איז געווען אַ פאָטער צו זיי, ווען זייערע עלטערן זענען געווען פאַרניכטעט. ער איז געווען ניט קיין רייכער און ניט קיין שטאַרקער. ער איז געווען איינער פון די פאַרפאָלגטע אין אייראָפּע, אָבער זיין האַרץ האָט מיט געפילט די ליידנדיגע ברידער צו ברענגען זיי הילף און עצה.

ער געדענקט זיי אַלע, ווי איז מעגליך געווען ער זאָל זיי פאַרגעסן? זיי זענען דאָך געווען זיינע קינדער. ער האָט דאָך אויך געטיילט מיט זיי זיין הויז און זיין ברויט. ער האָט זיך געמאַטערט מיט זיי טאָג און נאַכט. מיט זיין שוואַכן קערפּער האָט ער געראַטעוועט זייער יונגן און אומשולדיגן לעבן פון די שטורמס פון דער צייט.

פרק ה

דעם רבי'נס ז"ל אנדערע פעולות און רומעניע

חוץ דעם רבי'נס ז"ל פעולות בנוגע די יתומים קינדער, איז דער רבי ז"ל אויך געווען זייער אקטיוו אין אלע אנדערע זאכן וואס האבן געהאט צו טאן מיט אידישקייט.

כדי צו האבן א שטיקל באגריף פון דעם רבי'נס ז"ל אנדערע פעולות וועל איך דא מעתיק זיין אן ארטיקל פון דעם אויבן דערמאנטן דזשורנאל געשריבן אונטערן קעפל:

"באריכט פון די ריכטליניען פון דער טעטיגקייט פון אונזער צענטראלע פאר די עטליכע חדשים פון איר עקזיסטענץ"

"אויסער דער הצלה אקציע פון די מאלדאווישע קינדער, האט די צענטראלע פיל געלייסטעט אויף די געביטן פון:

1) טהרת המשפחה: 2) כשרות: 3) חינוך: 4) שמירת שבת: 5) הצלה: 6) קיבוצים און קינדער־היימען: 7) ארגאניזאציע: 8) ליטעראטור און פרעסע.

טהרת המשפחה

די ארבעט אויף דעם געביט פון טהרת המשפחה גייט אין צוויי ריכטליניען:

1) אין פיל ערטער פון רעגאט און בוקאווינע זענען בכלל ניטא קיינע כשר'ע מקוואות, די שטאט פאקשאן צ.בש. איז ביז לעצטענס געווען אן א כשר'ע מקוה, דורך דער הילף פון אונזער צענטראלע און דורך אונזער אנגעזעענער געלט־שטיצע, איז די מקוה געשאפן געווארן, ס'מוז ביי דער געלעגנהייט דערמאנט ווערן די עסקנים: הרב אייזיקסאהן, ר' ברוך שפירא, וועלכע האבן זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דער צענטראלע און האבן געקעמפט פאר דער זאך, ביז דער ענדגילטיגער פארווירקליכונג.

2) אין א טייל שטעט זענען פאראן מקוואות, אבער צוליב דער ארימקייט פון דער באפעלקערונג, איז דאס ארט אליין ניט אומשטאנד אויסצוהאלטן די מקוה.

אונזער צענטראלע האט אזעלכע ארטשאפטן געשטיצט מיט אנגעזעהענע געלט־סומען, אזוי האט צ. ב. אונזער צענטראלע אונטערגעהאלטן די מקוואות פון: קומפעלונג, דאראהאי, א. אז. וו.

כשרות

אויף דעם געביט פון כשרות האט אונזער צענטראלע

אריינגעבראכט אין די געגנטן פון רעגאט און בוקאווינע א פאלקאמע רעוואלוציע, ווייל אויב דער ענין פון מקוה איז ווי געהעריג פארשטאנען געווען און ס'זענען נאר אנטקעגן געשטאנען מאטעריעלע שוועריגקייטן און נסיונות, איז די פראגע פון כשרות אביסל באגאטעליזירט געווארן — פיל פון די רעליגיעזע מאסן האבן זיך ניט אפגעגעבן קיין רעכנונג פון דער אחריות, וואס ליגט אויף זיי פאר דעם, וואס די קליינע יתומים קינדער עסן טריפות, און פון די פאלגן וואס די מאכלות אסורות קענען האבן אויף דער שפעטערדיגער, גייסטיגער אנטוויקלונג פון דעם קינדס נשמה.

דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג איז געמאכט געווארן אין דארנא.

אין דארנא איז דורך דער איניציאטיוו און מיטהילף פון אונזער צענטראלע געשאפן געווארן א כשר'ע קיך און פילע מענטשן און קינדער זענען ארויסגעראטעוועט געווארן פון מאכלות אסורות און אונטערגעבראכט געווארן אונטער דער השפעה פון א רעליגיעזן מחנך.

נאך דארנא איז געקומען קימפעלונג. דארט איז דורך דער איניציאטיוו און מיטהילף פון אונזער צענטראלע, פארוואנדלט געווארן די אלגעמיינע ביז איצט טריפה קיך, אויף א כשר'ע קיך, וועלכע שטייט אונטער דער אויפזיכט פון 2 משגיחים און השו"ב ר' יהודה ליב פריד, ביי דער מיטהילף פון די חשובע עסקנים: ה' העכטלינגער, משה סאבא, פרל סאבא, א. א. אין דער שטאט יאסי, וועלכע איז די צענטראלע פון מאלדאווא, איז די קיך פון בית יתומים געווען טריף און גרויסע מאסן קינדער האבן דארט געגעסן טריפות, מען האט דארט געקאכט בשר און חלב אין די זעלבע כלים.

אונזער צענטראלע האט אריינגעלייגט א קאלאסאלע סומע געלט און האט גע'כשר'ט די קיך, ס'זענען געקויפט געווארן 2 סארטן כלים, פליישיגע און מילכיגע, און די קינדער וועלכע זענען געווען אזוי פארנאכלעסיגט אין גייסטיגן הינזיכט, זענען איבערגעגעבן געווארן צו דער ערציהונג פון א מלמד.

אין דער אקציאן, וואס איז אונטערגענומען געווארן אין בוקארעשט, צו כשר'ן די קיכן פון די בוקארעשטער אינסטיטוטן*, האט זיך אונזער צענטראלע באטייליגט מיט א באדייטנדער מיטהילף.

*חובה עלינו להזכיר כאן לטובה את נשיא קהילת בוקארעסט בעת ההוא, הנגיד מר שאול שלמה שמיט ע"ה, אשר ניצל את קשריו עם פקידי הרשות שיסכימו על דבר זה להנהיג מטבח כשר בג' בתי מושב זקנים, וכן בביה"ח ובעוד מקומות פומביות. ראה מכתבי קודש לרביז"ל מכתב לה.

אויסערדעם זענען צאלרייכע יחידים דורך אונזער צענטראלע ארויס געראטעוועט געווארן פון מאכלות אסורות און פארזארגט געווארן מיט כשר'ן עסן.

חינוך

אונזער צענטראלע האט אויך אנגעפאנגען א ברייטע טעטיגקייט אויף דעם געביט פון חינוך.

אין דער איין שטאט, יאסי, ווערן 3 תלמוד תורה'ס געשטיצט פון אונזער צענטראלע מיט אן אנגעזעענע סובווענץ און ס'זענען אויך ארגאניזירט געווארן דורך דעם פרעזעס פון אגודת ישראל אין יאסי, ר' שמואל אבראמאוויטש, תורה קורסן פאר דערוואקסענע.

אויסער דעם איז אנגאזשירט געווארן א מלמד פאר דעם יתומים־הויז, וואס אין יאסי, און די פילע יתומים וואס אין דעם הויז באקומען אן עכטע תורה ערציהונג.

אין דער שטאט גורא־הומאר איז געגרינדעט געווארן דורך אונזער צענטראלע, א ישיבה קטנה און ס'איז אויך געגרינדעט געווארן א בית יעקב שול, וועלכע ווערן אויסגעהאלטן פון דער צענטראלע.

אין דער שטאט דארנַא וואטרא, איז ווי מיר האבן שוין דערמאנט, אנגאזשירט געווארן אן ערציער פאר די קינדער פון דער קיך, וועלכע איז דורך אונז געשאפן געווארן.

שמירת שבת

פיל מענטשן, וועלכע זענען געצוואונגען געווען צו חלול שבת צוליב זייער שווערער מאטעריעלער לאגע, זענען דורך אונזער צענטראלע סובווענציאנירט געווארן כדי זיי זאלן קענען היטן שבת.

הצלה

טאג טעגליך ווערן ארויסגעגעבן דורך אונזער צענטראלע, אונטערשטיצונגען פאר אומגליקליכע ארעסטאנטן.

די אונטערשטיצונגען זענען ווייט ניט אנטשפרעכענד צו די נויטן און באדערפענישן, ווייל מיר זענען צו אונזער גרויסן באדויערן שטארק ארים אין מיטלען.

קיבוצים און קינדער היימען

אין דער שטאט שאץ איז פאר די געלט פון דער צענטראלע געקויפט געווארן א פרעכטיג בנין אויף א פאך הכשרה פאר יודישע יונגלאך.

אין דער שטאט בוקארעשט האבן מיר געדונגען א שיינע הויז וועלכע האט אונז געקאסט פיל געלט.

אין דעם נייעם הויז האבן מיר איינגעארדנט די ביורא פון דער צענטראלע און די וואוינונגען פאר דער לייטונג, און דורך דעם פרייגעמאכט עטליכע צימערן פאר די מיידל-קיבוצים פון סעקולענער רב שליט"א.

דאס האט געגעבן די מעגליכקייט צו אויפלעבן א געוויסע צאל טראנסניעסטער קינדער וועלכע האבן ביז איצט ניט געקענט האבן קיין ארט דא, און דאס האט אויך פארלייכטערט דאס לעבן פון די קינדער וועלכע האבן פריער געליטן פון דער שרעקליכער ענגשאפט און האט אויך פארבעסערט די באדינגונגען צו זייער פיזישער און גייסטיגער אנטוויקלונג.

אין דעם נייען הויז איז אויך געשאפן געווארן א היים פאר 20 יונגלאך ביז דעם עלטער פון 11 — 15 יאר, די יונגלאך באקומען אויך דא זייער אונטערריכט.

ארגאניזאציע

מיר האבן ארייגעבראכט אן אויפלעבונג אין די שוין עקזיסטירנדע סניפים.

און אין דער שטאט בוקארעשט, וועלכע האט אין זיך דעם גרעסטן טייל פון דער יודישער באפעלקערונג פון רומעניע, האבן מיר געשאפן א באוועגונג פון אגודת ישראל מיט אלע אירע אבצווייגונגען, מיר האבן ארגאניזירט שעורי תורה פאר דערוואקסענע, דורך אונזער איניציאטיוו, איז געשאפן געווארן דורך די רעליגיעזע ארבעטער: שאפער, קראיטארעסקו, מילגרוים, און סולפייטער, א סניף פון פועלי אגודת ישראל פאר דער שטאט בוקארעשט: דורך אונזער איניציאטיוו איז ארגאניזירט געווארן דורך די חברים יוסף בן שמואל, שמואל מארגאשיס, אביגדור אראנאוויץ און יצחק אייזיק קארפול, א סניף פון צעירי אגודת ישראל פאר דער שטאט בוקארעשט.

פרעסע און ליטעראטור

אין דעם איצטיגן טראגישן פעריאד, ווען דער דלות המחשבה איז אזוי גרויס, ווען די יודישע מאסן לעכצן נאך א גייסטיק ווארט, וואלט אונזער צענטראלע געקאנט אויף דעם געביט גרויס נוצן ברענגען אונזער באוועגונג, מיר פארמאגן ב"ה א שטאב פון ליטעראטן און פעדאגאגן, וועלכע וואלטן די ביבליאטעק פון אגודת ישראל געקאנט בארייכערן אויף פארשידענע געביטן, די קאסטן פון דרוק זענען אבער זייער גרויסע און אונזערע מיטלען זענען אויסערגעוויינליך ארים.

טראץ דעם גיבן מיר ארויס שוין דעם דריטן נומער פון אונזער כנסת ישראל, און די מחלקת החנוך פון אונזער צענטראלע ארבעט אויס ערציערישע מאטריאל פאר די בית יעקב לערערינס און פאר די לייטערס פון פרחי אגודת ישראל.

פון דעם באריכט, וועלכן מיר האבן איבערגעגעבן, איז צו זען, און וואס פאר א קאטאסטראפאלער גייסטיגער און מאטעריעלער לאגע די געגנטן פון רעגאט און בוקאווינע געפינען זיך.

מיר מוזן באשטיין, אז אונזערע לייסטונגען אויף די אלע דערמאנטע געביטן, זענען בלויז א קליינער גארנישטיגער פראצענט אין באצוג צו דער נויט און פאדערונגען, מיר קענען אבער מיט שטאלץ באהויפטן, אז אונזערע לייסטונגען שטייגן איבער אויף זייער פיל די ארבייטס באדינגונגען און די ארבייטס מעגליכקייטן, וועלכע זענען אונז געגעבן געוועזן.

אגודת ישראל פון אויסלאנד האט אונז קיין איין פרוטה ניט געשיקט, פון די געלטער פון אגודת ישראל פון אויסלאנד האבן מיר קיין איין פרוטה ניט באקומען, און פון די געלטער וואס דער ועד הצלה האט אונז געשיקט, איז דער גרעסטער טייל ניט דערגאנגען צו אונזערע הענט.

מיר האבן דאס אלעס געשאפן א דאנק דעם פונק פון מסירות נפש וועלכן ס'האט אונז אריינגעבלאזן, אונזער נשיא — דער סעקולענער רב שליט"א, און א דאנק דער ענערגישער און איבערגעגעבענער טעטיגקייט פון דעם ועד הפועל פון אונזער צענטראלע.

די צוקונפט פון אונזער טעטיגקייט איז אבער אבהענגיג פון דעם, צו וועלן די אינסטאנצן פון אויסלאנד פארשטיין זייער אחריות פאר דעם חורבן היהדות פון רעגאט און בוקאווינע.

ביז אהער איז איבערגעשריבן געווארן פון דעם ארטיקל וואס איז דערשינען אין יענע יארן דורך מיר, איך מיז דא צוגעבן אז די אלע פעולות זענען געטאן געווארן פערזענליך דורכ'ן רבי'ן ז"ל און א הייפעלע עסקנים און מיטהעלפערס, וואס האבן זיך לטובת די ענינים באנוצט מיטן נאמען פון אגודת ישראל.

* * *

וועגען די 36 צדיקים

אדאנק דעם רבי'נס ז"ל גוטע מעשים איז ער דארט זייער באליבט געווארן אפילו ביי זיינע קעגנערס און אפילו ביי אזעלכע וואס זענען געווען ווייט פון אידישקייט.

די אידישע קאמוניסטישע פארטיי האט זיך גערופן — קאמיטעט דעמאקראט יעווריעסק (דער אידישער דעמאקראטישער קאמיטעט).

איינמאל איז דער פארזיצער פון דעם קאמיטעט מר שלמה שמיט געקומען צום רבי'ן ז"ל און געבעטן אים, ער זאל קומען צו זייער הויפט פארזאמלונג.

די גאנצע ממשלה איז דאך געלעגן אין זייערע הענט, איז דער רבי ז"ל געגאנגען.

ווען דער פארזיצער האט אנגעהויבן רעדן, האט ער געזאגט: מיר האבן דאך געהערט וועגן 36 באהאלטענע צדיקים, איינער פון די 36 געפינט זיך איצט מיט אונז...

אגב: דער פארזיצער פון דעם קאמיטעט וועלכער איז אויך געווען דער נשיא פון דער קהלה, האט זייער פארערט דעם רבי'ן ז"ל. און כאטש ער איז געווען א מאדערנער מענטש, און ער האט געהאט א גרויסע פאזיציע זייענדיג דער פרעזידענט פון דער אידישער פעדעראציע, פונדעסטוועגן ווען דער רבי ז"ל האט אים געוואלט זען וועגען כלל זאכן פלעגט ער נישט לאזן אז דער רבי ז"ל זאל זיך מטריח זיין אריבער קומען צו אים, נאר ער פלעגט שטענדיג קומען צום רבי'ן און זיך אלץ משתדל געווען נאכצוקומען דעם רבי'נס פארלאנגען.

*

דער רבי ז"ל זייענדיג זייער אקטיוו אויף דעם חינוך געביט פון די קינדער וואס ער האט ערצויגן, האט ער פון מאל צו מאל מסדר געווען פאר די קינדער אז זיי זאלן שפילן א פארשטעלונג, די פארשטעלונגן פלעגן אויסגעשטעלט ווערן דורכן רבי'ן ז"ל אליין, אדער דורך זיינע מיטהעלפער אונטער זיין אויפזיכט, די פארשטעלונגן זענען געווען אויף זייער א הויכען ניווא פון דערציהערשער באדייטונג, דער רבי ז"ל פלעגט דערין אריינפלעכטן אסאך מוסר און אידישקייט געדאנקן פון מסירות נפש א.ד.ג.

איינמאל אויף איינער פון די קינדער פארשטעלונגן וואס איז פארגעקומען עטליכע טעג נאך שבועות, האט דער רבי ז"ל דערקלערט דעם ענין פון די הלכה אז כל שבעה יש לו תשלומים דאס הייסט: אז די גאנצע זיבן טעג נאך שבועות קען מען משלים זיין די קרבנות נדבה וואס יעדער איד האט געדארפט מיט זיך מיט ברענגען ווען ער האט עולה רגל געווען אויף שבועות און בית המקדש, און דער רבי ז"ל האט אויסגעפירט, אז די פארשטעלונג וואס קומט פאר אין די זיבן טעג נאך שבועות געהערט נאך אויך צום יום טוב.

ס'האט דערנאך גערעדט דער פארזיצנדער פון בוקארעסטער קולטור געמיינדע און ער האט געזאגט:

דער רבי האט אונז דערקלערט, אז די פארשטעלונג געהערט נאך צום יום טוב, מיר דארפן ניט די דערקלערונגען, ווייל אלע מאל ווען דער רבי איז מיט אונז, איז ביי אונז יום טוב...

*

און א שמועס וואס איך האב געהאט מיט א פירער פון מזרחי אין אנהויב פון מיין

קומען אהין, האט מיר יענער געזאגט: מענטשן מיינען אז מען קען דעם רבי'ן נארן מיט אויסערליכקייט, דער אמת איז אז מען קען אים ניט אפנארן, נאר מחמת זיין פיינקייט לאזט ער יענעם האבן דעם איינדרוק אז ער זאל מיינען אז ער האט דעם רבי'ן אפגענארט...

*

זייער ווייט האט דעם רבי'נס נאמען דערגרייכט, ס'איז א פלא פון א מעשה, א איד וואס האט נאך דער מלחמה געזאלט פארן פון דער אמעריקאנער זאנע קיין ווין, די שטאדט ווין איז געווען דאן ארומגערינגלט פון אלע זייטן דורך די רוסן, און ווין אליין האט געהאט עטליכע טיילן.

איין טייל וואס דארט זענען געווען רוסן און איין טייל וואס דארט זענען געווען אמעריקאנער.

ווען דער איד האט געוואלט אריינפארן אויף ווין איז ער אדורך געפארן די רוסישע זאנע, האט אים א רוסישער אפיציר געפרעגט, צו וועלכן רבי ער פארט, און ער האט אים ווייטער געפרעגט, פארוואס ער פארט ניט צום סקולענער, דער סקולענער רבי איז דאך אזא גרויסער, אבער די "חנה'לע" לאזט אים ניט לעבן (געמיינט חנה פאקער, געוועזענע אינערן מיניסטער אין דער רומענישער רעגירונג אין יענע יארן).

* * *

די ארויסטריטן פון רבי'ן ז"ל

חינוך פראגע

די רומענישע רעגירונג האט ארויסגעגעבן א געזעץ, אז געזעלשאפטלעכער חינוך געהערט צו דער מדינה, און געזעלשאפטלעכער חינוך הייסט א גרופע פון 10 קינדער.

דער באדייט פון דעם געזעץ האט געמיינט אפצושאפן אלע רעליגיעזע און פריוואטע בתי חינוך, און ממילא איז אין דעם געלעגן א גרויסע סכנה אז מען וועט דארפן אלע תלמוד תורה'ס און תורה אנשטאלטן פארשפארן.

ס'איז געווארן אן אויפרעגונג אין לאנד, און דער רומענישער פארלאמענט האט באשטימט א מיטגליד פון פארלאמענט, ער זאל אויפנעמען א קאנפערענץ פון רבנים וועגן דער פראגע.

דער באשטימטער מיטגליד איז געווען אן אדוואקאט, א שנה ופירש, וואס האט געקענט גוט לערנען און איז געווארן א קאמוניסט.

דער אדוואקאט דער שנה ופירש האט רעפערירט די שטעלונג פון דער רעגירונג:

אז די רעגירונג וויל זיך ניט מישן אין יענעמ'ס גייסטיגע אנגעלעגנהייטן, אז דער אינגל וועט ווערן גרויס, זאל ער זיך אויסקלייבן וועלכן וועג ער וויל.

אויף דער קאנפערענץ זענען געווען אסך רבנים, און פארשידענע רבנים האבן גענומען דאס ווארט און גערעדט וועגן דער פראגע, אבער דער אדוואקאט האט געענטפערט, אז ער האט גארניט וואס צו איבערגעבן אין די הויכע פענסטער.

דערנאך האט דער רבי ז"ל גענומען דאס ווארט און ער האט געזאגט:

אויב מען וועט די קינדער לערנען דאוונען און אנדערע רעליגיעזע געביטן, וועט מען זיי ניט פארשטעלן דעם וועג פון קיין אנדערע זאך, ווייל איר ווייסט דאך גוט, אז מען קען קענען א בלאט גמרא און זיין א כשר'ער קאמוניסט...

אויב מען וועט אבער די קינדער ניט לערנען קיין אידישקייט, און אז די קינדער וועלן ווערן גרויס און וועלן אויסקלייבן דעם רעליגיעזן וועג, וועלן זיי ווערן שונאים פון דער קאמוניסטישער רעפובליק, פארוואס מען האט זיי צוגעגרייט נאר צו איין וועג.

דער פארזיצער פון דער פארזאמלונג האט אויף דעם געזאגט: דאס איז דאס ערשטע, וואס איך קען איבערגעבן אין די הויכע פענסטער...!

*

דער רבי און דער פירער פון דעם פאלעסטינער אמט

די פראַגע פון אַרויס פאָרן פון רומעניע איז געווען אַ לעבנס-פראַגע פאַר יעדן איד און באַזונדערס פאַר אַ רעליגיעזן איד, וואָס איז נזהר אין תורה ומצות, און אַ לינקער ציוניסט איז געווען דער פולשטענדיגער הערשער אין דער פראָגע.

די עמיגראַציע פון רומעניע קיין ארץ ישראל איז געגאַנגען דורך שיפן און דער פאַלעסטינע אַמט פלעגט צוטיילן פלעצער פאַר יעדע אָרגאַניזאַציע.

ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ פאַל, אַ שיף האָט געדאַרפט גיין און אַ איד וואָס האָט געוואוינט אין טראַנסילוואַניע, עטליכע הונדערט מייל ווייט פון בוקאַרעסט האָט אויפגעגעבן זיין דירה, אויספאַרקויפט זיינע זאַכן, אַרויסגעקומען אין דער שטאָדט בוקאַרעסט, זיך געוואַלגערט מיט פרוי און קינדער אין אַ בית המדרש און אין מיטן נאַכט, ווען מען האָט געדאַרפט פאָרן צום שיף, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז זיין פאַס איז ניטאָ.

דער איד איז געקומען צום רבי'ן מיט טרערן אין זיינע אויגן, און דער רבי איז מיט אים ארויסגעפארן צו דער שיף. דער רבי האט דארט אנגעהויבן טומלען, וואו איז דער פאס פון דעם מענטשן?

דער פירער פון פאַלעסטינע אַמט האָט געפרעגט דעם רבי'ן וויפיל געלט האָט ער אייך געגעבן, וואָס איר זענט געקומען אַהער אין מיטן נאַכט. דער רבי האָט אויסגעשריגן: אַז איר פרעגט אַזוי, האָט איר ניט קיינע ריינע הענט! — אַ מענטש האָט זיך צובראָכן און וואַלגערט זיך אַזוי לאַנג אין דער פרעמד, פרעגט איר וויפיל ער האָט מיר געגעבן?!

און ס'איז געשען דער וואונדער... דער פּאַס האָט זיך געפונען.

*

דער רבי און דער פירער פון פולישען קאנסולאט

* * *

דער וואָס האָט געהאַט אין רומעניע אַ פּוילישן פּאַספּאָרט מיט אַ רעכט צו פאָרן אין אַ געוויסן לאַנד, האָט געהאַט דאָס רעכט צו זיין אין לאַנד כל זמן דער פּאַספּאָרט איז גילטיק.

דער וואָס האָט ניט געהאַט אַזאַ פּאַספּאַרט, האָט געדאַרפט פאָרן קיין פוילן און טראַנספּאָרטן קיין פוילין זענען געגאַנגען נאָר פון צייט צו צייט.

ס'איז קלאָר אַז ס'זענען געווען פּוילישע בירגער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיינע פּאַספּאָרטן און האָבן אויסגעמיטן צו פאָרן קיין פוילן, ווייל אפשר וועט זיי געלינגען צו האָבן אַ פּאַספּאָרט.

ס'איז אמאל געשען, אז מען האט פארנומען עטליכע פוילישע בירגער, וואס האבן ניט געהאט קיינע פאספּאָרטן פרייטאג פארנאכט, און מען האט זיי אריינגעזעצט אין תפיסה, זיי זאלן דארט ווארטן ביז ס'וועט זיין א טראנספּארט.

צווישן די אידן זענען געווען עטליכע היימישע און צווישן זיי אויך מיין ברודער ע"ה. דער רבי האָט זיך פון דעם דערוואוסט.

דער רבי איז געקומען אין קאָנסולאַט שבת ביי טאָג און ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער קאָנסול איז דורכגעגאַנגען דורך דעם צימער. האָט דער רבי געפרעגט דעם קאָנסול: דו קענסט רוסיש? האָט דער קאָנסול געענטפערט: יאָ.

פרעגט אים דער רבי: דו ביזט דער פּוילישער קאָנסול? מען האָט דיר אַהער געשיקט צו פאַרטיידיגן דיינע בירגער, גיב אַ קוק ווי דו פאַרטיידיגסט זיי? זיי זיצן אין קעלער צוזאַמען מיט די פאַרברעכער! און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ביי שלש סעודות זענען די עטליכע פוילישע אידן געזעסן ביים רבי'נס טיש.

*

א פאספּארט פאר אן אנדער איד

"לא יאומן כי יסופר" אז בדורנו זאל זיך געפינען א מענטש וואס איז אליין אין געפאר און זאל אוועקגעבן זיין מעגליכקייט ארויצופארן פאר אן אנדערן אידן, (און דאס איז געווען אין די צייטן פון סטאלינ'ען ימ"ש ווען די קאמוניסטן האבן געבושעוועט).

די פאלגענדע מעשה וואס פון איר שיינט ארויס די אמת'ע קדושה און מסירות נפש'דיגע גרויסקייט אהבת ה' און אהבת ישראל פון רבי'ן ז"ל, דארף דערציילט ווערן פאר צוקונפטיגע דורות, די פאסירונג ווערט באשטעטיגט פון רבי'נס זון "כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א" ווי אויך פון דעם באטרעפענדעם אליין.

ר' אברהם חיים ווערצבערגער נ"י (וועלכער וואוינט היינט אין וויליאמסבורג לאויש"ט) איז געווען נאך דער מלחמה שוחט אין סאטמאר, רומעניע, ווען ס'איז אנגעקו'מען אין די 50ער יארן ווען די קאמוניסטן האבן געבושעוועט, און כמעט אלע חרד'ישע אידן פון שטאט האבן שוין געהאט ארויס געפארן פון דארט אויף דער פרייער וועלט, האט אויך ר' אברהם חיים נ"י וועלכער האט געהאט א שטוב מיט 10 קינדער בלעה"ר געוואלט ארויס פארן, מורא האבענדיג פארן חינוך פון די קינדער וואס וועלן בלייבן און לאנד וואו רוב אידן זענען שוין ארויסגעפארן, אויך האט ער שוין דאן געהאט א דערוואקסען מיידעל.

ר' אברהם חיים האט דאן אריינגעגעבן א ביטע פאר א וויזע ארויס צופארן, אבער די פארטיי מענטשן אין סאטמאר האבן אים נישט געוואלט דערלאזן ער זאל ארויספארן, ווייל ער איז דאן געבליבן פון די איינציגע שוחטים אין שטאט, און זיי האבן נישט דערלאזט ער זאל באקומען די וויזע ארויסצופארן.

ר' אברהם חיים האט זיך דאן געווענדעט צום מיניסטעריום און בוקרעשט וואו ער האט באקומען די וויזע און ערלויבעניש ארויסצופארן, און ער האט פארקויפט זיין דירה און צוזאמען געפאקט די פעקלעך און גענומען די קינדער צום באן צו פארן קיין בוקרעשט, וואו זיי האבן געדארפט אריינגעבן די פעקלעך אוועק צו שיקן קיין ארץ ישראל, דארט האט אים באגעגענט איינער פון די קאמוניסטישע פארטיי פירער און שטאט און אים געזאגט: א שאד פאר די שיינע קינדערליך וואס דארפן זיך אויסמוטשענען און פארן אומזיסט קיין בוקרעשט, מיר האבן שוין ערלעדיגט ביי דעם מיניסטעריום מ'זאל אייך נישט ארויס לאזן.

ווען ר' אברהם חיים איז אנגעקומען קיין בוקרעשט און איז געשטאנען אין דער רייע איינצוגעבן די זאכן ביי די צאל-אמט, ווען ס'איז געקומען די רייע אויף אים האט אים דער באאמטער געזאגט דיין וויזע איז נישט גילטיג דו דארפסט גיין אין דעם מיניסטעריום באקומען א אנדערע וויזע, ווען ער איז אנגעקומען אין מיניסטעריום האט מען אים געזאגט דיין נאמען ווייסן מיר שוין, דו ביזט ביי אונז פארשריבן איינער פון די 6 וויכטיגסטע מענטשן פון לאנד וואס מיר דארפן האבן און מיר קענען דיר נישט ארויס לאזן.

ווען ר' אברהם חיים האט דאס דערהערט איז אים געווארן ביטער אויפן הארץ, דא איז ער אין א פרעמדער שטאט מיט א הויז-געזונד פון 10 קינדער אהן א אייגענע דירה, און וואס טוט מען, איז ער געקומען צום רבי'ן ז"ל וואס האט דאן געוואוינט און בוקארעסט, און האט זיך פאר אים אויסגעגאסן דאס הארץ.

דער רבי ז"ל האט אים געהייסן נאך אמאל אריינגעבן א ביטע צום מיניסטעריום, און דער רבי ז"ל האט אליין איבערגעקוקט די ביטע און עס פארריכט פארן אוועק שיקן, אבער ס'האט נישט געבראנגט קיין רעזולטאטן.

איינמאל ווען ער איז געווען ביים רבי'ן ז"ל וועגען אויסשטעלן נאכאמאל א ביטע, האט אים דער רבי ז"ל געזאגט: אזוי ווי ער האט א מענטש וואס איז זייער נאנט

צו אים, און ער האט באקאנטשאפט מיט אן אפיציר וואס ארבעט דארט ביים מיניסטער האפט ער אז ער וועט דורך אים קענען מאכן פאר ר' אברהם חיים אן אודיענץ ביים מיניסטער.

ווען דער רבי ז"ל האט דאס גזאגט פאר ר' אברהם חיים איז דארט געשטאנען דעם רבי'נס זון "כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א" וועלכער האט שוין איינמאל געוואלט ארויס פארן פון דארט און ער איז שוין געווען אין קאנסטאנצא פון וואו די שיף האט באדארפט אפגיין, און מען האט אים מיט זיין רביצין שתחי' אראפ גענומען פון שיף און זיי איינגעזעצט אויף 3 וואכן, יעצט ווען ער האט געהערט פון רבי'ן ז"ל אז ער קען האבן א צוטריט צום מיניסטער האט ער זיך אנגערופן פארן רבי'ן ז"ל: אפשר איז אצינד די צייט איינצוגעבן אן אודיענץ צו בעטן א וויזע אויף פאר אונז.

האט זיך דער רבי ז"ל אנגעריפן: תפשת מרובה לא תפשת, אז מען וועט בעטן פאר צוויי וועט מען גארנישט געבן, און ר' אברהם חיים איז נויטיגער פון אונז ווייל ער האט א שטוב פון 10 קינדער...

ווען ס'איז אנגעקומען די צייט פון דער אודיענץ איז ר' אברהם חיים אהינגעגאנגען וואו דער אפיציר האט אים שיין אויפגענומען און האט אים געלאזט רעדן אויפן טעלעפאן מיטן מיניסטער וועלכער האט זיך געפינען אויפן צווייטען שטאק, דער מיניסטער האט אפגעווארפן זיין בקשה טענה'נדיג אז ער פעלט שטארק אויס פאר די באפעלקרונג און שטאט וואס וועט בלייבן אן א שוחט, און האט אים נישט געוואלט געבן די וויזע.

ר' אברהם חיים איז צוריק געקומען צום רבי'ן ז"ל, א צייט שפעטער האט אים דער רבי ז"ל געזאגט אז ער האט אים איצטער ערלעדיגט נאכאמאל אן אודיענץ ביים מיניסטער, און דער איד וועלכער איז נאנט צום אפיציר וואס ארבעט דארט ביים מיניסטעריום וועט מיט אים מיט־גיין, ווען ס'איז געקומען די באשטימטע צייט איז ר' אברהם חיים דארט געווען, אבער דער איד און דער אפיציר איז נאך נישט דארט געווען, האט ער זיך געווענדעט צו א אידישע קאמעניסטישע פרוי וואס האט דארט געארבעט, אבער זי האט אים געענטפערט די ביזט ביי אונז אויף די ליסטע פון די 6 וויכטיגסטע מענטשן וואס מיר דארפן האבן דא און לאנד און מ'קען דיר נישט ארויסלאזן, ווען ר' אברהם חיים האט מיט איר איינגע'טענה'ט אז ער האט יעצט נישט וואו צו זיין און ער וואלגערט זיך ארום מיט 10 קינדערליך אויף דער גאס, און פון זיין שטאט זענען רוב אידן שוין ארויס געפארן, און ער האט שוין א גרויסע טאכטער וועמען ער דארף חתונה מאכן, האט אים די פרוי געענטפערט מיר וועלן שוין חתונה מאכן דיין טאכטער, ווען ר' אברהם חיים האט געזען וויאזוי דער מצב איז האט ער שוין געוואלט אוועק גיין.

ארויסגייענדיג קומט אן דער איד מיט דעם אפיציר און פרעגט אים פארוואס ער גייט שוין האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה, זאגט אים דער איד ווארט נאך, און ער האט געבעטן דעם אפיציר ער זאל זיי פארבינדן מיט דעם מיניסטער, רעדענדיג

מיט דעם מיניסטער האט ער זיי געהייסן צוריק־קומען אין צוויי טעג ארום דאן וועט ער האבן א תשובה פאר זיי.

דער צווייטער טאג איז אויסגעקומען שבת, און ווען ר׳ אברהם חיים האט געזען אז ס׳ווערט שוין שפעט און האט נאך נישט באקומען קיין תשובה און ער דארף גיין דאווענען, האט ער געבעטן זיין טאכטער זאל אים דארט פארטרעטן, ווען ר׳ אברהם חיים איז דארט צוריק געקומען איז אים די טאכטער אקעגן געקומען מיט די בשורה טובה אז דער מיניסטער האט באפוילן אז זיי קענען ארויספארן.

ר׳ אברהם חיים איז דאן שנעל צוגעגאנגען צום רבי״ן ז״ל אים אנזאגן די בשורה, אנקומענדיג צום רבי״ן איז דער רבי ז״ל געזעסן ביים קידוש נאכן דאווענען מיט אן עולם, ווען ער האט דערציילט די בשורה פארן רבי״ן ז״ל, האט דער רבי ז״ל מחמת גרויס שמחה זיך גענומען טאנצן מיטן גאנצן עולם ווי עס וואלט געווען א אייגענע בשורה טובה.

דערנאך האט אים דער רבי ז״ל געבעטן ער זאל נישט מאכן א פירסום דערפון, כדי עס זאל אים ניט פארשאטן, ר׳ אברהם חיים איז דאן אפגעפארן בשעה טובה קיין ארץ ישראל, און דעם רבי״ן ז״ל האט מען א שטיקל צייט דערנאך איינגעזעצט אין תפיסה...

ווען ר׳ אברהם חיים נ״י דערציילט די מעשה פירט ער אויס מיט טרערן אין די אויגן: אז ב״ה ער זעט אידיש נחת פון זיינע קינדער וועלכע האבן אלע ב״ה אויפגעשטעלט אידישע משפחות אבער דאס גאנצע איז דעם רבי׳נס וואס א דאנק זיין מסירות נפש האב איך עס געקענט אדורכמאכן.

אגב: ס׳איז כדאי צו באמערקן דאס וואס ר׳ אברהם חיים דערציילט נאך: אז אין יענע טעג ווען ער האט זיך געוואלגערט אין בוקארעסט איז ער געווען אין זייער א שווערן מצב, ער האט נישט געהאט קיין שטוב, און זיי זענען איינגעשטאנען אין האטעל אין עק שטאט, וואס האט אים אפגעקאסט שווערע געלט, און קיין פרנסה האט ער די טעג נישט געהאט.

און איינע פון די וואכן איז דער רבי ז״ל אפגעפארן קיין דארנא אויף שבת, ווען דער רבי ז״ל איז צוריק געקומען האט ער אריינגערופן ר׳ אברהם חיים און האט אים געוואלט געבן 4000 לע״י וואס איז דאן געווען א גרויסע סומע, ר׳ אברהם חיים וואס האט געזען דעם רבי׳נס ז״ל אייגענע שווערע מאטעריעלן מצב, וואס ביים רבי״ן אין שטוב איז אין יענע טעג געווען זייער גרויס דאס דחקות, האט ער עס נישט געוואלט צונעמען אויך נאכדעם וואס דער רבי ז״ל האט זיך ביי אים איינגעבעטן.

א פאר טאג דערנאך ווען ר׳ אברהם חיים איז געווען און שול דאווענען קומט צו אים צו א שיינער בעל הבית און גיט אים 4000 לעי״, ר׳ אברהם חיים האט זיך געכאפט אז דאס קומט פון רבי״ן האט ער דעם איד געזאגט גיב עס צוריק פארן רבי״ן ווייל ער דארף עס דאך אויך האבן, דער איד האט אים אבער אנגעשריגן: וואס גייט

אייך אן פון וואו איך גיב אייך דאס געלט, איר האט א משפחה פון 10 קינדער דארפט איר עס נעמען....

* * *

אונזערע באזוכן

אחוץ דעם רבי'נס ז"ל פארשידענע פעולות אין יענע צייטן, פלעגט דער רבי ז"ל אויך ארויס פארן פון צייט צו צייט אין פארשידענע שטעט, מחזק זיין די דארטיגע אידן און אידישקייט, איך האב געהאט די זכי' אנטייל נעמען און עטליכע פון די באזוכן, און דעם פרק וועל איך אביסל מיטיילן די חשובע לייגער מיט מיינע זכרונות פון די באזוכן.

אונזער באזוך אין באקאאו

באקאאו איז א שטאדט אין רעגאט, קיין בוקארעסט פלעגט קומען א בחור פון באקאאו וועגן מסחר זאכן, ער האט געהייסן אלי'.

ער פלעגט קומען צום רבי'ן און ער פלעגט דערציילן, אז ער האלט אין באקאאו אין איין מאנען אז מען זאל ברענגען דעם רבי קיין באקאאו אויף א שבת.

נאך א לאנגער צייט האט אלי' אויסגעפירט און די גבאים פון באקאאו זענען געקומען לאדענען דעם רבי אויף א שבת.

נאך שבת איז געווען א פארזאמלונג ס'זענען געווען פארזאמלט אסך מענטשן, ס'האבן גערעדט די צוויי רבנים פון שטאדט הרב גינזבערג שליט"א און הרב דערמער שליט"א, און ס'האט אויך גערעדט דער רבי ז"ל.

דער גבאי פון באקאאו וואס ער איז געווען זייער א פיינער תמימות'דיגער מענטש זייענדיג באגייסטערט פון רבי'נס פערזענליכקייט און פון זיינע פלאמענדיגע דרשות, האט ער גע'טענה'ט אז אלי' איז אין אלץ שולדיג וואס מ'האט דעם רבי'ן ביז אהער נישט געבראכט: —

ווייל אלי' האט געזאגט: מען זאל ברענגן דעם סעקוליענער רב? דאס איז דאך אבער ניט קיין רב, דאס איז דאך א מלאך ה' צבקות...

אונזער באזוך אין שאץ

ס'איז באשטימט געווארן צו פארן דאנערשטיג אוונט קיין שאץ.

במשך דעם דאנערשטיג טאג האט דער רבי עטליכע מאל געפרעגט צי מען האט באשטעלט וואגאן לי, דאס הייסט שלאף וואַגאָן.

איך האב זיך פון דעם זייער געפרייט.

ס'איז געווען זייער א הייסער טאג, און איך בין צו די רומענישע היצן ניט געוואוינט, בין איך געווען זייער מיד, האב איך ביי מיר געטראכט, אין שלאף וואגאן, וועל איך דאך זיך קענען אויסרוען אויסשלאפן.

ס'איז געקומען דער אוונט, מיר זענען געקומען צום צוג, איך בין גלייך ארויף אויף מיין פלאץ און זיך געלייגט.

עטליכע מינוט שפעטער דער רבי וועקט מיר זאגענדיג: אויף דעם איז געמאכט געווארן דער שלאף וואגאן? שלאפן קען מען דאך אין שטוב אויך? און איך בין געגאנגן לערנען מיטן רבי'ן חומש מיט אור החיים הקדוש.

*

און שאץ איז פארגעקומען א הערליכער קבלת פנים לכבוד דעם רבי'ן ז"ל, וואו די רבנים פון שטאט האבן באגרוסט דעם רבי'ן ז"ל. אויך דער שבת איז דארט געווען זייער א דערהויבענער.

זונטאג איז געווען א טאג פון חינוך ביי טאג האט דער רבי גערעדט אין בית המדרש וועגן חינוך, און אין אוונט האט מען באנייט די מיידל סקול און מ'האט דארט אויך גערעדט וועגן חינוך.

*

אין שאץ האבן ניט געפעלט קיינע פשוט'ע תמימות'דיגע אידן, מען האט מיר אפילו באוויזן א איד וואס האט יארצייט דאן ווען ס'פאלט דער ערשטער שניי.

און דער רבי ז"ל האט גערעדט אזוי אז אפילו אזעלכע איינפאכע אידן האבן זיך אנגעזעגט מיט פרייד.

דער רבי ז"ל האט דארט גערעדט וועגן די וויכטיגקייט פון געבן פאר דער יוגענט א תורה'דיגן חינוך.

איך וועל דא אראפגעבן א משל וואס דער רבי ז"ל האט דערמאנט אין זיין דרשה:

א רייכער דארפסמאן איז געקומען אויף ראש השנה אין שטאט און ער האט געגעבן די גבאים א שיינע פאר רובל און די גבאים האבן אים געגעבן א פלאץ נעבן רב.

ראש השנה פאר'ן דאווענען בעפאר דער עולם האט זיך פארזאמלט איז דער ישוב'ניק געזעסן איבער דעם מחזור און געוויינט.

די וואס זענען געזעסן אין בית המדרש האבן גערעדט צווישן זיך: וואס וויינט ער? ער פארשטייט דאך אין דאווענען גארניט און אפילו די וואס פארשטייען, וואס איז פאראן צו וויינען אנהויב דאווענען.

שפעטער אין די תפלות איז פאראן ונתנה תוקף, וואו ס'ווערט דערמאנט מי יחי' ומי ימות, מילא דארט פארשטייט זיך אז מ'וויינט, אבער אנהויב דאוונען וואס איז פאראן צו וויינען.

מיטאמאל איז אנגעקומען דער רב, זענען די בעלי בתים צוגעגאנגען צום רב און געבעטן: דער ישובניק זיצט דאך נעבן רב זאל דער רב א קוק טאן וואס וויינט אזוי דער ישובניק?

דער רב איז געקומען אויף זיין זיץ האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן ישובניק און געזען אַז דער ישובניק זאָגט יגדל, האָט דער רב אַ פרעג געטאָן דעם ישובניק: זאָגט מיר, וואָס וויינט איר? האָט דער ישובניק באַוויזן דעם רב אַז ס'שטייט: מתים יחיה א־ל ברוב חסדו. האָט דער רב געפרעגט דעם ישובניק: נו, איז וואָס'זשע וויינט איר? האָט דער ישובניק באַוויזן דעם רב וואָס ס'שטייט אין עברי טייטש. האָט דער רב געזען אַז דער ישובניק פאַרשטייט טאַקע יע עפּעס, האָט ער געפרעגט דעם ישובניק: נו איז וואָס'זשע וויינט איר פאָרט?

האָט דער ישובניק געזאָגט צום רב: רבי ווען איר וואָלט געוואוסט מיינע צרות, וואָלט איר שוין געוואוסט, אַז איך דאַרף וויינען.

איך האָב דריי זין, רבי וואָס זאָל איך אייך זאָגן, שיכורים, קאָרטן שפּילער. ווען איך וועל אַוועקגיין, וועט ביז דריי חדשים פון מיין פאַרמעגן גאָרניט בלייבן און איך בין אַ איד אַ בעל הבית. איך האָב פעלדער, וועלדער און בהמות און אַז איך וועל אויפשטיין ביי תחיית המתים צו וואָס וועל איך קומען — ניטאָ קיין פעלד, ניטאָ קיין וואַלד, ס'וועט אפילו קיין איין הינדעלע ניט זיין.

האט דער רב געזאגט צו דעם ישוב'ניק: מיין פריינד, איר דארפט ניט זארגן, אויב איר האט אויסגעהאדעוועט אזעלכע 3 בנים, וועלן זיי אייך אזוי פארזארגן, אז איר וועט צו תחיית המתים ניט אויפשטיין.

דער רבי האט זיי דערמיט אנגעוויזן וואו וויכטיג איז צו געבן פאר קינדער א תורה'דיגן חינוך, ווייל קינדער וואס ווערן אויפגעצויגן אויף דעם תורה'דיגן וועג טראגן נאך די עלטערן זכותים אויך אויף נאך זייער טויט, וואו די גמרא זאגט ברא מזכה אבא דאס מיינט אז קינדער ווען זיי גייען אויפ'ן ריכטיגן וועג טראגן זיי נאך זכותים אויך פאר די עלטערן אויף יענער וועלט, ממילא קענען זיי גרינגער אויפשטיין צו תחיית המתים..

*

דער רבי ז"ל האט מיר געבעטן, אז איך זאל אין שאץ רעדן שארף, ווייל ער דארף דארט רעדן פיין און וואויל.

איך האב געוויס מקיים געווען וואס ער האט מיר געהייסן און איך האב געפייערט מיט די גרעסטע כלים, און די מזרחי פירער פון דער שטעטל האבן מיר אונטער געזאגט: דער רבי דארף דאך נאך רעדן, איך זאל חס ושלום ניט פארנעמען צופיל צייט...

אונזער באזוך אין יאס

מען איז געפארן אויף שבת אין דער שטאט יאס און ס'איז אזוי געשען אז די וואס האבן געדארפט פארשטענדיגן פון אונזער קומען, האבן ניט פארשטענדיגט, און פרייטאג פארטאג ווען מיר זענען אנגעקומען קיין יאס האט אונז קיינער ניט דערוווארט.

מיר זענען פארפארן צו דער רביצין'ס שוועסטער און שוואגער, און עטליכע שעה שפעטער האט זיך אנגעהויבן צו רודערן.

צו רעדן אין רומעניע פאר א פובליקום אין דער עפענטליכקייט האט מען געדארפט האבן אן ערלויבעניש פון די רעגירונג אינסטאנצן, און געווייינליך איז אזא ערלויבעניש נישט געגעבן געווארן נאר פאר אזעלכע וואס זענען צוגעשטאנען צו דער רעגירונג'ס פארטיי, דערפאר איז שווער געווען צו באקומען דארט אן ערלויבעניש פאר דעם רבי'ן צו רעדן. ערשט פאר ליכט צינדן איז געגעבן געווארן די ערלויבעניש פאר דעם רבי'ן צו רעדן. און די דערלויבעניש איז געגעבן געווארן צו רעדן נאר פאר די וואס געפינען זיך אין בית המדרש.

צו מארגן שבת אין דעם הייסן זומער טאג זענען די פענסטער פון בית המדרש געווען אפן און פון אלע זייטן פון בית המדרש האבן געשטראמט הונדערטער אידן הערן דעם רבי'ן רעדן.

און יאס האט זיך דאן געפונען דער שטפינעשטער רבי אדמו"ר הרה"צ ר' מנחם נחום טווערסקי זצ"ל, וואס נאך די פטירה פון דעם לעצטן שטפינעשטער רבי זצ"ל האבן די חסידים און יאס אים אויפגענומען אלס ממלא מקום און דעם שטפינעשטער שטובל וואס איז געווען און יאס. ער איז געווען אן אדם גדול. אויך ער איז געשטאנען ביי די טיר פון זיין צימער און זיך צוגעבויגן צו ציהערן דעם רבי'נס רייד. א גרויסער רושם האט דארט איבערגעלאזט דעם רבי'ן פייערדיגער דרשה. דער שטעפינעשטער רבי ז"ל מיט אייניגע בעלי בתים האבן דערנאך געבעטן דעם רבי'ן ז"ל ער זאל זיך דארט באזעצן, אבער דער רבי ז"ל זייענדיג צוגעבינדן צו זיין ארבעט מיט די קינדער און בוקארעסט האט זיי געמוזט אנטזאגן.

*

אין א דרשה וואס דער רבי ז"ל האט געהאלטן אין בוקארעסט אין א בית המדרש וואו ס'איז אראפגעפאלן א ספר תורה, האט דער רבי אנגעהויבן זיין דרשה מיט די ווערטער: די תורה איז דא אראפגעפאלן, א סימן אז מען דארף איר אויפהויבן...

פרק ו

די תפיסות פון רבי'ן ז"ל און זיין זון יבלח"ט דער רבי שליט"א

אין סוף פון די 40ער יארן איז די לאגע אין רומעניע געווארן שווערער, די קאמוניסטן האבן שטארק געבושעוועט, אין רומעניע איז געווארן מער פארפליכטעט צו רוסלאנד, מען האט יעדען שטארק נאכגעקוקט, און אויף וועמען מען האט געהאט עפעס א מינדעסטן פארדאכט אז ער האט זיך עפעס פארזינדיגט האט מען תיכף איינגעזעצט.

אויך דאן איז דער רבי ז"ל געווען זייער אקטיוו צו העלפן די ארעסטאנטן א.ד.ג.

ס'איז געווען א פאל ווען דער רבי ז"ל האט געשיקט די טאכטער האשה החשובה מרת איטה ציון וועלכע איז דאן אלט געווען פופצן יאר — קיין סאטמאר, ווייל מען האט זיך דערוואוסט, אז מען וויל פארהאפטן א אידן, און מען דארף דעם איד מודיע זיין, אז מען וויל אים פארהאפטן.

*

אויך דעם רבי'נס ז"ל מצב איז געווארן שווערער, די רוסן האבן אים ארויס געפאדערט מיט א טענה אז ער האט רוסישע קינדער איבערגעשיקט קיין רומעניע.

איין מאל אין מיטן לייענען שבת איז געקומען א גרויסער רוסישער מיליטערמאן און געזאגט, אז ער וויל רעדן מיט דעם רבי.

דער רבי איז מיט אים אריין אין א צימער און זיי האבן געשמועסט.

ווען דער מיליטערמאן איז אוועקגעגאנגען, האבן מיר געפרעגט דעם רבי, וואס ער האט מיט אים געשמועסט?

האט דער רבי געזאגט, אז דער מיליטערמאן האט אים פארגעווארפן אז ער האט רוסישע קינדער איבערגעשיקט קיין רומעניע.

דער רבי האט אבער דעם מיליטערמאן דערקלערט, אז דאס איז ניט געווען קיינע רוסישע קינדער, נאר קינדער פון רומעניע, וואס האבן קרובים אין רומעניע.

*

די לאגע האט זיך פארערגערט, און ס'האבן זיך אנגעהויבן די רדיפות אויפן רבי'ן ז"ל, אים איינצוזעצן אין תפיסה. מוצאי שבת נחמו ווען דער רבי ז"ל איז געזעסן ביי זיך און צימער זענען פלוצלינג אריין געקומען עטליכע אגענטן און זיי האבן דעם רבי'ן ז"ל מיט זיך גענומען.

די קינדער וועלכע זענען דאן געווען ביים רבי'ן און שטוב, צווישן זיי מיין שוועגערין מרת רבקה (כהן) און מרת סימה (צלר), זענען נאך זיי געלאפן אויף דער גאס און אנגעהויבן צו שרייען. די אגענטן נישט וועלענדיג מאכן דערפון א רעש אויף דער גאס, האבן זיי דעם רבי'ן ז"ל צוריקגעברענגט און שטוב.

דערנאך זענען זיי געקומען צוריק און האבן געזאגט: אז זיי האבן געהאט א פארוואורף, פארוואס זיי האבן דעם רבי'ן אפגעלאזט. און האבן ווידעראמאל פארנומען דעם רבי'ן ז"ל

זיי האבן דעם רבי'ן גארנישט געלאזט נעמען מיט זיך, חוץ דעם טלית און תפילין און דעם ספר הקדוש קדושת לוי וועלכע ס'איז דאן געלעגן אויפ'ן טיש, וואס דאס האט ער מיטגעכאפט מיט זיך.

זיי האבן דעם רבי'ן ז"ל געבונדן די אויגן ער זאל נישט זען ווי מען פירט אים, ווען מען האט אים אריינגעבראכט אין תפיסה האט מען אים ארויפגעפירט אויף א רעפארט, וואו זיי האבן אים באשולדיגט אין ציוניזם, און אין מאכן פאלשע פאפירן פאר קינדער און זיי אוועקשיקן.

שפעטער האט מען ביים רבי'ן ז"ל צוגענומען זיין טלית און תפילין און די ספרים, און מ'האט אים אראפגעפירט און קעלער וואו ער איז געזעסן מיט אנדערע גוי'אישע פאליטישע ארעסטאנטן.

דער פייער אקעגן דעם רבי'ן ז"ל איז דאן געווען זייער שטארק, מ'האט אים באשולדיגט אז ער האט צוגענומען רוסישע יתומים קינדער וואס האבן געהערט נאך זייערע געזעצן צו די רעגירונג, און ער האט זיי איבערגעפירט קיין רומעניע פון וואו ער האט זיי איבער געשיקט קיין ארץ ישראל, און מען האט אים זייער געפייניגט ער זאל זיך מודה זיין אויף זייערע באשולדיגונגען, ווי אויך ער זאל דערציילן ווער אלס האט און דעם א אנטייל גענומען.

ווען ס'איז אנגעקומען ראש השנה, האט דער רבי ז"ל געבעטן מען זאל אים ארויס געבן זיין טלית צום דאווענען, אבער מען האט אים אנטזאגט.

דער רבי ז"ל האט אויך פרובירט ווירקן אויפן באאמטען אז מען זאל אים פירן אונטער שמירה הערן שופר, אבער מען האט אים געענטפערט אז מען קען דאס ניט טאן.

אין תפיסה האט דער רבי ז"ל חוץ א שטיקל טרוקן ברויט גארנישט מער געהאט, אז ס'איז אנגעקומען דער ערשטן טאג ר"ה האט דער רבי ז"ל געבעטן ביים שומר הפסח אביסל זאלץ כדי ס'זאל זיין עפעס א שינוי לכבוד יום טוב, אבער מען האט אים ניט געוואלט געבן.

דעם צווייטן טאג איז אריינגעקומען אן אפיציר וועלכער האט אים געבראכט א טאמָעיטא. דער רבי ז"ל האט זיך זייער דערפרייט אז ער וועט קענען מיט עפעס א מאכל מכבד זיין דעם יום טוב.

יארן שפעטער ווען דער רבי ז"ל איז שוין געווען אויף דער פרייער וועלט האט ער זיך נוהג געווען צו פראווען א סעודת הודאה דעם אנדערן טאג פון יום הקדוש אלס אן אנדעק צום נס פון זיין באפרייאונג פון דער תפיסה, ווען דער רבי ז"ל פלעגט דאן דערציילן דעם עפיזאד, האט ער צוגעלייגט אז ער האט דאן פארשטאנען דאס וואס

עס שטייט און זוהר הקדוש אז דער ערשטער טאג ר"ה איז "דינא קשיא" און דער צווייטער טאג ר"ה איז "דינא רפיא", זעענדיג אז דעם ערשטן טאג ראש השנה האט מען אים אפילו קיין זאלץ נישט געוואלט צוגעבן און דעם צווייטן טאג האט מען אים אריינגעבראכט א טאמעיטא.

אויך פלעגט ער דאן זאגן, אז בשעת מ'האט אים אריינגעברענגט די טאמעיטע איז אים געקומען אויפן געדאנק צו זען אין דעם א גוטן סימן ווייל די חז"ל זאגן כל שנה שרשה בתחלתה עתידה להיות עשירה בסופה, און טאמייטאס אויף רומעניש רופט מען ראשי, און סימנא מילתא הוא.

איינמאל דאווענדיג איז דער רבי ז"ל איינגעדרעמלט געווארן און געזען אין חלום אן אתרוג, וואס דער רבי ז"ל האט אין דעם געזעהן א סימן אז ער וועט אינגיכן באפרייט ווערן. און סוכות וועט ער שוין זיין אין דערהיים.

שבת שובה פאר ערב יום כיפור איז דער רבי צוגעגאנגן צום שומר הפתח און אים געבעטן דאס ער זאל אים ארײנלאזן און אפיס, וואו ער האט געוואלט בעטן אז מען זאל אים ארויסגעבן זיין טלית כאטש אויפן הייליגן טאג, אבער דער שומר הפתח האט אים אנטזאגט.

מוצאי שבת איז אריינגעקומען א סובלאקינענט אין דער צעלע מיט גרעסלאך אין האנט און געפרעגט: ווער וויל שמעקן, און אזוי האט דער רבי ז"ל געהאט בשמים.

זונטאג ערב יום כיפור האט דער רבי ז"ל באמערקט אז דער וואך פערסאנאל פון די תפיסה האט זיך געטוישט, האט ער מחליט געווען נאכאמאל צו בעטן מען זאל אים ארײנלאזן אין אפיס בעטן זיין טלית און תפילין. דער נייער שומר הפתח איז אריינגעגאנגן אין אפיס פרעגן, און ער איז צוריק געקומען און אים געגעבן רשות אריינצוגיין. אריינקומענדיג אין אפיס האט דער רבי דערזעהן אז אויך דארט האט זיך דער גאנצער פערסענאל געטוישט. און ער איז צוגעגאנגן צום מאיאר און אים געבעטן אז היות עס קומט יעצט דער הייליגסטער טאג פון יאר פאר אידן, בעט ער אז מען זאל אים ארויסגעבן זיין טלית. דער מאיאר האט אים נאכגעגעבן און אים אהינגעגעבן זיין טלית און תפילין מיט די ספרים און אים געזאגט אז נאך יום הקדוש זאל ער עס תיכף צוריק געבן.

דער רבי ז"ל האט אין דעם געזען א סימן לטובה און די פרייד איז געווען גרויס.

מוצאי יום כיפור האט דער רבי ז"ל נישט צוריק געגעבן תיכף די טלית און תפילין טראכטענדיג ער זאל נאך צופרי ארײנכאפן און לייגן תפילין.

צופרי ווען דער רבי איז געזעסן מיט די תפילין, האט מען אים אריינגערופן אין אפיס, דער רבי ז"ל האט זיך דערשראקן ער האט געמיינט אז מען רופט אים מיט דער טענה פארוואס ער האט ניט צוריקגעגעבן תיכף די טלית און תפילין.

דארטן זענען געזעסן מיטן רבי'ן אינטעליגענטע פאליטישע ארעסטאנטן וואס זיי האבן שוין דערקענט אויפן אופן פון דעם רופן צי דאס איז צום שלעכטן אדער

נישט, האבן זיי זיך אנגעריפן צום רבי'ן ז"ל: דא רופט מען אייך צום באפרייען, איר האט נעכטן אזוי גוט געדאווענט, בעט אויף פאר אונז.

*

ווען דער רבי ז"ל איז אריינגעקומען אין אפיס האבן זיי דעם רבי'ן ז"ל געלאזטווארטן א לאנגע צייט, דער רבי ז"ל וואס האט נישט געוואוסט וואס מען וויל יעצט פון אים, איז צוגעגאנגען צום מאיאר און זיך אנגערופן אז ער האט יעצט צוריק געברענגט די טלית און תפילין, דער מאיאר האט אים אבער געענטפערט איר קענט אלע אייערע זאכן האלטן מיט אייך ווייל איר ווערט באפרייט, נאר איר מוזט קודם קומען מיט אונז אויף אן אנדער פלאץ.

מען האט דערנאך דעם רבי'ן ז"ל אריינגענומען אין א געפאנצערטע אויטא, און סאלדאטן מיט געווער זענען געזעסן ארום אים, און מען האט אים אוועקגעפירט און א גרויסען הויז, דער רבי ז"ל האט נישט געוואוסט ווי מען פירט אים.

דארט האט ער געזען איינעם א באקאנטן, און דער רבי ז"ל האט אים געפרעגט וואס איז דא? האט אים יענער געענטפערט: דאס איז דער אינערן מיניסטעריום!

א באאמטער האט דעם רבי'ן ארויפגערופן און אים שטארק גע'מוסר'ט זאגענדיג: דו ביזט ניט קיין פיינער מענטש, נאך א מלחמה אויב ס'זענען געבליבן קינדער געהערן די קינדער צו דער מלוכה, און וואס האט זיך צו מישן אין דעם א פארטוגאל?

דער רבי האט אים אנגעהויבן דערקלערן, אז דאס זענען קינדער פון רעליגיעזע עלטערן און מען האט זיי געגעבן כשר עסן.

דערנאך רופט זיך צו אים אן דער באאמטער, מיר לאזן אייך ארויס פריי, אבער איר זאלט ניט דענקן אז מען לאזט אייך פריי ווייל נעכטן איז געווען יום כיפור... נאר ווייל מיר זענען פיינע מענטשן.

דער רבי ז"ל האט אבער נישט נאכגעגעבן און אים געענטפערט: דאס וועט איר ביי מיר נישט צו נעמען, איך גלויב יא אז איך גיי אהיים נאר ווייל נעכטן איז געווען יום כיפור.

און אין דעם טאג ממחרת יום הכפורים נאכדעם ווי זיי האבן זיך מיטן רבי'ן ז"ל אויסגע'טענה'ט האט מען אים באפרייט.

דער רבי ז"ל פלעגט דערנאך אלע יארן ווען ס'איז געקומען דער טאג פון ממחרת יום הכפורים פראווען א סעודת הודי', און דערציילן די נפלאות ה' וואס איז מיט אים געשען, און ער פלעגט זאגן אז דער נס איז געווען למעלה מהטבע, ווייל אויב ביי דער צווייטער תפיסה האט מען גערודערט אין דער דרויסענדיגער וועלט (ווי עס ווערט ווייטער דערציילט) איז אבער ביי דער תפיסה האט מען ערגעץ נישט געוואוסט דערפון, און דער פייער אקעגן אים איז געווען זייער גרויס, און דערפאר האט דער רבי ז"ל געזען און דעם באפרייען פון די תפיסה גרויסע נסים העכער די טבע.

און אנהייב 50ער יארן נאכדעם וואס דעם רבי'נס זון דער היינטיגער רבי שליט"א האט חתונה געהאט האט דער רבי באשלאסן אים ארויסצולאזן מיט זיין משפחה, דער רבי ז"ל אליין האט נאך ניט געקענט פארן, צוליב די קינדער וואס זענען נאך דארט געווען.

ווען דער רבי שליט"א מיט זיין רביצין שתחי' זענען שוין געווען אין קאנסטאנצא ג'רייט ארויסצופארן, האט מען זיי פון דארט אראפ־גענומען און מען האט זיי איינגעזעצט. דאס איז געווען פאר חנוכה. זיי זענען געזעסן 3 וואכן, אין דער צייט וואס דער רבי ז"ל מיט זיין פאמיליע האבן פון אנהויב ניט געוואוסט וואס מיט זיי טוט זיך. ערשט שפעטער איז פאר דעם רבי'ן שליט"א'ס רביצין געלונגן אויף א קלוגן אופן עס מודיע זיין פאר דעם רבי'ן ז"ל.

מ'האט זיי אוועקגעפירט קיין בוקארעסט געשמידט אין קייטן. דארט האט מען דעם רבי'ן שליט"א מיט זיין רביצין זייער געפייניגט. וואו די רביצין שתחי' איז קראנק געווארן אויף ראמאטיזם.

אלס רעזולטאט פון זייער תפיסה האט מען אויך אנגעהויבן צו רודף'ן דעם רבי'ן ז"ל. אבער ס'איז געווען א פלא דאס א גאנץ חנוכה זענען זיי צום רבי'ן ז"ל נישט געקומען און ער האט געקענט פראווען די חנוכה ליכט צינדן וואו געוויינליך מיט אן עולם א. אז. וו. דארנעשטאג נאך חנוכה האבן זיי ארויגערופן דעם רבי'ן ז"ל מיט די רביצין ע"ה אויף א פארהער, וואו מ'האט זיי א גאנצן טאג געמאטערט מיט פארשידענע פראגן, ביינאכט ווען מען האט זיי פריי געלאזט, איז דער רבי ז"ל מיט ר' יעקב פארטיגול נ"י פון דעם רבי'נס קינדער, אוועק געפארן קיין דאראהוי, וואו זיי האבן זיך אויפגעהאלטן ביי אן היימישן איד.

אויך די רביצין ע"ה האט זיך באהאלטן ביים רב הכולל, שבת זענען זיי געקומען זוכען דעם רבי'ן ז"ל זעענדיג אז ער איז נישט און שטוב האבן זיי זיך גענומען מאטערן די קינדער ר' הערשיל פארטיגול מיט מרת איטא צין שיחיו, וועלכע זענען נאך דאנמאלסט געווען יונגע קינדער, זיי זאלן זאגן וואו איז דער טאטע, אבער זיי האבן זיך פעסט געהאלטן און מען האט פון זיי קיין ווארט נישט געקענט ארויסבאקומען.

די גאנצע צייט האט זיך דער רבי ז"ל אויפגעהאלטן אין דאראהוי, האט זיך אבער געמאכט אז די פאליציי באמטע אין דאראהוי זענען אריינגעקומען דארט אין שטוב וואו דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן, צו פארנעמען דעם בעל הבית אויף ווענען זיי האבן באקומען א מסירה, דארט האבן זיי געטראפן דעם רבי'ן ז"ל, און זיי האבן זיך פארבונדן מיט די אינסטאנצן פון בוקארעסט וואו מען האט זיי געהייסן אפלאזן דערווייל דעם אידן און זיי זאלן זיך נאר פארנעמען מיט דעם רבי'ן, דארט האט מען דעם רבי'ן ז"ל פארהאלטן אויף איין טאג און א נאכט וואו מען האט אים פארגעהאלטן אויף א שטרענגן פארהער, אבער דאן האט מען אים באפרייט און אים אהיים געשיקט קיין בוקארעשט.

די לעצטע תפיסה פון רבי'ן ז"ל און יבלח"ט דער רבי שליט"א

ראש חודש ניסן "תשי"ט" האט מען נאכאמאל אריינגעזעצט דעם רבי'ן ז"ל מיט זיין זון יבלח"ט דעם רבי'ן שליט"א.

מען האט זיי באשולדיגט און שפיאנאזש פאר אמעריקא און ארץ ישראל, זיי האבן געזאגט צו אים: אידן קומען צו דיר מכלומר'שט וועגן תורה, אבער באמת אגיטירסטו געגן דער מלוכה, דו שטייסט אין פארבינדונג מיט אמעריקאנער שפיאנאזש, דו פלעגסט נעמען געלט ביים "דזאינט" און טיילן מענטשן פאר אינפארמאציע וואס איז נויטיג פאר שפיאנאזש.

און אנהויב איז דער היינטיגער רבי שליט"א געזעסן אין א צימער ניט ווייט פון רבי'ן ז"ל, און פלעגן דורך א הוסט לאזן וויסן איינער פון אנדערן, דערנאך האבן זיי צוגענומען דעם זון דעם רבי שליט"א און אן אנדער ארט, און זיי האבן גארניט געוואוסט איינער פון אנדערן.

דעם רבי'ן ז"ל האט מען אריינגעזעצט אין א צימער מיט א רומענישן גוי, אין תפיסה איז געווען איינגעפירט אז די ארעסטאנטן האבן געדארפט אליין טאן די ארבעט פון ריינקייט און זייערע קאמערן, זיצענדיג מיט דעם גוי האט דער רבי ז"ל מיט אים מסדר געווען אז דער גוי זאל טאן פאר אים די ארבעט און שבת, און דער רבי ז"ל פלעגט טאן די ארבעט פארן גוי זונטאג.

דארט אין תפיסה האט מען זיי שטארק געפייניגט, זיי זאלן זיך מודה זיין אויף די באשולדיגונגען, ווי אויך זאלן זיי מסר'ן אויף אנדערע מענטשן וואס זיי האבן די נעמען פאר זיי אויסגערעכנט.

אבער פארשטייט זיך אז זיי האבן דאס אלעס אויס געהאלטן און נישט גערעדט קיין ווארט.

דער רבי ז"ל פלעגט שפעטער אסאך מאל דערציילן אז ס'איז געווען צייטן וואס ער האט געפילט אז מיט זיין שוואכן געזונט וואלט ער עס ניט אויסגעהאלטן, פלעגט דער אויבערשטער אים מזמין זיין א פסוק מיט א ניגון און מיט דעם האט ער זיך געשטארקט.

און דער רבי ז"ל פלעגט דערביי מוסיף זיין: אין צייטן וואס מען האט אפילו קיין שייכות ניט צו טראכטן וועגן פרוי און קינדער, ווען מען דארף לייגן נאסע האנטיכער, אז מען זאל ניט ווערן צומישט, און ס'קומט א ניגון, איז דאס געוויס מן השמים אויף זיך מחזק צו זיין.

ס'איז געווען א פאל ווען מען האט דעם היינטיגן רבי'ן שליט"א אראפגעשלעפט אין קעלער וואו מען האט אים שטארק געפייניגט ער זאל זיך מודה זיין אויף אלע זייערע באשולדיגונגען וואס אין דעם איז אויך געווען פארשידענע מסירות אויף אריינצושלעפן אויך אנדערע מענטשן און זייער נעץ, ווען דער רבי שליט"א האט שוין דערפילט אז ער האלט עס נישט אויס, האט ער זיי געזאגט האלט אפ, ער וויל עפעס

זאגן, זיי האבן זיך זייער דערפרייט טראכטענדיג אז דא גייט ער זיך שוין געוויס מודה זיין, האט מען נאכגעלאזט אביסל די פייניגונגען, און דער רבי שליט"א האט זיך אנגערופן פאר זיי: איך בעט אייך אז איר זאלט מיר חאטש אזויפיל טאן און מיר ברענגען צו קבר ישראל, ווען זיי האבן דאס דערהערט און זעהענדיג אז ער האלט נישט ביים מודה זיין האט מען אים נאכמער געפייניגט זאגענדיג: צו קבר ישראל וועט מען דיר ברענגן? פארברענען וועט מען...

פאר שבועות האט ער זיי שטארק געבעטן, אז מען זאל לאזן עפעס ברענגן פאר אים פון זיין שטוב, ווי צוקער א.ד.ג. ער זאל האבן מיט וואס זיך צו שטארקן לכבוד דעם יום טוב שבועות. האבן זיי אים געהייסן שרייבן א ביטע אין מיניסטעריום, און דער רבי ז"ל האט זיי געפרעגט וואס קען ער פארלאנגן האבן זיי מסכים געווען נאר אויף צוקער און מצות. ווי עס זעהט אויס האבן זיי זיך געהאט טועה געווען מיט פסח ווען מען עסט נאר מצות. און ווען דער רבי ז"ל האט זיי געפרעגט אויב ער קען בעטן אויך עפעס א פירי א.ד.ג. האבן זיי נישט מסכים געווען.

שפעטער זענען זיי צוריק געקומען מיט א ענטפער אז די רביצין וויל גארנישט געבן, און זי זאגט ער זאל עסן וואס מען גיבט און תפיסה.

האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופן מסתמא האט זי ניט קיין געלט, האט אים דער מאיאר געזאגט: מיר האבן ביי איר געטראפן צען טויזנט ליי' און אסך קאראטן, דאן האט דער רבי ז"ל געזעהן אז זיי זאָגן ליגענט, ווייל ער האט געוואוסט אז אזעלכע זאכן זענען ביי אים אין שטוב ניט פארהאנען.

שפעטער ווען דער רבי ז"ל איז ארויסגעקומען אויף די פריי האט זיך ארויסגעוויזן אז זיי זענען טאקע געקומען בעטן און שטוב די פראדוקטן פארן רבי'ן ז"ל, און מען האט זיי עס איבערגעגעבן, אבער זיי האבן עס פארן רבי ז"ל נישט געוואלט איבערגעבן, און האבן אים געוואלט צוברעכן מיט דעם אויבן דערמאנטן ליגענט אז כאלו אויך און זיין שטוב אינטערעסירט מען זיך נישט פאר אים.

*

ווען ס'איז אנגעקומען דארנשטאג ט' באב האט מען דעם רבי'ן ז"ל זייער געפייניגט, דער רוסישער אויפזעהער אויפן רבי'ן ז"ל האט אים באוויזן שלעכטקייט, און האט אים געקלאפט אין האלז, ביז דער דאקטאר האט געזאגט אז מען טאר שוין ניט מער ווייל ער וועט ח"ו אויסגיין, ס'איז דאן ביים רבי'ן ז"ל פארוויקליכט געווארן דער פסוק על צווארינו נרדפנו.

מען האט אים דאן געמאטערט ער זאל אונטערשרייבן אז ער האט געהאט פארבינדונג מיט אן אידן אין טשערנאוויץ וואס זיצט פאר שפיאנאזש, און דעם נאמען פון דעם אידן האט דער רבי גארנישט געוואוסט.

דער מאיאר האט דאן געזאגט צום רבי'ן: דו ביזט דאך א וואונדער רבינער, באווייז א מופת, אז דו זאלסט פון אונז ארויסגיין.

דער רבי האט אים דאן דערקלערט אז ניט א רבי ווייזט וואונדער, נאר דער איבערשטער ווייזט וואונדער צו זיינע גוטע פריינד. און אז דער איבערשטער וועט וועלן, וועט ער מיר אויך באווייזן זיינע וואונדער.

ווען ס'איז אנגעקומען שבת נחמו י' אב פרייטאג פארנאכט ווען דער רבי ז"ל האט געהאלטן און מיטן זאגן דעם קאפיטל ק"ז פון תהלים פאר מנחה, און ביי די ווערטער יוציאם מחושך וצלמות האט מען אנגעהויבן שליסן די טיר, און מען האט אים אריינגערופן.

זייער אריינרופן בכלל איז געווען א שווערע איבערלעבעניש, ווייל זיי פלעגן פייניגן און אויסמאטערן די ארעסטאנטן מיט שווערע פייניגונגען און פראגען, בפרט איז דאס געווען א שווערע איבערלעבעניש אויב זיי האבן גערופן אין שבת, ווייל זיי פלעגן מאכן א רעפארט און ס'פלעגט זיין גרויסע צרות ביז מען פלעגט זיך איינבעטן ביי זיי אז מען זאל נישט דארפן שבת אונטערשרייבן.

דאס מאל האט מען דעם רבי'ן אריינגעפירט אין אן אנדער צימער און מען האט אים געפרעגט: ווילסטו ריכטן די שיך און די זאקן. ווייל ער האט כסדר געבעטן מען זאל אים ריכטן (ווייל די זאקן זענען געווען אראפגעפאלן און די שיך זענען געווען צוריסען און ער האט געטראטן אויפן נאקעטן פוס פון וואס די פוס איז אים געווארן זייער געשוואלן), דער רבי האט זיך דערפרייט, דערנאך האבן זיי אים געגעבן דעם טלית און תפילין מיט דעם "חוק", וואס ער האט געהאט מיטגענומען מיט זיך און די רשעים האבן עס געהאט צוגענומען ביי אים ווען מען האט אים אריינגעזעצט, דערנאך האבן זיי אים געפרעגט צו ער וויל זען דעם זון.

מען האט אריינגעפירט דעם זון דער רבי שליט"א. אבער אויך דאן האבן זיי דעם רבי'ן ז"ל געלאזט שטיין נאר אויסגעדרייט, אזוי אז זיי האבן זיך נאר געזען פון רוקן.

דערנאך האבן זיי אים געזאגט: מיר האבן זיך בארעכנט אז מיר וועלן דיר פריי לאזן, ווייל דו ביזט צו אלט נאר דו זאלסט אינטערשרייבן דעם באפרייאונגס צעטל.

דער רבי ז"ל איז געווען זייער איבער'רעש'ט הערענדיג דאס, ווייל ערשט עטליכע טעג פאר דעם און ט' באב האט מען אים נאך זייער געפייניגט, ער האט אבער נישט געוואלט אונטער שרייבן צוליב שבת, און ווען זיי האבן אנגעהויבן צו שרייען אויף אים אז אויב ער שרייבט נישט אונטער בלייבט ער נאך זיצן, האט זיך דער רבי באטראכט אז אויב ער איז שוין געזעסן ביז יעצט איז ער אוודאי גרייט צו זיצן אויך פארן שבת קודש. און דער רבי האט נישט מסכים געווען אונטער צו שרייבן.

מען האט זיי צוריק אריינגעפירט און זייערע קאמערן, מאנטאג צופרי האט מען זיי צוריק ארויס געפירט און זיי האבן אונטער געשריבן דאס באפרייאונג צעטל, און מען האט זיי פריי געלאזט.

ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען אין שטוב איז די פרייד געווען זייער גרויס, ווייל די רשעים האבן געהאט ארויס געלאזט א קלאנג אז מען האט דעם רבי'ן ז"ל מיט

יבלח"ט דעם זון דעם היינטיגן רבי'ן שליט"א הינגעריכטעט, דעם שבת דערויף איז ביים רבי'ן ז"ל געפראוועט געווארן א גרויסארטיגער קידוש, ווייל זייענדיג אין תפיסה איז אים ז' באב געבוירן געווארן אן אייניקל (מרת נחמה קלוגהופט שתחי') און שבת נחמו האט א פרעמדער מענטש געגעבן דעם נאמען ווייל דער פאטער (דער רבי שליט"א) מיטן זיידען דער רבי ז"ל זענען נאך געווען אין תפיסה.

דער רבי ז"ל פלעגט זיך דערנאך נוהג זיין צו פראוועז א סעודת הודי' יעדן מוצאי שבת נחמו, און צו דערציילן דערביי די נפלאות ה', ער פלעג זאגן יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם, דורך דערציילן די נפלאות לבני אדם איז מען מקיים דעם יודו לה' חסדו.

*

פנינים יקרים

איך וויל דא איבערגעבן עטליכע פערל־ווערטער וואס זענען געהערט געווארן פון רבי'ן ז"ל ביי פארשידענע געלעגנהייטן ווען ער פלעגט דערציילן פון זיינע דורך־לעבענישן און די תפיסות:

א. די רשעים פלעגן אים זייער מאטערן מיט זייערע פראגן, און דער רבי ז"ל האט זיך געשראקן פון אייניגע פראגן, איז אים דאן געקומען אויף דער מחשבה בשעת זאגן דעם פסוק און תהלים ייבשו רשעים ידמו לשאול: "ידמו" קען אויך געטייטשט ווערן פון ווארט "דומיה", שווייגן, "לשאול", איז פון ווארט שאלה, פראגע, דאס מיינט אז די רשעים זאלן זיך שעמען זיי זאלן פארשטומט ווערן פון פרעגן.

ב. מענטשן פלעגן פרעגן דעם רבי'ן ז"ל, פארוואס ער איז געזעסן? פלעגט ער זאגן: ס'שטייט דאך בפירוש יושבי חושך וצלמות..."כי המרו אמרי א־ל", ווייל זיי האבן ניט געפאלגט דעם אויבערשטן...

און נאך אביסל שווייגן פלעגט ער מוסיף זיין: אבער די רשעים האבן דאך פון דעם ניט געוואוסט...

ג. איך וועל דא איבערגעבן וואס איך האב געזאגט ביי א צוזאמענקום פון היימישע אידן און א מסיבה פון מוצאי שבת נחמו לכבוד דעם רבי'נס ז"ל באפרייאונג:

דאס איז א סעודת הודי' ווייל ערב שבת נחמו בין השמשות איז דער אונז אלעמען טייערער רבי באפרייט געווארן פון דער שווערער און לעבנס געפערליכער תפיסה, און צווייטנס איז דאך דער שבת א שבת פון פרייד און טרייסט פאר דעם גאנצן פאלק ישראל.

שבת נחמו איז אנגעזאגט געווארן דער באפרייאונגס באפעל און אין דעם טאג פון י"ב אב האבן זיך געעפנט די אייזערנע טויערן פון דער רומענישער תפיסה און אונזער חשוב'ער גרויסער רבי מיט זיין גרויסן און חשוב'ן זון זענען באפרייט געווארן.

די הצלה פון רבי'ן פון דער רומענישער תפיסה אין וועלכער ער איז געזעסן אונטער די שווערסטע קלאגן איז געוויס א נס מן השמים, ווייל אלע לאגישע אויסרעכענונגען האבן געוועקט די שרעק אז די אלע ברוטאלע אקציעס זאלן ח"ו די קאטאסטראפע ניט פארגרעסערן.

ביי אזא מסיבה פירט זיך געוויינליך צו געבן אן אפשאצונג פון דער פערזענלעכקייט וואס מיר אלע פרייען זיך מיט זיין באפרייאונג, און אן אפשאצונג פון דעם נס וואס איז געשען, אבער איך האלט פאר איבריג צו רעדן וועגן דער גרויסקייט פון דעם נס, ווייל די אלע חשוב'ע פארזאמלטע האבן א נאנטן קאנטאקט מיט מענטשן וואס זענען געווען אונטער דעם אייזערנעם פארהאנג און א גרויסער טייל איז אליין דארט געווען אין דער גרעסטער סכנה, ממילא ווייסט דאך יעדער פון אונז אפצושאצן דעם גרויסן נס פון דעם באפרייאונג וועלכע איז געווען א הצלה מאפילה לאור גדול און נאך פיל מער פיל מער.

איך האלט אויך פאר איבריג און ניט אנטשפרעכענד צו געבן אן אפשאצונג פון דער פערזענלעכקייט פון אונזער רבי, ווייל זיינע דערגרייכונגען און זיינע אידיאליסטישע אונטערנעמונגען זענען דאך באקאנט צווישן נאנטע און ווייטע אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

*

די פעולות פארן רבי'נס הצלה

די ערשטע צייט פון דעם רבי'נס ז"ל זיצן האט מען און די דרויסענדיגע וועלט גארנישט געוואוסט דערפון, די השגחה העליונה האט אבער געפירט אז פונקט דאן איז געקומען קיין רומעניע הרב צבי ברונשטיין שליט"א אויף א שליחות פון גדולי הרבנים, דארט איז ער געוואויר געווארן פון רבי'נס ז"ל תפיסה און צוריק קומענדיג האט ער אלאמירט די פרייע וועלט וועגן דעם.

פערזענלעכקייטן אין פארשיידענע ווינקעלעך פון דער גארער וועלט האבן מקריב געווען צייט און געלט, און האבן אריינגעלייגט אין דער הצלה זייער גאנצן כח, און גאנצן מוח.

און ווייל ס'האט ניט עקזיסטירט קיין ארגאניזירטער קאמיטעט אין קיין ארט האט כמעט קיינער פון די עסקנים ניט געהאט קיין קלארן באריכט פון די אקטיוויטעטן פון די אנדערע און ס'האט זיך געשאפן א קאשמאר פון ניט קלארקייטן.

און ווען דער גליקלעכער מאמענט איז אנגעקומען האט זיך אין דער פרעסע וועגן רבי'נס הצלה געמאכט א קאמישער איינדרוק.

פארשידענע עסקנים און כלל טוער האבן דאן גענומען דעם קרעדיט פאר זיך.

דער באקאנטער חרד"ישער שרייבער און עסקן ר' אוריאל צימער ז"ל וואס איז געווען מיין ערשטער פאראנטווארטלעכער ארבעטער, האט אין דעם יאר פון מיין שווערסטער פאראנטווארטלעכער ארבעט (בנוגע דעם רבי'נס ז"ל הצלה) געשריבן א

סאטירע און אן ארץ ישראל׳דיגער צייטונג: אני לא הצלתי את הרב מסקולני, איך האב ניט געראטעוועט דעם סקולענער רבי, אין וועלכן ער שטעלט זיך פאר אלס אויסנאם אין דער תקופה ווען יעדער טוער האט זיך געהאלטן און בארימען אין פלייסיגער הצלה.

ס׳ליגט אויף מיר א הייליגע און מאראלישע פליכט צו דערמאנען דעם אומפארגעסליכען ענערגישן באוואוסטער עסקן און כלל טוער ר׳ אהרן (״הארי״) גודמאן ע״ה דער פירער פון ״אגודת ישראל״ אין לאנדאן. וועלכער האט זייער אסאך געלייסטעט פאר דעם רבי׳נס הצלה. ער האט געמאכט פארשידענע אינטערווענצן אין פארשידענע קאנסולאטן פון פארשידענע מדינות, און ער האט געוויס אסאך געהאלפן אין דעם רבי׳נס הצלה. יהא זכרו ברוך.

אויך דארף דערמאנט ווערן לטובה דער באוואוסטער כלל טוער הרב פורהאנד שליט״א וועלכער האט נישט גערוט נאר אינטענסיוו געארבעט פאר דער הצלה אקציע פון דעם רבי׳ן ז״ל.

*

ביים שלוס פון דעם פרק פון דעם רבי׳נס ז״ל תפיסה און הצלה וויל איך דא ברענגען עטליכע אויסצוגן פון הרב צבי בראנשטיין׳ס ארטיקל (ערשינען און ״דאס אידישעווארט״):

די השגחה האָט אַזוי מזמין געווען, און איך וועל עס תמיד באַטראַכטן אַלס איינע פון די גרעסטע זכיות אין מיין לעבן, אַז איך בין אויף מיין צווייטער הצלה־שליחות צו אונזערע ברידער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט גראָד אייניגע טעג נאָכדעם ווי דער סקולענער רב איז אַרעסטירט געוואָרן. ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט געדויערט, ביז די וועלט וואָלט בלויז געוואויר געוואָרן אַז דער דאָזיגער גאון און צדיק געפינט זיך הינטער קראַטען און ביז עס וואָלט עפּעס אונטערגענומען געוואָרן פאַר זיין הצלה.

אויפ׳ן ראַט פון די גדולי ישראל

ווי אַזוי בין איך אייגענטלעך געקומען קיין בוקאַרעסט?

אין די חדשים פון שבט און אדר פאָריגן יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין ווין אין שליחות פון אַמעריקאַנער ״ועד הצלה״, וואוהין עס זיינען דאַן כסדר אָנגעקומען רומענישע אידן. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַביסל אָנגעהערט וועגן דאָרטיקן לעבן, האָב איך באַשלאָסן אויך צו באַזוכן רומעניע, בכדי זיך אויפ׳ן אָרט צו באַקענען מיטן מצב.

ווען מיינע פריינט און מיטאַרבעטער אין ווין האָבן זיך דערוואוסט פון מיינע פלענער, האָבן זיי מיך שטאַרק אָפּגערעדט. זיי האָבן מיר מסביר געווען, אַז דאָס וועט ניט זיין קיין טובה פאַר קיינעם, ווייל עס לאָזט זיך סיי ווי

גאָרניט טאָן א.א.וו. איך מוז מודה זיין, אַז הגם איך האָב שוין געהאַט איינגערייכט אַ ביטע אויף וויזע, האָב איך טאַקע אָנגעפאַנגען צווייפלען צי מיין רייזע האָט אַ צוועק.

וואָס טוט אַ איד אַ מאמין אין אַזאַ פאַל? ער זוכט די עצה פון ערלעכע אידן! פון ווין להבדיל קיין ירושלים איז היינט נאָר אַ קאַצען־שפּרונג, און ניט קלערענדיג לאַנג האָב איך גענומען דעם ערשטן עראָפּלאַן און אַריינגעפלויגן קיין ישראל. דאָרט בין איך געגאַנגען צו די גדולי התורה והיראה, און נאָך אַ יישוב הדעת איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך פאָר טראָץ אַלע באַוואָרענישן און חששות.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי אַ נאַכט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין בוקאַרעסט זיינען צו מיר אין האָטעל געקומען צוויי פון מיינע רומענישע קאָנסטולטאַנטען און מיר געגעבן אָנצושרייבן אַ סטעיטמענט, אַז איך פאָר אויף מיין אייגענע אחריות. איך האָב אונטערגעשריבן און צומאָרגנס פרייטאג, דעם 11טן אַפּריל האָב איך געלאַנדעט אויפ'ן בוקאַרעסטער לופט־פעלד.

* * *

לכתחילה איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַט און שנעל. די קאַסטאָם־באַאַמטע האָבן אפילו ניט געלייגט קיין אַכט אויף מיין באַגאַזש. מיינע צרות האָבן זיך אָנגעפאַנגען נאָכדעם ווי איך בין פאָרגעשטעלט געוואָרן צום פאָרשטייער פון "פאַטריא" — די אָפיציעלע רומענישע טוריסטן אַגענטור. ער האָט מיר פריינטלעך אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי זאַכן וואָס איז פאַראַן צו זעען אין בוקאַרעסט, וואָס איך וועל באַקומען צו עסען א.א.וו. איך האָב דערויף באַמערקט, אַז איך עס נאָר כשר און אים געפרעגט צי דער "גייד" וואָס וועט מיך באַגלייטן וועט מיר קענען אָנווייזן אַ כשר'ן רעסטאָראַן. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער ווייסט ניט, וואָס עס מיינט "כשרע" עסען און וועט זיך מוזן פרעגן זיינע פאָרגעזעצטע. איך האָב אים אויך געפרעגט צי ער וועט מיך קענען פירן אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול אין דער געגנט פון לידאָ האָטעל וואו איך דאַרף איינשטיין. מיין "גייד" האָט מיר געענטפערט, אַז איך בין דער ערשטער טוריסט וואָס פרעגט פאַר דעם און נאָך אַ קורצן טעלעפאָן געשפּרעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן צופאָרן צום הויפּטקוואַרטיר פון פאַטריא.

* * *

אָנקומענדיג דאָרט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער און מיך געבעטן צו וואַרטן. איך בין דאָרט געזעסן פאַר קרוב צוויי שעה און ווען כ'האָב פּרובירט עפענען די טיר האָב איך באַמערקט, אַז זי איז געשלאָסן. איך האָב אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן אין צימער, אָבער ער איז געווען "טויט". ענדלעך איז אַריינגעקומען מיין "גייד" באַגלייט פון צוויי הערען. ווען איך האָב פּראָטעסטירט פאַר לאָזן מיך אַזוי לאַנג וואַרטן האָט מען מיר אויפגעקלערט,

אַז זיי האָבן די גאַנצע צייט געזוכט אַ כשר׳ן רעסטאָראַן און זיי האָבן אַזעלכען ניט געקענט געפינען. איך האָב זיי געזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך שבת. זאָלן זיי מיך נאָר אָפּפירן אין האָטעל און אויב זיי ווילן מיר נאָר אָנווייזן אַ שול וועל איך שוין געפינען עמיצען וואָס וועט מיר געבן אַ כשר׳ע מאָלצייט.

דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס אויספרעגן. איך זאָל זיי זאָגן די אמת׳ע סיבה פון מיין קומען קיין רומעניע. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין געווען אין טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגארן און יוגאָסלאַוויע און ס׳איז נאָר נאַטירלעך, איך זאָל אויך באַזוכן רומעניע. דאָס האָט זיי ניט צופרידענגעשטעלט. זיי האָבן גענומען אונטערזוכן מיין געפעק. איך האָב פּראָטעסטירט און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי ווילן מיך ניט לאָזן פאַר 5 אַ זייגער גיין אין האָטעל (אין צייט פאַר ליכט צינדן) וועל איך זיך מוזן ווענדן צו דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע פאַר שוץ.

* * *

... ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטיבעל איז אַ יונגערמאַן געשטאַנען ביים עמוד און אָנגעפאַנגען די הויכע שמונה עשרה. איך האָב לאַנג ניט באַדאַרפט וואַרטן צו פאַרשטיין וואו דער רבי געפינט זיך. ווען דער בעל תפילה האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער ״ומתיר אסורים״ איז ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און פון די שטיקענדע טרערן האָט ער ניט מער געקענט ווייטער. גליענדע טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די אויגן פון די מתפללים. אַ טייל מתפללים האָבן זיך פאַרשטעלט די פּנים׳ער הינטער זייערע סדורים, אַנדערע זיינען געשטאַנען ווי פאַרשטייפטע. איך האָב אַ בליק געטאָן אויפ׳ן רבינ׳נס בענקעל און געזען, ווי עס שטייט לער. איך בין צוגעגאַנגען צו עמיצען פרעגן וואו דער רבי איז, אָבער יענער האָט טרויעריג אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אַזוי אויך אַנדערע און נאָך קבלת שבת האָט מיר קיינער ניט געגעבן קיין שלום עליכם. מיין ״גייד״ איז די גאַנצע צייט געזעסן אין קאָרידאָר צו מאַכן זיכער, אַז איך וועל ניט ״פאַרלוירן גיין״ און זיין אָנוועזנהייט איז ניט געווען קיין גרויסע הילף. דאָך איז מיר געלונגען זיך אויף אַ מינוט אַריינצודרייען אין אַ נעבן שטיבעל און צו כאַפּן אַ שמועס מיט עמיצען. מען האָט מיר שנעל דאָן דערציילט די נייעס, אַז דער רבי און זיין זון זיינען אַרעסטירט געוואָרן לעצטן מיטוואָך און באַלד דערויף האָט מען מיר געגעבן אָנצודייטן, אַז ס׳איז בעסער פאַר אַלע, אויב איך וועל מיך אָפּטראָגן.

... אין די געזיכטס־אויסדריקען פון די מתפללים אין סקולענער שטיבעל, אין דעם שטיקענדען געוויין ביי דער תפילה ״ומתיר אסורים״, אין דעם אָפּגעהאַקטן ענטפער פון יענעם אידען ביים אַריינגאַנג צום שטיבל ״דער רבי איז ניט אינדערהיים״, איז געלעגן אַ טראַגישקייט וואָס האָט מיך באַגלייט אויפ׳ן גאַנצן וועג און מיר צוגערויבט דעם שלאָף...

א קידוש השם

זומער תש"מ האָט דער סקולענער רבי זצ"ל געפּראַוועט זיין סעודה הודי' צו זיין באַפרייאונג פון טורמע מיט זיין איינציגן זוהן דער ממלא מקום פון זיין גרויסן פאָטער אדמו"ר ר' ישראל אברהם פארטוגאל שליט"א. ביי דער געלעגענהייט האָט ער דערציילט דעם גרויסן נס וואָס איז זיי דאָן געשען ווען ס'איז בחסדי ה' געלונגען אַריינצושיקן מצות מיט צוקער אַ פערטל שעה פאַר דער שקיעה ערב פסח. דערביי האָט ער דערציילט אַז דער וועכטער אין טורמע וואָס פלעגט איהם פייניגן טעגליך מיט ציען איינצעלנע האָר פון זיין באָרד כדי די יסורים זאָלן זיין וואָס גרעסער איז געווען דער וועלכער האָט אים אַריינגעבראַכט די מצות מיטן צוקער אין זיין איינצל צעל. דערלאַנגענדיק אים דאָס פעקל האָט ער דערביי געזאָגט צום רבין זצ"ל "דיין ג־ט האָט דאָס געמאַכט"! דער רבי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט ער באַקומען אַ באַפעל פון אויבן, "אריינצוגעבן דאָס פעקל" צום רבי'ן ווען ער האָט אַזוי געהאַסט.

האָט דער רבי זצ"ל אין זיין ענויות'דיגן שטייגער באַמערקט "מילא, דאָס וואָס הרב בראַנשטיין איז געלונגען צו ראַטעווען דאָס לעבן פון 2 אידן פון אַ זיכערן הונגער־טויט, פאַרשטייט זיך אַז עס קומט איהם אַ יישר כח פאַר זיין מסירת נפש. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. די הויפט זאַך וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן, איז אַז דער רוצח זעלבסט וואָס האָט מיך אַזוי שרעקליך געפייניגט יעדן טאָג, האָט געמוזט מודה זיין אַז "מיין" ג־ט האָט עס געמאַכט. און דאָס איז דאָך געווען אַ מעשה פון קידוש השם".

השי"ת זאָל העלפן אַז אין די הייליגע טעג פון ימי רצון ורחמים זאָל ער זיין אַ מליץ יושר פאַר זיין משפחה — און פאַר גאַנץ כלל ישראל וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי זיין גרויסע משפחה.

צבי בן רחל

* * *

דעם רבי'נס ז"ל באפרייאונג פון רומעניע

נאכדעם וואס דער רבי ז"ל איז באפרייט געווארן פון תפיסה, האט מען אנגעהויבן צו ארבעטען ערלעדיגן פארן רבי'ן ז"ל ער זאל קענען ארויס קומען מיט די משפחה אויף דער פרייער וועלט.

איך בין געווען דער איינציגער פארבינדער צווישן רומעניע און דער פרייער וועלט, און דאס האט מיר געגעבן אסאך שוועריקייטן.

ווען דער רבי ז"ל מיט זיין משפחה זענען ארויס אויף דער פרייער וועלט איז אין ערשטן בריוו פון דעם היינטיגן רבי שליט"א צו מיר געווען געשריבן: דו ווייסט גארניט ווי חשוב דו ביזט ביי זיי דו שטייסט ביי זיי אויף דער ליסטע אויפ'ן ערשטן פלאץ.

אויך נאכדעם וואס דער רבי ז"ל האט שוין געהאט דעם פאספארט און די וויזע ארויס צופארן האט ער נאך געהאט אסאך צרות אויסצושטיין פון די רשעים.

עטליכע טעג פארן ארויספארן איז געקומען א בריוו, געשריבן אויף רומעניש, וואס אין דעם איז געשטאנען: לייגט אריין א געוויסן גרעסערן סכום אין א באשטימטן פלאץ, און אויב ניט זענט איר נישט זיכער מיט אייער לעבן.

דערנאך איז געקומען די פאליציי אין הויז פון רבי'ן און די פאליציי האט געזאגט, אז זיי ווייסן פון דעם בריוו דורך דער צענזור, און זיי האבן שוין דאס געלט איינגעלייגט, און מיר וועלן זיי כאפן און זיך רעכענען מיט זיי. און איר וועט פארן געזונטערהייט. און זיי האבן איבער געגעבן א טעלעפאן נומער וואו מ'קען זיי רופן אין פאל אויב עמיצער וועט פרובירן טשעפענען מיט זיי.

אזוי ווי מען האט זיי דאן געהאט שטארק פארפאלגט מיט פארשידענע זאכן, האט זיך דער רבי ז"ל שטארק דערשראקן און אין טאג פון פארן האט ער ניט געוואוסט צי ער זאל פארן, ווייל דער פחד האט געשוועבט איבער דעם גאנצן הויז.

ר"ח ניסן תש"כ אין דער פרי איז דער רבי אויפגעשטאנען פרי און געדאווענט בציבור, ער האט דאן געמאכט דעם זמר אויפ'ן פסוק — שירו לו זמרו לו שיחו בכל נפלאותיו.

ביים געזעגענען זענען די געוויינען געווען זייער גרויס פון די מענטשן וואס זענען געווען פארזאמעלט, און די משפחה פון רבי'ן האט ניט געוואוסט וואו זיי פארן, און ביז מען איז אנגעקומען אויף אנטווערפן האט דער פחד געמאטערט טאמער מען וועט זיי נאך חלילה אומקערן, ביז דער אויבערשטער האט געהאלפן מען איז אנגעקומען בשלום קיין בעלגיע, און דאן האט מען זיך דערוואוסט אז שומר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם.

פרק ז

דער רבי׳נס ז״ל אנקום קיין אמעריקע

און אנטווערפן האט דער רבי ז״ל געוויילט עטליכע חדשים וואו ער האט אנגעהויבן מיט זיינע אקטיוויטעטן פאר די געבליבענע אידן אונטער דעם אייזערנעם פארהאנג.

און מיטן זומער איז דער רבי ז״ל אנגעקומען קיין אמעריקע, ביים עירפארט האבן אים דערווארטעט דעלעגאציעס פון פארשידענע רבנישע ארגאנאזאציעס ווי אויך חסידים, סתם אידן און צייטונגס שרייבער.

דער עראפלאן האט זיך געהאט פארשפעטיגט, און דער רבי ז״ל איז אנגעקומען 2 אזייגער אין מיטן דערנאכט.

נאך וואס פארשידענע פערזענליכקייטן האבן דעם רבי׳ן באגריסט האט דער רבי ז״ל גענומען דאס ווארט. וואו ער האט באדאנקט דעם חשוב׳ן עולם פאר דעם שיינעם קבלת פנים. דערנאך האט ער זיך אנטשולדיגט פארן עולם וואס צוליב אים האבן זיי זיך געדארפט אויפהאלטן אזוי שפעט און האט געזאגט: כאטש וואס נישט ער איז שולדיג אז דער עראפלאן האט זיך פארשפעטיגט, אבער נאך אלעמען שפירט ער זיך שולדיג אז דורך אים האבן זיך אידן געשטערט זייער שלאף. און כדי דאס מתקן זיין זאגט ער זיי צו אז ער וועט זיי ווייטער אויך נישט לאזן שלאפן, ווייל כאטש איר זעט מיר דא, אבער מיין הארץ איז דארט מיט די צובראכענע אידן וואס שמאכטן נאך נעבעך און די תפיסות און מיט זייערע משפחות וואס ווערן נעבעך אינגאנצן צובראכן. מיין קומען אהער איז א שליחות איך זאל וועקען די אידן דא אין אמעריקע צו טאן פאר אונזערע צובראכענע אידן וואס שמאכטן נעבעך אין די מדינות אונטערן אייזערנעם פארהאנג...

און דאס האט אויסגעהאלטן — ער האט זיך גלייך געווארפן צו דער ארבעט, ווי ער אליין וואלט שוין געווען אין גאנצן איינגעארדענט.

און ווען דער קופיטשניצער רבי זצ״ל (וועלכער האט אנגעפירט מיט דעם קאמיטעט פאר דעם רבי׳נס איינארדנונג אין אמעריקא) האט אנגערופן א רב אין א ווייטע שטאדט, ער זאל זיך באטייליגן אין קויפן א הויז פאר דעם רבי׳ן, האט דער רב געענטפערט, אז דער סעקולענער רבי האט אים שוין גערופן וועגן געלט אויף ארויסנעמען פון טשערנאוויץ א אידן.

ווען דער רבי ז״ל איז אנגעקומען, איז ער די ערשטע צייט איינגעשטאנען ביי אונז, ער האט דאן געזאגט פאר מיין פרוי זאל לעבן, די ביזט די וואס גיבט מיר אלע מאל דעם ערשטן שטופ, ווייל אויך ביי דעם רבי׳נס גרויסע אקציע פון ראטעווען קינדער אין טשערנאוויץ איז מיין פרוי און איר שוועסטער שתחי׳ געווען פון די ערשטע פון די קינדער וואס דער רבי ז״ל האט אריינגענומען ביי זיך און שטוב.

זיי זענען געווען פון די בארימטע אורנשטיין פאמיליע, און ביי די מלחמה יארן ווען זיי זענען געבליבן יתומים האבן זיי זיך אויפגעהאלטן און דעם קינדער היים און טשערנאוויץ, ווען די קאמאניסטן האבן איבערגענומען דעם קינדער היים און אידישקייט איז דארט געווארן שווערער, און דער רבי ז"ל האט געהערט אז ס'איז דארט דא קינדער פון די בארימטע אורנשטיין משפחה, האט ער זיי אריינגענומען צו זיך, און מיט זיי האט ער אנגעהויבן זיין גרויסע אקציע פון ראטעווען קינדער, וואו מיין פרוי שתחי' האט דארט געהאט אריינגעברענגט די ערשטע 20 קינדער.

און איצטער ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקע און איז איינגעשטאנען ביי אונז פון וואו ער האט אנגעהויבן זיינע אקטיוויטעטן פאר די הצלה פון די אידן און רומעניע, האט ער געזאגט פאר איר: דו האסט מיר דאן ביי די הצלה אקציע פון די קינדער געגעבן דעם ערשטן שטופ און אויך איצט ביזטו די וואס גיבט מיר דעם ערשטן שטופ. און מעגליכקייט מ'זאל קענען טאן פאר די הצלה פון די ציבראכענע אידן אין רומעניע.

*

דער קאמיטעט פארן רבי'נס איינארדענונג און אמעריקע אונטער די אנפירערשאפט פון דעם קאפיטשניצער רבי זצ"ל

דער קאפיטשניצער רבי ז"ל איז געווען א גרויסער ידיד פארן רבי'ן ז"ל, און האט אים אסאך ארויס געהאלפן ביי זיין אנקום אויף אמעריקע.

דער רבי ז"ל איז נאך ניט געווען מסודר, ער האט נאך ניט געהאט קיין דירה, און ניט קיין פרנסה, און פון יעדע צרה וואס ער דערוויסט זיך וויל ער העלפן, און אזוי האט ער כסדר אונטער געשיקט מצוות צום קאפיטשניצער רבי'ן זצ"ל.

איין מאל האט זיך דער קאפיטשניצער רבי זצ"ל אנגערופן: אים איז גוט ער קען אין זינען האבן די גאנצע וועלט, אבער איך האב דאך ניט קיין פרייען קאפ, איך מוז דאך טראכטן וועגן אים.

דער קאפיטשניצער רבי ז"ל האט זייער מחשיב געווען דעם רבי'ן ז"ל, און איין מאל ווען מען האט געשמועסט וועגן די סליחות פון רבי'ן ז"ל, האט זיך דער קופיטשניצער רבי זצ"ל אנגערופן מיט א קרעכץ: אבער איך קען דאך די סליחות ניט הערן!

ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקע, האט זיך אונטער דער אנפירונג פון דעם קופיטשניצער רבי זצ"ל געשאפן א קאמיטעט מסדר צו זיין דעם רבי'ן ז"ל מיט זיין משפחה, דער ארייננטריט פון דעם קאפיטשניצער רבי אין קאמיטעט איז פאר אים געווען געבונדן מיט זייער א גרויסע שוועריקייט אבער זיין שטארקער הייליגער רצון האט אריבער געוואויגן און מיר האבן פון זיין ארייננטריט אין קאמיטעט זייער פיל געהאט.

אין דעם קאמיטעט זענען אויך אריין הרב צבי בראנשטיין, הרב האראוויץ (דער פאטיקער רב שליט"א), דר. דיסטענפעלד ע"ה, ר' משה דיסטענפעלד, מר פישער, און ר' יעקב שלמה שטיינפעלד ע"ה, און איך.

ר' יעקב שלמה שטיינפעלד ע"ה פלעגט זייער אסך טאן און העלפן פארן רבי'ן ז"ל, ווען ס'איז אמאל אויסגעקומען אז דער רבי ז"ל האט אין עפעס א ענין געהאלטן אנדערש פון דעם קאמיטעט האט זיך ר' יעקב שלמה אנגערופן צו מיר דאס ער גייט היינט צום רבי'ן זיך קריגן מיט אים, ווען ער איז צוריק געקומען האב איך אים געפרעגט: נו... וואס איז דארט געווען? האט ער מיר געענטפערט: איך ווייס ניט וואס דאס איז? ווען איך שטיי פארן רבי'ן נעמט מיר אפ דער לשון.

צו קויפן פאר דעם רבי'ן ז"ל א דירה איז געווען פארבונדן מיט שוועריגקייטן, ווייל דער רבי ז"ל האט נישט געוואלט וואוינען נאר דארט וואו די שכנות'דיגע רבנים און רביים וועלן געבן זייער הסכמה אויף זיין וואוינען דארט. און ווען מען האט געטראפן די דירה וואו דער רבי ז"ל האט זיך אריינגעצויגן, האט דער רבי ז"ל געשיקט פרעגן די דריי רביים, וואס האבן געוואוינט אין דער געגנט, צו זיי זענען ניט געגן, אז דער רבי זאל אין זייער שכנות קויפן א הויז.

אויך האט דארט געוואוינט אין דער שכינות דער סאדיגורער רבי אדמו"ר הרה"צ ר' מרדכי שלום יוסף זצ"ל, צו וועמען דער רבי ז"ל איז געווען זייער מקושר, און דער רבי האט נישט געוואלט פירן זיין רבי'סטעווע אין זיין שכנות. אבער דער סאדיגורער רבי ז"ל האט פערזענליך אנגערופן דעם רבי'ן און אים געבעטן ער זאל זיך דוקא יא באזעצן אין זיין שכינות און אנפירן דארט מיט זיין רבנות. אויך האט ער זיך באטייליגט מיט א שיינעם סכום פאר קויפן דעם בנין פאר דעם רבי'נס דירה, אויך די אנדערע שכנות'דיגע רבנים און רביים האבן געגעבן זייער הסכמה אז דער רבי זאל זיך דארט באזעצן.

נאכדעם וואס זיי האבן מסכים געווען, האט מען אפגעקויפט דאס הויז פון א דאקטאר, איבערמאכן פון א דאקטאר'ס הויז אויף א הויז פון א רבי איז געווען פארבונדן מיט גרויסע אונטערנעמונגען.

אבער א דאנק השי"ת איז אלעס געמאכט געווארן.

דער רבי ז"ל האט זיך באזעצט און קראון הייטס וואו ס'האט זיך אנגעהויבן א נייער פעריאד פון אקטיוויטעטן מיט מסירות נפש פאר הצלת נפשות און פדיון שבוים און פון די מוסדות "חסד לאבריהם" און ארץ ישראל וואס דער רבי ז"ל האט אויפגעשטעלט צו ראטעווען אידישע קינדער און זיי אויפצוציהען אין אידישן גייסט.

דעם רבי'נס באזוך אין לאנדאן

ס'איז געווען עפעס א חשבון, אז ס'קען זיין, אז א איד פון לאנדאן וועט קענען עפעס טאן אין דער הצלה פון די רומענישע אידן.

אין א טעלעפאן געשפרעך צו מיר פון פערנדייל האט מיר דער רבי דערציילט, אז נאך א שמועס מיטן סאטמאר'ער רבי (זצ"ל) איז מען געקומען צו דער החלטה, אז מצוה בו יותר מבשלוחו, און דער סאטמארער רבי האט אים געראטן אז ער זאל אליין פליען קיין לאנדאן כדי זיך צו זען מיט דעם מענטש וואס נעמט זיך אונטער צו דערליידיגן דעם הצלה פלאן.

אבער די רביצין און די איבריגע פריינד לאזען ניט, זיי זאגן, אז ס'איז שווער פאר אים איצט צו פארן, אפשר א ביסל שפעטער.

הערענדיג דאס פון רבי'ן ז"ל האב איך אים געפרעגט: אפשר טאקע אביסל שפעטער? ס'איז דאך טאקע פאר אייך שווער.

דער רבי ענטפערט מיר: אבער זיצן אין דער רומענישער תפיסה איז נאך שווערער.

און ער זאגט מיר, אז ער קען פשוט ניט רוען פאר יעדן טאג וואס ציט זיך.

דער רבי האט באשלאסן צו פארן. איך פרעג: מיט וועמען? דער רבי אליין האט נישט אויף קיין טיקעט, און אויף "חסד לאברהם" וויל ער זיך נישט אנלייגן אז מ'זאל פון צדקה געלטער דארפן באצאלן אויך פאר א גבאי'ן. און ווען איך האב אים געפרעגט צו ער טראכט צו פארן אליין? האט דער רבי א קרעכץ געטאן און געזאגט: אויף יענער וועלט וועט מען דארפן גיין אליין און מען וועט נישט האבן קיין באגלייטערס...

נאך מיין שמועס מיטן רבי'ן ז"ל קלינגט אן ר' שמחה וואלטער פון פערנדייל און זאגט מיר אז די רביצין בעט, מען זאל אפרעדן דעם רבי'ן פון פארן קיין לאנדאן אליין.

איך זאג ר' שמחה'ן אז איך קען ניט אפרעדן דעם רבי'ן ווען ס'האנדלט זיך וועגן אידן וואס זיצן אין תפיסה!

איך האב דאס אויך געזאגט פארן דעם רבי'נס זון יבלח"ט דער היינטיגער רבי שליט"א, דער רבי שליט"א איז צוגעגאנגען צום רבי'ן ז"ל און געזאגט: טאטע אפשר וועט מען פארן נאך שבת? מען זעט דאך אז ס'פירט זיך ניט צו, ס'איז נישטא ווער זאל איצט מיט פארן.

אייניגע זאגן מען וועט פארשפעטיגן, אבער ר' משה כץ פון די ניי געקומענע, ענטפערט מיט זיכערקייט: דער רבי האט נאך קיין מאל ניט פארשפעטיגט.

ס'איז געווען דאן ערב ר"ח אלול פארנאכט, מען האט שוין געדאוונט מנחה, און געזאגט יום כיפור קטן, ר' משה לערנער ע"ה פון דעם רבי'נס ז"ל געטרייע מענטשן

און ר' אליעזר פוקס ע"ה דערלאנגען אים מזונות פירות און עפעס טרינקען, ווייל זיך וואשן צום עסן איז שוין אונמעגלעך.

דער רבי שטייט און קוקט אין האנט טעשל, צי ער האט אלע ספרים. מען גרייט זיך שוין צום פארן. דערוואוסט מען זיך אז אויך ר' פישל פעלדמאנ'ס אן אייניקל פארט איצטער קיין לאנדאן. מען האט זיך זייער דערפרייט אז דער רבי וועט נישט דארפן פארן אליין ער וועט האבן א באגלייטער...

*

אויף פסח תשכ"ב איז דער רבי ז"ל געפארן קיין ארץ ישראל ווי עס האט אים אפגעווארט מענטשן פון פארשיידענע קרייזן, ווייל ער איז געווען באליבט און אנערקענט אלס צדיק און פועל ישועות אין אלע קרייזן.

זייענדיג דארט אין ארץ ישראל האט זיך דער רבי ז"ל ארומגעקוקט, און זעענדיג דעם נידריגן גייסטיגן מצב פון די אנגעקומענע עולים, וואו די פרייע רעגירונג באזעצט זיי און פארשידענע ווינקעלעך וואו עס איז נישטא קיין אנדעק פון אידישקייט, האט זיך דער רבי ז"ל גענומען צי דער ארבעט פון אויפשטעלן מוסדות התורה א.ד.ג. און אלע פארשטויסענע ווינקלך פון לאנד, פאר די ניי אנגעקומענע, וואו זייערע קינדער זאלן קענען ערצויגן ווערן אויפן רעכטן אידישן גייסט.

אזוי איז דער רבי ז"ל אנגעגאנגען אויך נאך זיין ארויסקומען אויף די פרייע וועלט מיט זיין הייליגע ארבעט מיט מסירות נפש פאר הצלת נפשות און פדיון שבוים ווי אויך מיט זיין הייליגער ארבעט פאר די מוסדות און ארץ ישראל.

פרק ח — מוסר און חכמה

דעם רבי'נס מעשי צדקה וחסד און מדות

דער רבי ז"ל איז געווען זייער באוואוסט מיט זיינע געוואלדיגע מדות אין צדקה וחסד, און דעם פרק וועלן מיר באשרייבן עטליכע עפיזאדן פון זיינע מדות צדקה וחסד.

*

דער רבי ז"ל האט זייער מקפיד געווען נישט נהנה זיין פון די געלטער וואס מען פלעגט אים אריינברענגען אויף זיינע פעולות וו. צ. בש. פאר די יתומים קינדער וואס זענען געווען אונטער זיין אויפזיכט, און שפעטער פון די געלטער פון די מוסדות "חסד לאברהם".

ביים באקומען א "פדיון" פלעגט ער פרעגן, צי איז דאס פאר אים צי פאר די קינדער, און אויב אפילו מען פלעגט זאגן, אז דאס איז פאר אים פלעגט ער אסאך מאל אויך דאס אפגעבן פאר די קינדער.

*

פון די געלטער וואס ער פלעגט באקומען פאר זיך וו. צ. בש. פדיונות און מעמדות וכדומה, פלעגט ער קודם אפשיידן פון דעם א חומש א פינפטל, א גרויסע עבודה פלעגט דער רבי ז"ל אראפלייגן דערביי.

ער פלעגט דערביי אריין רופן די רביצין, און זיך אנטאן דעם קאפטן וואס איז געווען ציגעגרייט צום דאווענען, און אויך דעם גארטעל, און ער פלעגט זייער אסאך זאגן מיט גרויס דבקות דערביי.

*

און די רעכטער קעשענע פלעגט ליגן די צדקה געלט, און אין דער לינקער קעשענע געלט פאר זיך, איז געווען ביי אים אנגענומען: פון דער רעכטער קעשענע טאר מען ניט רירן פאר זיך ווייל דאס איז צדקה, און פון דער לינקער קעשענע, מעג מען נעמען אויך פאר זיך...

*

און שטוב פלעגט דער רבי ז"ל לערנען אז מען דארף פון אלעם אראפגעבן א צענטל (מעשר), צדקה פאר ארימע לייט.

און ער פלעגט טייטשן דעם פסוק "וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך" — דאס ווארט "לך" גייט עפ"י פשטות ארויף אויפן רבש"ע, כאטש אז דאס מעשר געלט גיט מען דאך ניט דעם אויבערשטן, נאר דעם ארימאן, דאך זאגט דער פסוק "עשר אעשרנו לך", ווייל ווען מען גיבט אן ארימאן איז דאס גלייך ווי געגעבן פארן אויבערשטן.

דער רבי ז"ל אליין האט זיך אבער נישט באגעניגענט מיט טיילן מעשר אליין, ער אליין האט אוועקגעגעבן דאס פיינסטע און אין הויז איז גארניט געווען.

און ווי ריכטיג האט אמאל איינער געזאגט: ווען דער רבי וואלט געוואלט, וואלט ער געקענט האבן גאנצע טאשן מיט געלט, אבער ער איז געווען פאראינטערעסירט צו העלפן ארימע און ליידנדיגע.

איין סוחר האט אמאל געזאגט צו א צווייטן סוחר: גיב א קוק וואס פאר א צוריסענעם פעלץ דער רבי טראגט.

— א דאנק דעם אויבערשטן — האט געענטפערט דער צווייטער סוחר — וואלט דער פעלץ געווען גאנץ וואלט אים דער רבי פארקויפט אויף עסן פאר די קינדער...

*

ס׳פלעגט זיך טרעפן אז דער רבי ז״ל פלעגט שוין ניט האבן פון וואו צו טיילן פלעגט ער צוגיין צו דעם פארטוך פון דער רביצין, און פון דארט ארויסנעמען, און די רביצין פלעגט ניט האבן מיט וואס צו קאכן.

*

ס׳איז געווען א ארימע פרוי אין בוקארעסט וואס פלעגט קומען צום רבי׳ן אלע וואך נעמען געלט ביי אים, איין מאל איז ניט געווען וואס איר צו געבן, האט דער רבי ז״ל געהייסן פארקויפן א טעפיך, מ׳זאל האבן פון ווי איר צו געבן צדקה.

*

דעם צווייטן אדער דעם דריטן טאג נאך זיין קומען קיין אמעריקע איז דער רבי געגאנגן דאווענען אין א שול, און א איד איז צוגעקומען צו אים מיט א בריוו פון רבנים, האט ער געגעבן 5 דאלאר. וועלכע איז דאן געווען א שיינע סומע.

ווען מען האט צו אים גע׳טענה׳ט, פארוואס ער האט געגעבן אזוי פיל, ער האט דאך נאך אליין ניט? האט ער געענטפערט: דער איד האט דאך געהאט א בריוו פון 3 רבנים?

איך האב דאס איבערגעזאגט פאר דעם סקווערער רבי זצ״ל, האט דער סקווערער רבי ז״ל געענטפערט מיט א שמייכל: אוודאי, ווי איז דאס א רב ניט ווערט קיין דאלאר?!

*

דער איד פון דניעפראפעטריאווסק

איך בין אמאל געפארן פון וויליאמסבורג קיין קראנהייטס צו רבי׳ן ז״ל אין א פול באס פון שווארצע, דארט האב איך געטראפן נאך א איד, דער איד האט מיר דערציילט, אז ער קומט פון דניעפראפיעטראווסק, דאס איז נאך געווען ווען די טויערן פון רוסלאנד זענען געווען געשלאסן און אידן האבן נאך נישט געקענט ארויספארן פון דארט.

איך פרעג אים ווען ער איז געקומען און ווי אזוי ער איז געקומען?

ער ענטפערט מיר, אז ער האט געהאט צוטריט צו סטאלינ׳ען, איך פרעג אים נאך אביסל אויס, ווי אזוי ער האט געהאט צו אים צוטריט א.ד.ג.

אין קאפ שטעלט זיך דאס מיר ניט אויס, אבער די־שמחה איז ביי מיר זייער גרויס, ברענגען צום רבי׳ן אזא מתנה — א איד ערשט געקומען פון דניעפראפיעטראווסק.

ווען מיר זענען אריין געקומען און רבי׳נס שטוב, דערצייל איך די רביצין ווער דער איד איז, שמייכעלט זי און פרעגט דעם איד:

וויפיל מאל זענט איר שוין געווען דא?...

דער איד איז אריין צום רבי׳ן וואו ער האט באקומען זיין מטבע.

ס׳איז געוויס ניט צו חושד זיין אז דער רבי זי״ע האט דעם איד ניט דערקענט און געמיינט, אז דער איד איז טאקע איצט ארויס געקומען פון דניעפראפיעטראווסק, אבער דער רבי ז״ל האט אים געגעבן דעם איינדרוק כאלו ער גלייבט אים און האט אים נאך צוגעגעבן א שיינע מטבע.

*

דער רבי ז״ל פלעגט אנזאגן און שטוב, אז טאמער קומט אימיצער ברענגען געלט, איז אויב ער איז פארנומען און קען נאך דעם איד ניט אויפנעמען זאל מען זיך אנטשולדיגן פאר אים, און ער זאל מוחל זיין צו ווארטן. טאמער קומט איינער נעמען געלט זאל מען אים תיכף אריינלאזן, ״ווייל דער וואס דארף געבן געלט קען ווארטן, אבער דער וואס דארף נעמען געלט קען ניט ווארטן״.

*

איינמאל איז געקומען א דאקטאר צו נעמען דעם רבי׳ן אביסל אויף פרישע לופט, איז דאן אנגעקומען א צובראכענער מענטש וואס מען האט אים געדארפט געבן געלט, און אים מחזק זיין. האט דער רבי ז״ל מוותר געווען אויף דעם שפאציר מיט דעם דאקטאר. און איז געגאנגען מיט דעם מענטש אויסצוהערן זיין צובראכן הארץ און אים מחזק זיין און אים געבן געלט.

*

אפילו ווען מענטשן האבן ניט געבעטן, האט ער זיי געשיקט. און צו תלמידי חכמים און א בנם של קדושים פלעגט ער אליין גיין, זיי געבן געלט און מחזק זיין.

*

ס׳זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען נסתרים (באהאלטענע ארימע־לייט) וואס קיינער האט פון זיי נישט געוואוסט חוץ דער רבי ז״ל און די רביצין ע״ה וואס פלעגן זיי שטיצן מיט געלטער און חיזוק רייד.

איינמאל איז א פרוי געקומען צום רבי׳ן ז״ל און זיך באקלאגט: אז דער מאן זיצט אין תפיסה און זי איז מיט די קינדער אליין.

דער רבי ז״ל האט איר גלייך איבערגעריסן זאגענדיג: חלילה מ׳איז ניט אליין נאר מיט ג־ט.

זעהנדיג איר שעמעוודיגקייט און געפאלנקייט, האט מען איר געוואלט מאכן מער האפנונגס־פול, און ווען זי האט געענדיגט דערציילן, האט מען איר פארגעלייגט צו בארגן איר געלט.

דערנאך האט איר די רביצין אריינגערופן אין א באזונדער צימער און געגעבן א שווערע סומע געלט פארן פראצעס און פאר איר מיט די קינדער צום לעבן.

און דאס איז פארגעקומען מערערע מאל.

איינמאל איז זי געקומען דאנערשטאג, מען האט דאן געבראכט צו רבי׳נס הויז פיש און פארשיידענע אנדערע זאכן צו פארקויפן.

האט די פרוי געהערט ווי דער רבי און די רביצין זאגן אז זיי האבן יעצט ניט קיין געלט צו קויפן, און דער פארקויפער טענה׳ט, אז ער פארשטייט נישט — פאראן אזוי פיל חסידים און דער רבי האט ניט אויף צו קויפן פיש?

די פרוי הערענדיג דאס האט זי געטראכט: מילא היינט האב איך ניט אנגעטראפן, דער רבי האט יעצט נישט קיין געלט ביי זיך און דאס מאל וועל איך ניט באקומען גארנישט, אבער זאל איך כאטש אריינגיין נעמען א ברכה ביים רבי׳ן וועגן דעם פראצעס, אבער ווי איבער׳רעש׳ט איז זי געווארן, אז ס׳איז געווען ווי אלע מאל, מען האט געזוכט אין אלע קעשענעס און די סומע וואס זי דארף באקומען האט מען איר געגעבן.

איינמאל ווען זי איז געקומען, האבן איר געזאגט עטליכע קינדער, אז דער רבי איז אוועקגעפארן קיין טראנסילוואניע.

זיי האבן איר געפרעגט איר נאמען, מען האט ארויסגענומען א ליסט, און טאקע געפונען איר נאמען.

מען האט איר אריינגערופן אין א צימער וואו מען האט איר געגעבן א גרויסע סומע געלט.

אלע מאל ווען זי פלעגט קומען, פלעגט מען איר פרעגן צי האט זי וואו צו עסן, צי האט זי וואו צו זיין?

צווישן די באהאלטענע ארימע לייט פלעגט מען דאס הויז פון רבי׳ן רופן: רעסטאראן, האטעל, און באנק, ווייל דארט גיט מען געלט עסן און שלאפן...

*

ס׳האט מיר א באקאנטער דערציילט, אז א זייגער מאכער מיטן נאמען מר. גאלדשטיין האט אים דערציילט: אז ער האט אמאל געקויפט פארן רבי׳ן א וואגן האלץ, צו ווארעמען ביים רבי׳ן און שטוב, שבת איז ער געגאנגען צום רבי׳ן און שטוב זען וואס דארט טוט זיך, זעהט ער ווי דער רבי איז געשטאנען אין פעלץ און די רביצין

איז געווען איינגעוויקלט פאר קעלט, — איז ער גאוואויר געווארן אז דער רבי האט די גאנצע האלץ צוטיילט, אין שכנות איז געווען א משפחה מיט קליינע קינדערלעך, האט ער זיי אוועקגעגעבן דאס האלץ, און ער מיט די רביצין זענען געבליבן זיצן און קעלט.

*

ס'איז געווען א פאל ווען דער רבי ז"ל איז ארום געפארן אין שטעדט מאכן געלט כדי צו האבן מיט וואס צו באצאלן חובות פון א איד, וואס ס'האט אויף אים דאן געווארט א משפט, און דער רבי ז"ל האט דאן אויסגעצאלט פאר דעם אידן דאס גאנצע געלט.

*

ס'איז אמאל געקומען אן אורח, וועלכער איז נישט געווען אזוי ריין. און ס'איז ניט געווען מיט וואס אים צו צודעקן, האט גענומען דער רבי ז"ל זיין פעלץ און אים צוגעדעקט.

*

ווען דער רבי ז"ל איז שוין געווען אויף זיינע עלטערע יאהרן און ער האט שוין ניט געזעהן ל"ע, און א בחור פלעגט שלאפן ביים רבי'ן ז"ל אים משמש זיין, פלעגט זיך טרעפן אז דער רבי ז"ל פלעגט ביינאכט אראפגיין פון זיין בעט און קוקן צו דער בחור האט זיך מיט וואס צו צודעקן, און קוקן אויב דער בחור האט זיך צוגעגרייט נעגל וואסער. און ווען ס'האט זיך אמאל געטראפן און דער רבי ז"ל האט נישט באמערקט אז דער בחור האט זיך צו געגרייט נעגל וואסער האט דער רבי ז"ל בכבודו ובעצמו מיט זיינע שוואכע כחות ווען ער האט שוין נישט געזעהן און איז אליין געגאנגען און געברענגט וואסער פאר דעם משמש.

פרק ט

די בעלי תשובה פון רבי'ן ז"ל

אין טשערנאוויץ האבן די איבערגעליבענע אידן פון שטאדט געמעגט גיין אין גאס נאר אין באשטימטע שעה'ן.

פראפעסאר העסינג איז געגאנגן פריי דעם גאנצן טאג, ווייל ער האט געהאט א טויף צעטל, אז ער איז שוין ניט קיין איד רח"ל.

ס'האט זיך אבער געמאכט, אז א גוי'אישע פרוי האט געפונען א רמב"ם און די פרוי האט דעם ספר איבערגעגעבן פאר דעם פראפעסאר, און דער פראפעסאר האט דעם ספר געבראכט צו דעם רבי ז"ל.

ווען דער פראפעסאר איז אריין צום רבי'ן, איז געווארן אין הויז א פאניק, ס'איז געפאלן אויף אלעמען א שרעק — א מענטש וואס לעבט מיט א טויף צעטל איז געקומען צום רבי.

נאך בערך א שעה איז דער מענטש ארויס פון רבי'נס הויז, און ווען מען איז געקומען צו לויפן צום רבי'ן פרעגן, וואס ער האט געוואלט, האט דער רבי געענטפערט שטיל: דאס איז א איד און ער האט זיך געוואלט דורכרעדן.

דערנאך איז ער געקומען צו שלש סעודות, און א דאנק השי"ת — געפונען דעם אמת'ן וועג.

פאר פראפעסאר העסינג איז באשטימט געווארן פון דער השגחה העליונה א נייער לעבנס וועג, און אויף דעם וועג האט ער אנגעהויבן מאכן זיינע שריט.

*

ווען מענטשן פלעגן אריינקומען צום רבי'ן ז"ל זיך אויסרעדן זייערע צרות און בעטן ער זאל פאר זיי אויס פועל'ן א ישועה, פלעגט דער רבי ז"ל זיך נישט באגעניגן נאר מיט אנווינטשן יענעם א ישועה, נאר ער פלעגט זיך אויך נאכפרעגן ביי יענעם אויף זיין גייסטיגן צושטאנד, און פלעגט פרובן משפיע זיין אויף אזעלכע וואס זענען געווען ווייט פון אידישקייט זיי מקרב זיין מיט זיסע ווערטער צום אידישן וועג.

איך בין ביי געווען, ווען א פרוי איז געקומען און האט גערעדט מיט ווייטאג און שרעק קלאגענדיג: אז איר מאמע פון יענער וועלט קומט איר צו חלום און ווייזט איר אזעלכע שרעקליכע סצענעס, אז זי ציטערט איצט זיצנדיג. און דער חלום קומט איר ניט איין מאל, נאר כסדר.

דער רבי האט געענטפערט די פרוי: אייער מאמע וויל, איר זאלט פירן א כשר'ע קיך.

די פרוי האט אנגעהויבן טענה'ן: בוקארעסט איז א גרויסע שטאדט, דא איז דאס שווער! אז זי וועט קומען אין א רואיגן פלאץ, וועט זי פירן א כשר'ע קיך!

דער רבי האט געענטפערט, אז זי איז ניט די איינציגע, אסך אידישע פרויען פירן א כשר'ע קיך אויך אין בוקארעסט.

די פרוי האט ווייטער זיך גע'טענה'ט און גזאגט: זי וועט געבן צדקה.

דער רבי האט אבער געענטפערט: צדקה איז טאקע א מצוה, אבער אייער מאמע מיינט א כשר'ע קיך.

די פרוי האט ווייטער גע'טענה'ט: איך וועל געבן א סך צדקה, און דער רבי האט געענטפערט: אסך צדקה איז טאקע א גרויסע מצוה, אבער אייער מאמע מיינט דוקא א כשר'ע קיך.

דער רבי ז"ל האט ווייטער פרובירט משפיע זיין אויף איר. ביז ער האט גע'פועל'ט ביי איר. און דער רבי ז"ל האט דארט אראפגעשיקט איינעם וואס זאל כשר'ן איר קיך. און פון דאן אן האבן זיך די חלומות אפגעטאן פון איר.

*

א צווייטע מאל איז געווען, א איד איז געקומען זיך קלאגן, אז ביי דער טאכטער, וואס האט מיט עטליכע חדשים צוריק חתונה געהאט, איז דאס לעבן ניט רואיג.

דער רבי האט גענומען רעדן און פרובירט משפיע זיין, אז זיי זאלן זיך אן נעמען צו היטן טהרת המשפחה דאן וועט דאס לעבן זיין פיין. ביז דער רבי ז"ל האט ביי זיי גע'פועל'ט, און אויף דעם אופן האט דער רבי ז"ל משפיע געווען אויף אסאך אידן זיי זאלן זיך אנהויבן פירן אויפן ריכטיגן וועג.

פרק י

די נגינה פון רבי'ן ז"ל

דער רבי ז"ל איז געווען זייער באוואוסט מיט זיין כח הנגינה, ער איז געווען א גרויסער קאמפאזיטאר, און ער האט אליין פארפאסט אסאך ניגונים, פרייליכע און השתפכות הנפש'דיגע נגונים, אסאך פון די נגונים זענען זייער פארשפרייט געווארן און אנגענומען געווארן און די גאנצע וועלט.

אסאך פון די נגונים פרייליכע און השתפכות הנפש'דיגע, האט דער רבי ז"ל פארפאסט זיצענדיג און תפיסה אונטער שווערע באדונינגונגען און אונטער שווערע פיינינגונגען.

דעם צווייטן טאג ראש השנה פלעגט דער רבי ז"ל אביסל מאריך זיין ביים לעצטן טיש, אין ראש השנה תשל"ה דאס ערשטע יאר ווען דער רבי ז"ל האט זיך אריבער געצויגן קיין וויליאמסבורג, און זיין בית המדרש איז דאן געווען צו קליין צו דאווענען דארט און די ימים נוראים, האט מען דאן ארויסגעדינגן דעם בית רחל זאל אין וויליאמסבורג פאר די תפלות, דער רבי ז"ל איז דאן איינגעשטאנען ביי ר' אנשיל לאקס ע"ה, ביים טיש דעם צווייטן טאג בין איך געזעסן ביים רבי'נס ז"ל טיש מיט נאך עטליכע אידן, און ס'האט זיך געמאכט א שמועס וועגן דעם רבי'נס ז"ל ערשטע תפיסה ווען ער איז ראש השנה געזעסן.

דער רבי ז"ל האט דאן געשמועסט, וועגען די ניגונים וואס דער אויבערשטער האט אים דאן חונן געווען, וואס די ניגונים האבן אים זייער מחזק געווען, האב איך דעם רבי'ן געפרעגט: אבער ווי אזוי שאפן זיך אין תפיסה אזעלכע פרייליכע ניגונים, האט מיר דער רבי ז"ל געענטפערט: נגינה איז דאך ניט אזאך וואס מען מאכט אליין דאס גיט מען דאך פון הימעל, זייענדיג צובראכן האט דער אויבערשטער אריינגעשיינט פרייליכע ניגונים מ'זאל האבן מיט וואס זיך מחזק זיין.

דערנאך האט דער רבי ז"ל דערמאנט דעם פסוק און תהלים "מהולל אקרא ה'", וואס רש"י ז"ל איז מפרש אז אויך דאן ווען מ'איז נאך אין דעם מצב פון "אקרא", מ'איז נאך אין די צרה און מ'האפט און מ'בעט דעם אייבערשטן אויך דאן דארף זיין מהולל. דאס הייסט אז מען זאל אויך און די צרה האבן אזא בטחון און אויבערשטן אז מען זאל אים שוין דאן לויבן גלייך ווי מען וואלט שוין געהאלטן נאך די ישועה, האט דער רבי ז"ל אויסגעפירט, און אז מ'האט באדארפט האבן אזא בטחון און אויבערשטן אז מ'וועט אוודאי געראטעוועט ווערן און ארויסגיין פון דארט, האט מען געדארפט צוגרייטן ניגונים מיט וואס צו דאנקען דעם אויבערשטען פאר זיין ישועה.

*

ביי אן אנדער געלעגנהייט האט דער רבי דערציילט אז ער איז אמאל דארט און תפיסה געווען זייער צועלייגט, האט אים דער רבש"ע אריינגעשיינט א ניגון אויפ'ן פסוק ברוך הגבר אשר יבטח בה', און מיט דעם האט זיך מחזק געווען.

ביי א געלעגנהייט פון א סעודת הודי' ממחרת יום הכיפורים האט דער רבי ז"ל געזונגען א ניגון אויף הודו זייער א פריילִיכן, און ער האט דאן געזאגט: דאס אזוי ווי ער איז דאך געזעסן אין תפיסה איז ער דאך פון די ארבעה צריכים להודות, האט אים דער אויבערשטער ארייגעשיינט דעם ניגון אין תפיסה.

די מענטשן וואס זענען דאן אנוועזענד געווען האבן געפרעגט מיט וואונדער: וואס אין תפיסה?

האט דער רבי ז"ל מיט גרויס פשטות געענטפערט: מען האט דאך דאן געדארפט צוגרייטן מיט וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן ווען מען וועט ארויסגיין...

*

ווען איך בין נאך געווען אין רומעניע ביים רבי'ן ז"ל, פלעגט ער דאן זינגען פרייטאג צו נאכטס צו לכה דודי א לאנגן דבקות'דיגן ניגון, ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקע, און איך האב געהערט אז ער זינגט אן אנדערן ניגון א פריילִיכן און א שנעלן אויף לכה דודי, האב איך געפרעגט דעם היינטיגן רבי'ן שליט"א: אין בוקארעסט האט מען דאך געזונגען לכה דודי מיט אן אנדער ניגון.

האט ער מיר געענטפערט: דער פריערדיגער ניגון איז געווען צו א לאנגער, און ווען דער טאטע איז געזעסן און תפיסה האט ער נישט געקענט צו לאנג מאריך זיין ביים דאווענען, מורא האבענדיג אז מען וועט אים מפסיק זיין אין מיטן דאווענען און ארויס רופן, דערפאר האט דאן דער טאטע אנגעהויבן זינגן א שנעלן ניגון אויף לכה דודי, און ווען מען איז ארויסגעקומען פון תפיסה איז מען שוין געבליבן מיט דעם ניגון.

*

א גרויס כח האט דער רבי ז"ל ארייגעלייגט און די ניגונים אז זיי זאלן קענען מיטן אייבערשטענס הילף ארייגשיינען א הרהור תשובה און הארץ.

ער האט אמאל געזאגט ווען מען האט אים געפרעגט: פארוואס זינגט ער פאר קידוש "ועתה יגדל נא כח ה'"? האט ער געענטפערט: ס'שטייט אז פאר קידוש זאל מען מהרהר זיין בתשובה, ווייל מען דארף דאך עדות זאגן אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און א רשע איז פסול לעדות, און די חז"ל זאגן אין ועתה אלא תשובה, אויך ווערט געברענגט און ספרים הקדושים, אז תשובה איז מהפך דעם מדת הדין למידת הרחמים, אויך ווערט געבראכט און ספרים הקדושים אז דאס ווארט "גדולה" ווייזט אויף מדת החסד, און דאס איז דער פשט: "ועתה" דורך תשובה, "יגדל" נא "כח" ה', אז דער מדת הדין וואס ווערט אנגערופן כח ה' זאל נתהפך ווערן לרחמים, כאשר "דברת" "לאמר", דיבור איז קשה אמירה ווייזט אויף אמירה רכה, דאס מיינט אז דער הארטער דיבור דער מדת הדין זאל נהפך ווערן צו ווייך צו מדת הרחמים.

און אינטערסאנט איז: אז דער ניגון פון ועתה יגדל נא וואס האט אויף מיר קיין מאל קיין ספעציעלע איינדרוק ניט געמאכט, האב איך זיך דערוואוסט, אז פון הערן דער רבי'ן ז"ל זינגן דעם ניגון פאר קידוש איז איינער געווארן א בעל תשובה.

א תלמיד פון דער ישיבה תורה ודעת איז אוועק פון אידישקייט און איז געווארן רח"ל א מחלל שבת בפרהסיא, אמאל איז אים דורך א צופאל אויסגעקומען צו הערן דעם רבי'ן ז"ל זינגן דעם ניגון פאר קידוש איז ער נתעורר געווארן צו תשובה.

ער האט אבער זיך געשעמט קומען צוריק אין תורה ודעת, איז ער אוועקגעפארן קיין באלטימאר אין דער ישיבה, און איז געווארן אן אמת'ער בעל תשובה.

היינט איז ער א שטריימל איד.

פרק יא — גדולים וצדיקים וועגן דעם רבי'ן ז"ל

דער סקווערער צדיק, הרב ר' יעקב יוסף זצ"ל

דער רבי ז"ל האט זיך געהאלטן זייער נאנט צום סקווערער רבי'ן זצ"ל, נאך פון ווען דער סקווערער רבי זצ"ל האט געוואוינט אין יאסי, וואס סקוליען איז נישט געווען ווייט פון דארט, אויך שפעטער ווען דער רבי ז"ל האט שוין געוואוינט און בוקרעסט און אויך דער סקווערער רבי זצ"ל האט דארט געוואוינט איז זייער ידידות געווען זייער שטארק.

דער סקווערער רבי ז"ל האט מיר דערציילט:

און דער חופה טאג פון מיין זון (יבלח"ט דער היינטיגער סקווערער רבי שליט"א) איז געווען א הייסער טאג, און ס'איז געווען אסך מענטשן, און איך האב ניט געהאט קיין כח צו גיין צו דער חופה פון מיין זון, מיט אמאל האט מען מיר געבראכט די טעלעגראמע פון סקולענער רב'ס באפרייאונג האב איך באקומען כוחות און אוועק צו דער חופה.

*

איך האב געהאט די זכי' צו זיין מיט דעם רבי ז"ל ווען ער איז געגאנגן זיך געזעגענען מיטן סקווערער רבי'ן ז"ל פאר דעם סקווערער רבי'נס אוועקפארן פון רומעניע, און איך בין אויך געווען מיטן רבי'ן ז"ל ביי דעם סקווערער רבי ז"ל נאכן אנקומען פון רבי'ן קיין אמעריקע.

ווען מיר זענען געווען זיך געזעגענען האט דער סקווערער רבי געזאגט: אנדערע קענען רעדן און איך גארניט, מיינענדיג דערמיט צו זאגן אז ער פארט און א פרעמדע מדינה און זיין שטייגער איז נישט צוריידן ברבים א.ד.ג. ...

האט דער רבי ז"ל אים געענטפערט: דער אמת האט א חן.

ווען דער רבי ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקע, איז דער סקווערער רבי ז"ל געווען אין שפיטאל, דארט איז דער רבי ז"ל געגאנגן אים מקבל פנים זיין,ביים שלום נעמען רעדענדיג וועגן דעם מצב פון די אידן אונטער די קאמוניסטן, האט זיך דער רבי ז"ל אנגערופן: דאס איז דאך אזא גרויסער שקר פארוואס האט דאס א קיום.

האט דער סקווערער רבי ז"ל געענטפערט: מיין טאטע ז"ל האט געזאגט: גיב א קוק וואס פאר א קליפה דאס איז, אפילו די רוסישע גענערעלער וואס האבן פארגאסן טייכן אידיש בלוט האבן ניט געהאט קיין שליטה אויף די חפצים פון אונזערע זיידעס, און די האבן א שליטה.

מיינענדיג דערמיט וואס ער האט דערציילט ביי אן אנדער געלעגנהייט: אז ווען ס'איז געווען די גרויסע פאגראמען און זייער געגענט וואו די רוסישע סאלדאטן האבן אויסג'הרג'עט טויזנטער אידישע נפשות, ווען די רשעים זענען אריינגעקומען צו זיי אין שטוב און האבן געזען די טייערע ירושה חפצים וואס זיי האבן געהאט פון די

פריערדיגע צדיקים איז אויף זיי געפאלן א פחד און זיי האבן צו דעם נישט צוגערירט, אבער ווען די באלשעוויקן שר"י זענען אריינגעקומען האבן זיי גלייך געלייגט א האנט אויף די ירושה חפצים.

*

איך וויל ביי דער געלעגנהייט דערציילן, וואס איך האב געהערט פון סקווערער רבי'ן ז"ל וועגן זיי:

ווען דער סקווערער רבי ז"ל איז געשטאנען צו דער מיליטערישער קאמיסיע איז געווען שבת, האט מען אים געהייסן זיך אונטערשרייבן.

האט ער געזאגט אז ער שרייבט ניט שבת.

האט דער אידישער באאמטער צו אים געזאגט: איך וועל דיר איינזעצן.

האט דער סקווערער רבי געזאגט; וועל איך זיצן.

האט דער אידישער באאמטער זיך אויפגעקאכט און געזאגט: מיר זאגסטו אזוי? איך האב אזוי פיל יארן געזעסן פאר קאמוניזם.

האט דער סקווערער רבי ז"ל צו אים געזאגט: טאקע דיר דארף מען אזוי זאגן, דו ביסט דאך געזעסן, ווייסטו דאך אז פאר א געדאנק דארף מען זיצן...

*

ס'איז נאך געווען אין בוקארעסט ווען ס'איז געווען א מאמענט ווען איך בין געקומען צום סקווערער רבין ז"ל און גערעדט מיט פארביטערונג: וואס זאל איך טאן איך לעב דא אין שרעק, און איך ווייס ניט צוליב וואס? איך פיל ניט אז איך טו עפעס אויף מיט מיין זיין דא, און איך פאר ניט נאר צוליב דעם ווייל דער סעקולענער רבי איז ניט מסכים.

דער סקווערער רבי ז"ל האט מיר געענטפערט: זעט אז אייערע פאפירן זאלן זיין אין ארדענונג, אבער למעשה זאלט איר ניט ארויספארן אן דער הסכמה פון סעקולענער רב...

* * *

הרב ר' יהודה לייב צירלסאהן אבד"ק קעשנוב זצ"ל

דער קעשענוב'ער רב זצ"ל וואס ער איז געווען באוואוסט אלס איינער פון די גרויסע גדולים און גאונים אין פירער און זיין צייט, האט דעם רבי'ן ז"ל זייער מחשיב געווען, בשעת דער רבי ז"ל האט אין סקוליען אנגעפירט מיט דעם שווערען קאמף אקעגן דעם שוחט, ווי איך האב שוין אויבן דערפון געשריבן, איז הרב צירלסאהן ז"ל שטארק צוגעשטאנען צום רבי'ן ז"ל.

ס'איז נאך דא די סמיכה וואס ער האט דעם רבי'ן ז"ל מסמיך געווען מיט "יורה יורה ידין ידין".

דער רבי ז"ל האט מיר דערציילט אז ער איז געווען דער קול שופר ביי הרב צירלסאן זצ"ל אויף אלע רבנישע קאנפערענצן.

ווייל אזוי ווי הרב צירלסאהן איז געווען דער הויפט רב פון באסאראביא, און האט געדינט אויף די אלע קאנפערענצן ווי דער יו"ר, האט ער זיך געדארפט האלטן נייטראל, ווייל אויף די קאנפערענצן זענען דאך געווען פארטרעטער פון פארשידענע קרייזן.

און אלץ וואס הרב צירלסאהן האט געוואלט ארויסרעדן אין ריינעם תורה־השקפה גייסט, האט ער ארויסגעזאגט דורכ'ן רבי'ן ז"ל.

*

ביי א צוזאמענקום פון רבנים ביי דעם קעשענוב'ער רב ז"ל, וואו דער רבי ז"ל איז נישט געווען אנוועזענד, האט זיך דער קעשענובער רב ז"ל אויסגעדרוקט: ס'זיצט א יונגער רב אין סקוליען וואס מיר אלע קענען זיך שעמען פאר אים, און זיך לערנען פון אים.

שרייבענדיג פון הרב צירלסאהן ז"ל איז געוויס א מצוה און א כבוד צו דערציילן דאס פאלגענדע:

הרב צירלסאהן איז געווען א דעפוטאט אין רומענישן פארלאמענט, און ווען ס'האט זיך באוויזן גענעראל קוזא מיט זיינע אנטיסעמיטישע ארויסטריטן, האט הרב צירלזאן צוריק געגעבן זיין מאנדאט אלס פראטעסט געגן די ווילדע ארויסטריטן.

ס'איז ניט וויכטיג וויפיל געלט און כבוד הרב צירלסאהן האט דורך דעם אוועקגעלייגט, אבער דער ארויסטריט פון הרב צירלסאהן איז געווען א דונער וואס האט געקלונגען מסוף העולם ועד סופו

* * *

דער סאטמארער רבי זצ"ל

א שטארקע ידידות האט געהערשט צווישען דעם רבי'ן זצ"ל און דעם סאטמארער רבי'ן זצ"ל פון דעם טאג וואס דער רבי ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקע און האט זיך באקאנט געמאכט מיט דעם סאטמארער רבי זצ"ל.

דעם ערשטן טאג ווען דער רבי ז"ל איז געגאנגען באזוכן דעם סאטמארער רבי זצ"ל, איז דער סאטמארער רבי אים געגאנגען באגעגען ביז דער טיר און האט אים אפגעגעבן אזא כבוד וואס ער האט כמעט פאר קיינעם ניט צוגעטיילט.

*

ווען דער רבי ז"ל איז געקומען אויף א שבת צום סאטמארער רבי זצ"ל, פרייטאג צו נאכטס ביים טיש האט אים דער סאטמארער רבי ז"ל מכבד געווען צו זינגען כל מקדש, און ווען דער רבי ז"ל האט אים געזאגט אז ער איז א מאריך מיט זיינע זמירות,

ניגון, האט אים דער סאטמארער רבי ז"ל געזאגט, אז ער וויל דייקא אים הערן מיט זיין ניגון.

*

א איד איז געקומען פרעגן דעם סאטמארער רבי'ן זצ"ל וועגן א קינד וואס איז נתגדל געווארן אין הויז פון רבי'ן זצ"ל, האט דער סאטמארער רבי ז"ל אים געענטפערט: **אין בודקין מן המזבח ולמעלה...**

*

איינמאל ביי א געלעגענהייט, ווען דער סאטמארער רבי ז"ל האט ארויסבאגלייט דעם רבי'ן ז"ל פון זיין שטוב האט ער געזאגט צו רבי'ן: **איך בין אייך מקנא סעקולענער רבי מיט אייערע מעשים טובים.**

*

ביי א געלעגנהייט ווען דער רבי ז"ל איז געווען אין מאנראו נעמען א ברכה ביים סאטמארער רבי'ן ז"ל. און האט אים געגעבן א קוויטל מיט א פדיון, האט דער סאטמארער רבי ז"ל אפגעשטופט דעם פדיון. דער רבי ז"ל האט עס ווידער צוגערוקט, און געזאגט ס'איז דאך פאראן אן ענין מיט א פדיון. ווען דער משמש בקודש ר' מאיר שפוץ דער איידעם פון ר' יוסף אשכנזי האט דאס איבערגעזאגט פארן סאטמארער רבי'ן ז"ל אז דער סקולענער רבי וויל זייער אז דער רבי זאל נעמען דעם פדיון, האט זיך דער סאטמארער רבי זצ"ל מיט גרויס התרגשות אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט און אויסגעשריען: יא! יא! ס'איז טאקע פאראן אן ענין, אבער ביי אזא איד — ביי אזא איד זאל איך נעמען א פדיון?....

* * *

די וויזניצער צדיקים זצ"ל

איך האב שוין דערמאנט אויבן אז ווען דער רבי ז"ל האט אנגעפירט מיט זיין שווערען קאמפף וועגען די תלמוד תורה, האט דער וויזניצער רבי זצ"ל אהין געשיקט זיין זון דעם סערעטער רבי ז"ל ער זאל שטיין דעם רבי'ן ז"ל צו הילף.

זייט דאמאלסט איז געווארן א נאנטער קשר צווישן דעם רבי'ן ז"ל מיט דעם וויזניצער הויף. און ווען דער רבי ז"ל איז געקומען צום אלטן וויזניצער רבי'ן דער "אהבת ישראל", האט אים דער וויזניצער רבי ז"ל צוריק געקושט די האנט.

אויך מיט זיינע קינדער די גרויסע רביים האט זיך דער רבי ז"ל געהאלטן זייער נאנט. און אסאך פון דעם רבי'נס ניגונים זענען פארשפרייט געווארן דורך די וויזניצער רביים.

אויך זיין זון יבלח"ט "כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דער רבי שפעטער געשיקט לערנען קיין וויזניץ ב"ם "דמשק אליעזר".

אויך מיט זיין זון דעם בעל ״אמרי חיים״ האט זיך דער רבי ז״ל געהאלטן זייער נאנט.

ווען דער רבי ז״ל איז אמאל געווען אין ארץ ישראל און איז געווען אויף א באזוך ביים וויזניצער רבי ז״ל, און דעם רבי׳נס צווייטע רביצין ע״ה איז דארט מיט געווען.

ווען דער רבי ז״ל איז ארויסגעגאנגן, און די רביצין איז נאך דארט געווען, האט זיך דער וויזשניצער רבי ז״ל צו איר אנגערופן: אייער מאן דער סקולענער רבי זאגט אלע טאג ליגן, ער זאגט ״אשמנו בגדנו א.וו.״ איך בין מעיד אז דער איד האט נאך קיינמאל קיין עבירה נישט געטאן.

*

און א אנדערע געלעגנהייט נאך א באזוך פון רבי׳ן ז״ל ביי דעם וויזניצער רבי, האט זיך דער אמרי חיים אנגערופן פאר אן עולם אידן:

איר האט געזען דעם סעקולענער רבי׳ן? איר מעגט וויסן, אז דער סעקולענער רבי האט אין זיין לעבן ניט געטאן קיין מעשה און אפילו ניט א נשימה אחת פאר כבוד עצמו, נאר אלעס פאר דעם רבש״ע אדער פאר א אידנס וועגן.

* * *

דער סעליעטינער רב זצ״ל

דער סעליעטינער רב הרב פרענקל זצ״ל האט נאך געזאגט מיט אסך יארן צוריק אופ׳ן רבי׳ן ז״ל: אז דאס איז דאך א מלאך אלקים.

*

דער סאדיגערער רבי זצ״ל

דער רבי ז״ל איז געווען זייער מקושר און נאנט צום סאדיגערער רבי׳ן אדמו״ר הרה״צ ר׳ מרדכי שלום יוסף זצ״ל. ביי א געלעגנהייט האט אמאל דער סאדיגערער רבי ז״ל באוויזן פאר א ידיד א בריוו פון רבי׳ן ז״ל צו אים און געזאגט דערביי: אז דער סעקולענער רבי איז שקול נגד ששים ריבוא אידן.

*

דער ריבניצער רבי שליט״א

ש. וו. האט דערציילט: ווען דער ריבניצער רבי שליט״א איז אנגעקומען פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל איז ער דאן מיטגעגאנגן מיט דעם רבי׳נס ז״ל אייניקל יבלח״ט הרב ר׳ ישעי׳ יעקב שליט״א, מקבל פנים זיין דעם ריבניצער רבי׳ן שליט״א, ווען ר׳ ישעי׳ יעקב שליט״א האט שלום גענומען ביים ריבניצער רבי׳ן שליט״א האט אים דער ריבניצער דערקענט אז ער איז דעם רבי׳נס אן אייניקל אויס זעהנדיג זייער ענדליך צו זיין טאטן דעם רבי׳ן שליט״א.

און דער ריבניצער רבי שליט״א האט זיך דאן אנגערופן צו אים כהאי לישנא,

אויף דיין ציידן האט מען שוין געזאגט ווען ער איז נאך אלט געווען 20 יאר אז ער איז כולו רוחני.

*

הגאון הגדול ר׳ משה פיינשטיין שליט״א

להבדיל בין חיים לחיים, דער גאון און פוסק הדור ר׳ משה פיינשטיין שליט״א, ביי אן אסיפה ביי זיך אין הויז, וואו אלע זיקני אדמורי״ם וראשי ישיבות האבן זיך באטייליגט און בתוכם דער רבי ז״ל האט מיר געגעבן א יישר כח פאר ברענגען דעם סעקולענער רבי׳ן, ״ווייל אן אסיפה האט אן אנדער פנים, ווען אזא צדיק נעמט אין איר א חלק״.

דער צעלימער רב זצ״ל

דער צעלימער רב ז״ל פלעגט אים רופן ״דער רבי״.

הגאון ר׳ שניאור קוטלער זצ״ל

ר׳ שניאור קאטלער זצ״ל האט זיך עטליכע חדשים פאר זיין פטירה אויסגעדריקט, ״אז ער ווייס ניט, ס׳זאל זיך געפינען אזא צדיק אויף דער וועלט ווי דער סעקולענער רבי״

הרב ראזען, דער רב הראשי פון רומעניע

הרב ראזען, דער רב הראשי פון רומעניע, האט ביי א געלעגנהייט געזאגט: ״מען מיינט אז מען קאן דעם סעקוליענער רבי׳ן אבער דאס איז אן איינרעדעניש, דאס וואס דער איד האט געטאן אין רומעניע איז פשוט למעלה פון יעדער מענטשליכער השגה, און ס׳איז טאקע באמת ניט משיג צו זיין, אז אין אונזער דור האט געלעבט א איד וואס פון זיין פריסטער יוגנט ביז זיין נשימה אחרונה זאל זיין אזא טאגטעגליכקייט פון מסירת נפש פארן כלל ישראל״.

פרק יב — סיפורים של למעלה מדרך הטבע

איינמאל אין סוכות ווען דער רבי ז"ל האט געוואוינט און טשערנאוויץ, שפעט ביינאכט נאכן טיש ווען דער עולם האט זיך שוין געהאט צוגאנגן, איז די רביצין ע"ה אריינגעקומען צום רבי'ן אין סוכה. און דער רבי האט ארויסגעשיקט דעם זון יבלח"ט "כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א", ער זאל אריינגיין אין שטוב אים ברענגן עפעס א ספר. ווען דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען אין שטוב האט ער דערהערט עפעס א קול, ער האט זיך זייער דערשראקן אויב ס'איז נישט קיין קול פון קיין גנב. אבער נישט וועלענדיג דערשרעקן די עלטערן האט ער זיך געשאפט מוט און איז אריינגעגאנגען אין שטוב, זיך אומקוקן פון וואו דער קול קומט.

אריינקומענדיג אין שטוב האט ער ווייטער דערהערט א קול. איז ער נאך מער דערשראקן געווארן און האט אנגעהויבן נאכצוזוכן אויב ס'איז חלילה נישט קיין גנב וואס באהאלט זיך ערגעץ וואו, און ער האט געזוכט אונטער די בעטן און אין די קאמערן אבער ער האט אין ערגעץ גארנישט געטראפן. נאכדעם וואס ער האט דערהערט נאכאמאל דעם קול האט ער באמערקט אז דער קול קומט פון דער קיך. איז ער דארט אריין נאכקוקן. אין קיך האט ער באמערקט אז דאס קול קומט פון "קראן" וואס דארט זענען געלעגן אין וואסער לעבעדיגע פיש, וואס זענען געווען צוגעגרייט אויפן אנדערן טאג. און ער האט דערזען אז עס קומט פון איינע פון די פיש וואס גיט ארויס די וויי קרעכצן.

ווען ער האט שוין געוואוסט פון וואו די קולות קומען איז ער אריין אין סוכה און עס דערציילט די עלטערן. דער רבי ז"ל מיט די רביצין ע"ה זענען ארויסגעקומען, און דער רבי ז"ל האט באטראכט די פיש. און האט זיך אנגערופן דאס איז א נשמה וואס דארף א תיקון. און האט געהייסן צוגרייטן די פיש פאר די מארגענדיגע יום טוב'דיגע סעודה. די רביצין ע"ה האט מורא געהאט זיך אליין צו באפאסן מיט אזא פיש, איז דער רבי ז"ל צוגעשטאנען צו איר און האט איר ארויסגעהאלפן מיט דעם צוגרייטן די פיש, און האט אנגעזאגט אז מ'זאל אינזין האבן ביים צוגרייטן אז דאס איז לכבוד יום טוב. בייטאג האט מען דעם פיש געגעבן ביים רבי'נס טיש ווי עס האבן מיטגעגעסן אורחים וואו געווינלעך, און דער רבי ז"ל האט אנגעזאגט אז מען זאל עסן די פיש מיט גרויס כוונה בכדי מתקן צו זיין די נשמה וואס איז מגולגל אין דעם פיש.

*

ווען דער רבי ז"ל איז אמאל געווען אין סענדזשארץ (א באוואוסטען קור־ארט אין רומעניע) איז איינמאל צופרי ווען דער רבי ז"ל האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, איז אריינגעקומען אין שטוב א פרוי מיט שרעקליכע געשרייען אז מען זאל איר תיכף צולאזן צום רבי'ן ווייל זי וויל זיך הרג'נען ווייל טאמער פארט זי אהיים וועט איר מאן איר הרג'נען. דעם רבי'נס שנור די סקולענער רביצין שתחי' וועלכע איז דארט אנוועזענד געווען האט איר פרובירט צו בארוהיגן: אז א אידישע טאכטער טאר אזוי נישט רעדן און זי זאל גלויבן אז דער אויבערשטער וועט איר אודאי העלפן. אויך וועט

מען איר צולאזן צום רבי'ן נעמען א ברכה. אבער אזוי ווי דער רבי האלט יעצט אין מיטן דאווענען זאל זי מוחל זיין ציוווארטן. די פרוי האט זיך אבער נישט געקענט בארוהיגן און אנגעהויבן מאכן היסטערישע געשרייען אז זי קען נישט ווארטן און מען זאל איר תיכף צולאזן צום רבי'ן ווייל זי גייט זיך שוין הרג'נען ווייל טאמער קומט זי אהיים וועט איר דער מאן הרג'נען און זי האלט עס שוין נישט אויס א.אז. וו. די רביצין שתחי' ווען זי האט געזען אז מען קען איר ניט בארוהיגן, האט זי אביסל געעפענט די טיר פון רבי'נס דאווען צימער דער רבי זאל דערהערן די געשרייען. דער רבי ז"ל וועלכער האט טאקע דערהערט די געשרייען איז ער תיכף צוגעגאנגען צו די טיר, און האלטענדיג אין מיטן דאווענען ווי ער האט נישט געקענט אויסרעדן האט ער געוואונקן אז מען זאל אים דערציילן וואס עס קומט פאר. ווען די שנור די רביצין שתחי' האט דערציילט פאר'ן רבי'ן וואס די פרוי שרייט האט דער רבי ז"ל געוואונקן אז מען זאל איר בארוהיגן, און אז ער וועט איר אויפנעמען תיכף נאכן דאווענען.

נאך דעם דאווענען איז די פרוי אריין צום רבי'ן ז"ל ווי זי איז ווייטער אנגעגאנגען מיט אירע געשרייען אז זי גייט זיך הרג'ענען א.אז.וו. דער רבי ז"ל האט אנגעהויבן איר בארוהיגן אז אן אידישע טאכטער טאר אזוי נישט רעדן און מען דארף האבן בטחון אז דער אויבערשטער וועט איר אוודאי העלפן, נאר זי זאל דערציילן וואס דריקט איר, אפשר וועט מען איר קענען העלפן. נאכדעם וואס מען האט איר קוים בארוהיגט האט זי דערציילט: דאס זי און איר מאן זענען פשוט'ע ארבייטערס. און אזוי ווי זייער האפענונג און שטרעבונג איז אזוי ווי דער האפענונג פון א יעדן אידן אין רומעניע אז דער אויבערשטער זאל זיי העלפן אז מען זאל וואס שנעלער קענען פון דארט ארויספארן. שפארן זיי זיך שוין אפ 5 יאר פון זייער ביסן צוזאמענשטעלן א גרעסערן סומע געלט וואס מ'באדארף איינצאלן פאר די רעגירונג ווען זיי געבען די ערלויבעניש ארויס צו פארן פון דארט. —

אבער היות אין רומעניע איז אומגעזעצליך צו האלטן א גרעסערן סומע געלט און מורא האבענדיג אז מען זאל זיי נישט כאפן מיט אזא סומע געלט, איז זי אראפגעפארן קיין קלויזענבורג וואו זי האט אויפן שווארצן מארק געקויפט פאר דעם געלט א טייערן גאלדענעם דאקסאר זייגער וואס איז ווערט געווען א 5000 לע"י אז כדי ווען זיי וועלן מיט דעם אויבערשטענס הילף באקומען דעם ערלויבעניש ארויסצופארן זאלן זיי האבן מיט וואס צו באצאלן דעם אויסלייז שטייער און קענען רוהיג ארויספארן פון דארט.

פארענדיג אהיים מיט די באן האט זי געדארפט אויף א ווײלע פארלאזן איר זיץ פלאץ, און זי האט איבערגלאזט איר טעשל מיט דעם זייגער דערין אויף איר פלאץ. ווען זי איז צוריק געקומען צו איר פלאץ האט זי צו איר גרויסן באדויער נישט געטראפן נישט דעם זייגער און נישט דאס טעשל. זעענדיג דאס האט זי זייער מורא באקומען אז קומענדיג אהיים וועט איר דער מאן וועלכער איז א פראסטער מענטש הרג'נען פארוואס זי איז געווען נאכלעסיג און נישט געהיט גענוג גוט דעם זייגער אין

וועלכען ס׳איז געלעגן זייער גאנצע שווער אפגעשפארט געלט. און פון דעם איז זי ארייגעפאלן אין א היסטערישן וויי געשריי און האט זיך געוואלט אראפווארפן פון דעם באן און זיך נעמען רח״ל דאס לעבן.

אבער עטליכע אידן וועלכע האבן זיך דאן געפונען אויפן באן האבן איר קוים צוריקגעהאלטן פון טאן אזא שריט און האבן איר צוגערעדט דאס אזוי ווי עס געפונט זיך יעצט אין דער געגענט דער רבי וועלכער איז געקומען קיין טראנסילוואניע אין דעם קור ארט זאל זי צופארן צו אים ווי זי וועט אוודאי געהאלפן ווערן.

ווען די פרוי האט געענדיגט אירע ווערטער האט זי זיך ווייטער גענומען פארפירן אז זי גייט זיך ח״ו נעמען דאס לעבן אויב זי האט נישט תיכף די ישועה.

דער רבי ז״ל האט איר גענומען בארוהיגן אז זי זאל זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון אז דער אויבערטשער וועט איר אודאי העלפן. און דער רבי ז״ל האט געהייסן אז זי זאל גיין פרישטיגן און אנגעזאגט אז מען זאל דערוויל שטארק היטן אויף די פרוי זי זאל זיך ח״ו גארנישט טאן. די פרוי האט נישט געוואלט הערן פון עסן, און זי האט שרעקליך פארפירט ״ווי קען זי עסן יעצט ווען עס לויערט אויף איר א סכנה אז דער מאן זאל איר ח״ו הרג׳נען״, א שווערע ארבעט האט געהאט די רביצין שתחי׳ איר צו בארוהיגן און ווירקן אז זי זאל פאלגן דעם רבי׳ן און פרישטיגן. ווייל אויב דער רבי הייסט פרישטיגן איז דאס א חלק פון איר ישועה.

ווען ס׳איז אנגעקומען מיטאג צייט און די פרוי האט געוואלט אהיים פארן מיט דעם באן וואס האט געדארפט דאן אפפארן האט דער רבי ז״ל איר נישט געלאזט און האט באפוילן אז מען זאל איר געבן א מיטאג מאלצייט. די פרוי איז געווען זייער פארביטערט און האט זיך גענומען שרייען ווי קען זי יעצט גיין עסן זי וויל זיך ענדערש הרג׳נען, אבער מיט גרויס מי איז געלונגן די רביצין שתחי׳ אויף איר משפיע זיין אז זי זאל פאלגן דעם רבי׳ן און דאס וועט אודאי זיין איר ישועה.

פארנאכט האט דער רבי ז״ל געהייסן דינגען א פוהר און האט באפוילן צוויי אידן זאלן באגלייטן און היטן אויף די פרוי ביז מען וועט איר ארויפזעצן אויף דעם צוג וואס פארט אפ צו איר שטאט. פון דעם קור־ארט ביז צום באן סטאנציאן איז געווען א שטיקל מהלך. און דער רבי ז״ל האט איר אנגעוואונטשן אז דער אבידה זאל זיך איר אומקערן. און איר אנגעזאגט אז זי זאל זיך שטארקן מיט אמונה און בטחון ווייל דער אויבערטשער וועט איר אודאי העלפן.

שפעטער ביינאכט זענען די צוויי אידן צוריק געקומען און האבן דערציילט אז באגלייטענדיג די פרוי אויף דעם באן האט מען אינמיטן פארן אויסגערופן אז היות דאס א בריק דורך ווי דער באן האט באדארפט אדורך פארן האט זיך איבערגעריסן וועט יעדער דארפן אפשטייגן און צופיס אריבערגיין א שטיקל פעלד און דארט וועט מען קענען אדורך גיין צופיס א בריקל. און פון די אנדערע זייט בריק וועט אפפארן א צווייטער באן אין דעם שטאט.

גייענדיג אויף דעם פעלד האבן זיי באמערקט ווי א שיכור'ער גוי שלאפט דארט אונטער א בוים און די פרוי האט באמערקט ווי דער גוי האט אנגעטאן אויף זיין האנד א זייגער וועלכער זי האט דערקענט אלס איר זייגער. די פרוי האט זיך געוואלט נעמען מאכן געוואלדען. אבער די אידן האבן איר נישט געלאזט נאר צוגעגאנגען צו א פאליצאנט וועלכער האט זיי באגלייט און אים געזאגט אז די פרוי זאגט אז זי דערקענט אז דער זייגער וועלכער דער שיכור'ער גוי טראגט איז איר זייגער. דער פאליצאנט האט געגעבן א שטויס דעם שיכור און אים אויפגעוועקט און פרעגט אים פון וואו האט ער דעם זייגער, האט ער געענטפערט אז ער האט דאס געקויפט. דער פאליצאנט וועלכער האט אים נישט געגלייבט האט אים דערלאנגט א פאטש און אים אנגעשריגן: דו ליגנער זיי דיך שנעל מודה פון וואו דו האסט דעם זייגער, דער גוי וואס א פחד האט אים אנגעכאפט אז דער פאליציאנט זאל אים ניט ארעסטירן האט זיך גלייך מודה געווען אז דאס האט ער גענומען פון א טעשל וואס ער האט גע'גנב'ט פארענדיג אויף דעם באן. און האט אויך באוויזן דעם טעשל מיט די איבעריגע זאכן וואס איז דארט געליגן און דער פאליצאנט האט דאס אלעס צוריק געגעבן פאר די פרוי וועלכע איז א גליקליכע אהיים געפארן.

די מעשה האט דאן גע'רעש'ט אין גאנץ רומעניע.

*

ר' שמואל גליקסמאן

ס'האָט מיר דערציילט שמואל גליקסמאן: ער פלעגט האַלטן יאָרצייט נאָך אַ שוועסטער. איינמאָל האָט ער זיך פאַרגעסן פון דעם יאָרצייט און אַרויסגעפאָרן פאַרנאַכט פון קאָנטרי קיין ניו יאָרק.

אויפ'ן וועג האָט ער זיך דערמאָנט און געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. ער וואוינט אין מאַנהעטען. ווען ער וועט קומען אין שטאָדט, וועט ער שוין קיין מנין ניט האָבן וואָס וועט זיין מיט קדיש?

מיט אַמאָל זעט ער עפּעס פון ווייטן שטייען אידן. ער איז צוגעפאָרן נענטער און געזען, אַז ס'שטייט דער סקולענער רבי און אַרום אים עטליכע אידן און מען גרייט זיך צו מעריב. ער האָט געדאַוונט מעריב און געזאָגט קדיש.

נאָך מעריב האָט ער דערציילט די אידן, וואָס ס'איז מיט אים פאָרגעקומען.

די אידן האָבן געזאָגט צו אים: ביי זיי איז געווען אַ מאָדנער וואונדער — דער סקולענער רבי האָט געהייסן זיך אָפּשטעלן און דאַוונען מעריב.

זיי האָבן געפרעגט ס'איז דאָך ניטאָ קיין מנין? האָט דער סקולענער רבי געהייסן זוכן אַ מנין. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין קאַרס און וואו נאָר ס'איז געווען אַ איד מיט אַ יאַרמולקע האָבן זיי אים אָפּגעהאַלטן און זיי האָבן דעם סקולענער רבי'ן ניט פאַרשטאַנען דאָרט אין ניו יאָרק וואַרט דאָך אויף אים אַ מנין?

דער חלום אין די שלשים

אַ איד האָט געהאַט אַ פּראָצעס איז ער געפאָרן צום סקווערער רבי שליט"א. דאָס איז אָבער געווען אין די שעה'ן וואָס אין סקווער איז די טיר געשלאָסן, איז דער איד געפאָרן צוריק.

פאָרנדיג צוריק האָט ער געזען, אַז אין אַן אָרט זענען פאַרזאַמלט מענטשן און זאָגן תהלים.

דער איד האָט געפרעגט, וואָס דאָס איז, און מען האָט אים געזאַגט, אַז דאָ ליגט דער סקולענער רבי.

דער איד האָט אויך געזאָגט תהלים און געבעטן.

ביי נאַכט איז צו דעם איד געקומען דער סקולענער רבי אין חלום און געזאָגט דעם איד, וואָס ער זאָל זאָגן ביים פּראָצעס.

דער איד האָט געזאָגט, וואָס דער סקולענער צדיק האָט אים אויסגעלערנט אין חלום און ער האָט געוואונען דעם פּראָצעס.

דער איד אַרבעט אין איין אָרט מיט ר' יעקב פּארטוגאַל און דער איד האָט דעם סקולענער צדיק קיין מאָל ניט געזען.

* * *

מיר ווייסן פון נאך מעשיות למעלה מדרך הטבע. נאר דאס וואס מיר ווייסן נישט פינקטליך, שרייבן מיר נישט.

פרק יג

די ערשטע רביצין הרבנית הצדיקת מרת שינא רחל זכרונה לברכה

א געטרייע באגלייטערין און דעם רבי'נס ז"ל לעבן איז געווען זיין ערשטע רביצין הרבנית הצדיקת מרת שינא רחל ע"ה, וועלכע איז אויך געווען א געטרייע מאמע פאר די אלע יתומים קינדער וואס זענען געווען ביים רבי'ן ז"ל און הויז.

זי האט די אלע קינדער טריי אפגעווארט און זיי געוויזן דאס גרעסטע ליבשאפט און געטריישאפט ווי א מאמע פאר אייגענע קינדער.

זי איז געווען א בת גדולים, איר פאטער הרב החסיד ר' יעקב ז"ל, איז געווען א אדם גדול, און אויך א מיוחס, זי איז געווען אן אפשטאם פון הגאון הקדוש המוכיח מפולנאה א תלמיד פון הייליגן בעל שם טוב, און אויך איז זי געווען אן אייניקל פון הגה"ק ר' ישראל חריף זצוק"ל וועלכער איז געווען פון די הייליגע חבריא ביים בעש"ט הקדוש זי"ע ועכ"י.

זי האט אמאל דערציילט, אז זייענדיג א יונג קינד האט זי עטליכע נעכט באמערקט ווי איר טאטע, טוט זיך אן דעם טולופ און גרייט זיך אן א זאק האלץ און גייט דערמיט אוועק פון שטוב, נאך עטליכע נעכט האט זי זיך גענומען מוט און האט איבערגעפרעגט דעם טאטען ווי גייט ער אזוי אליין אויף דער נאכט ווען ס'איז פאראן א מורא פון שיכורים אדער אנדערע רוצחים, האט ער איר געענטפערט אז ס'וואוינט דא דערנעבן א פאמיליע וועלכע איז זייער ארום און האבן נישט קיין האלץ צו הייצן, אבער זייענדיג זייער צוריק געצויגן נעמען זיי גארנישט צו ביי קיינעם, דערפאר גייט ער ביי דערנאכט ווען יעדער שלאפט שוין, אוןווארפט דארט אריין די האלץ אז קיינער זאל נישט וויסן פון ווי ס'קומט.

*

נאך האט די רביצין ע"ה דערציילט פון איינע פון אירע זיידעס וואס ער איז געווען א יושב אוהל און ער איז תמיד געזעסן על התורה ועל העבודה, און זיין רביצין די באבע האט אנגעפירט מיט דער גאנצערווירטשאפט און אכטונג געגעבן אז ער זאל נישט האבן קיין שום שטער און זיין עבודה. איינמאל האט די באבע געבעטן ביים זיידן דאס אזוי וואו זי הארעוועט אזוי שווער ער זאל קענען זיצן רוהיג און לערנען בעט ער אז ער זאל איר געבן א חלק פון זיין תורה. האט דער זיידע איר געענטפערט: פון וואו וייס איך אליין אז עס וועט עפעס זיין פון מיין לערנען, איך דאך נישט צו איך לערן תורה לשמה.

איז ביי זיי געבליבן אז זיי זאלן פארן צום רבי'ן ר' מאיר'ל פרעמישלאנער. ווען זיי זענען אנגעקומען קיין פרעמישלאן און זענען אריין צום רבי'ן איז נאך בעפאר דער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער האט פון זיי געהערט וואס זיי ווילן, האט ער זיך אנגערופן צום זיידן און געזאגט: פארוואס ווילסטו איר ניט געבן קיין חלק אין דיין לערנען?...

ווען דער רבי ז״ל האט חתונה געהאט מיט איר, האט ער זיך אויסגערעדט, אז דאס הויז זאל זיין אפן פאר יעדן אורח. די רביצין ע״ה איז אים טאקע געווען א גרויסע עזר און זיינע אלע מעשים טובים.

*

די רביצין ע״ה איז נפטר געווארן ג׳ סיון תשכ״ז, אין די טעג וואס מען מאכט ניט קיין הספד, דער רבי ז״ל האט אבער געגעבן רשות פאר דעם פאטיקער רב שליט״א ער זאל דערציילן אט די מעשה.

ווען דער רבי איז נאך געווען יונג תיכף נאך דעם וואס ער האט חתונה געהאט מיט די רביצין ע״ה, האט זיך אמאל געטראפן אז ביים גלח אין שטוב געפינט זיך א יודישער בחור וועלכער האלט זיך רח״ל ביים שמד׳ן. דאס איז געווען א בחור פון יאסי וועלכער האט זיך רח״ל פארליבט אין א גוי׳איש מיידל איז אנטלאפן פון דערהיים, און איז געקומען קיין סקולען, וואו ער איז שוין געווען ביים גלח אין הויז גרייט געווען זיך צו שמד׳ן ר״ל.

דער רבי ז״ל האט אריבער גערופן צו זיך איינעם וועלכער איז געווען א שטיקל קל און האט געהאט אן אריינטריט ביים גלח אין שטוב, און האט אים געבעטן אז ער זאל זען אויף עפעס א אופן ברענגען דעם בחור צו אים.

דער דאזיגער פארשוין איז אריבער צום גלח אין שטוב וואו ער איז היימיש געווארן מיט דעם בחור. שבת בייטאג האט ער דעם בחור איינגערעדט ער זאל גיין מיט אים אויף א שפאציר, שפאצירענדיג מיט אים האט ער אים אריינגעבראכט צום רבי׳ן אין שטוב. ווען דער בחור האט זיך דערזען ביים רבי אין שטוב איז ער געווארן זייער דערשטוינט, אבער ער האט שוין נישט געהאט קיין ברירה ווייל תיכף איז דער רבי ז״ל צו אים צוגעגאנגען און אים דערלאנגט א ברייטן שלום עליכם, און איז אריין מיט אים און א ברייטן שמועס. פרעגענדיג וואס ער טוט דא אין סקוליען, דער בחור האט פון דעם רבי׳ן גארנישט פארהוילן און דער רבי ז״ל האט פרובירט אויף זיין שטייגער משפיע זיין אויף דעם בחור ער זאל זיך אפלאזן פון דעם מורא׳דיגן מאוס׳ן געדאנק. רעדענדיג מיט אים האט דער רבי ז״ל פון אים ארויסבאקומען ווי אזוי ער הייסט און ווער זיינע עלטערן זיינען. און דער רבי האט זיך ביי אים איינגעבעטן אז ער זאל בלייבן ביים רבי׳ן און שטוב איבערנעכטיגן די נאכט.

ביז דערווייל האט דער רבי ז״ל געשיקט איינעם ער זאל מודיע זיין די עלטערן וואס עס טוט זיך מיט זייער זוהן. די עלטערן וועלכע האבן נישט געוואוסט וואו זייער זוהן געפינט זיך זענען גלייך ארויפגעקומען קיין סקוליען. און זענען אריינגעקומען צום רבי׳ן אין שטוב. דער בחור איז זייער דערשטוינט געווארן צו זען דארט זיינע עלטערן. און דער רבי ז״ל האט אים געבראכן און ער האט דעם רבי׳ן ז״ל געגעבן די האנט זיך אפצולאזן פון דעם גאנצן געדאנק.

דאן האט זיך די רביצין ע״ה אריינגעמישט און זיך אנגערופן צום רבי׳ן וואס האט

מען אויפגעטאן מיט זיין צוזאג, ער קען דאך חלילה ווידער ווערן ווילד און זיך ווען שמד'ן. האט דער רבי ז"ל געפרעגט די רביצין: אדרבה וואס זאל מען טאן? האט די רביצין געענטפערט לויט מיין מיינונג איז בעסער מיר זאלן פאר אים זוכן א אידישן שידוך און אזוי וועט ער זיכער בלייבן ביי יודישקייט, די רביצין ע"ה האט אים טאקע גלייך גרעדט א אידיש מיידל א יתומה וואס האט געארבעט ביים רבי'ן אין שטוב. און דער בחור האט אויפגעשטעלט א אידישע שטוב.

איצט וואוינט ער אין ארץ ישראל, און ער אליין האט דערציילט די מעשה ביי דעם ערשטן וויזיט פון רבי'ן אין ארץ ישראל.

דער רבי ז"ל האט זיך דאן ביי דעם הספד אויסגעדריקט אויף איר: אז די רביצין האט געהאט גרעסערע השגות פון אים, און אז אין אלע מעשים זיינע ווי האדעווען די קינדער און אין חתונה מאכען זיי האט זי געהאט א גרויסן חלק, און דורך איר חכמה און צידקות האט ער זוכה געווען צו די מעלות, תנצבה"ח.

*

די צווייטע רביצין זכרונה לברכה

נאך די פטירה פון די ערשטע רביצין ע"ה, האט דער רבי ז"ל נאכאמאל חתונה געהאט מיט הרבנית הצדיקת מרת יענטיל ע"ה, זי איז געווען א אשה חשובה, און א בת גדולים איר פאטער איז געווען הרב הצדיק ר' שמואל שרגא שניצלער ז"ל טשאבער רב און ירושלים, בערך 8 יאר האט זי געהאט די זכיה משמש זיין דעם רבי'ן ז"ל, ווען זי האט מיט גרויס געטריישאפט אפגעווארט.

זימער תשל"ה איז זי רח"ל קראנק געווארן אויף א שווערע מחלה, און זי האט זיך נעבעך געמוטשעט א האלב יאר מיט די קרענק, ה' שבט תשל"ו איז זי אוועק, דער רבי ז"ל וואס איז יענעם טאג ארויס פון שפיטאל נאך א שווערע הארץ אטאקע, האט נישט געקענט אנוועזענד זיין ביי די לוי', ביי די שלושים איז פארגעקומען א סיום משניות וואו דער רבי ז"ל האט דאן געזאגט אויף איר זייער א ווארימען הספד. תנצבה"ח.

*

ווען דער רבי ז"ל האט זיך געזעגנט מיט איר דאס ערשטע מאל, בין איך געווען דערביי, ער האט צו איר געזאגט: ער וויל אין לעבן עפעס אויפטאן פאר זיך און ער האט איר דערציילט די מעשה פון אברבנאל:

דער שפאנישער קיסר האט געפרעגט דעם אברבנאל, וויפיל געלט ער פארמאגט. האט אים דער אברבנאל געענטפערט: ער קען דאס גלייך ניט זאגן. ער דארף אויס'חשבונ'ען.

עטליכע טעג שפעטער ווען ער האט זיך געטראפן מיט'ן קיסר, האט ער געזאגט, אז ער פארמאגט 300 טויזנט גאלדענע רענדלעך.

האט דער קיסר אים געזאגט אז ס'קומט אים 2 מאל טויטן. איין מאל פאר

אפנארן דעם קיסר, און א צווייטן מאל פאר לאכן פון קיסר, ווייל דער אברבנאל ווייסט גוט, אז דער קיסר ווייסט, אז ער פארמאגט אסך מער.

דער אברבנאל האט דעם קיסר געענטפערט, אז ער האט טאקע אסך מער, אבער פון וואנען ווייסט ער אז ער האט עס טאקע, היינט האט ער דאס געלט, אבער ער ווייסט נישט צי ער וועט דאס האבן אויך מארגן. ווייל מען קען עס ביי אים צונעמען, און אין קבר וועט ער דאס נישט מיט נעמען מיט זיך.

דריי הונדערט טויזנט גאלדענע רענדלעך האט ער אבער צוטיילט אויף צדקה איז דאס האט ער מיט זיך געוויס אויף אייביג...

*

די דריטע רביצין זכרונה לברכה

נאכדעם וואס דער רבי ז"ל איז געבליבן אן אלמן בערך א 2 יאהר האט ער אין חודש חשון תשל"ח חתונה געהאט מיט הרבנית הצדיקת מרת מרים חנה ע"ה.

איך קען ניט באזייטיגן פון מחשבה די איידעלקייט און איבערגעגעבנקייט פון דער דריטער רביצין.

זי איז דאך ניט לאנג אוועק פון דער וועלט, געדענק איך גוט אלע אירע פיינע און איידעלע קלאנגען און באוועגונגען.

מיט מסירות נפש האט זי משמש געווען דעם רבי'ן ז"ל אויף די לעצטע יארן ווען דער רבי ז"ל איז שוין געווען שטארק נישט געזונט.

אויך שפעטער ווען ס'האט איר נעבעך געכאפט די שלעכטע קראנקהייט און זי האט געליטן שווערע יסורים, ווי אויך וואס איר ראי' איז געווען שוין שוואך, דאך איז זי געשטאנען אויף דער וואך אכטונג צו געבן אויף דעם רבי'נס געזונט מיט דעם גרעסטן מסירות נפש.

אויך איז זי געווען זייער גרויס און די מדה פון בטחון און אמונת צדיקים, ווי זי האט ביי א געלעגנהייט אפגעגעבן איר גאנץ פארמעגען וואס זי האט זיך געהאט אפגעשפארט פון פריער פארן רבי'ן ז"ל פאר זיינס א צדקה צוועק, כדי זי זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה וואס זי האט דאן געדארפט ביי איינע פון אירע קינדער.

כמעט א יאר נאך דעם רבי'נס ז"ל פטירה כ"א אב תשמ"ג איז זי אוועק, יהי זכרה ברוך ותנצבה"ח.

פרק יד

די לעצטע יארן פון רבי'ן זי"ע

אין די לעצטע יארן פון רבי'ן ז"ל האט ער פארלוירן רח"ל זיין ראי', און איז געווארן א סגי נהור, אבער טראץ דעם האט ער נישט נאכגעלאזט פון זיין עבודת הקודש און איז ווייטער ארום געפארן שאפן געלטער פאר די מוסדות און אויפגעשטעלט נאך מוסדות און ארץ ישראל צו ראטעווען אידישע קינדער פון אונטער גיין ח"ו.

א האלב יאר נאכדעם וואס ער האט זיך אריבער געצויגן קיין וויליאמסבורג, איז ער רח"ל קראנק געווארן אויפן הארץ ווי ער האט באקומען עטליכע הארץ אטאקן, אבער טראץ דעם איז ער ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש מיט פראווענען טישן און טאן פאר הצלת נפשות, א יאר פאר די פטירה האט ער נאך מיט געמאכט א שווערע נסיעה קיין מאנטריאל, וואו ער איז געפארן שאפן געלט פאר די עקזיסטענץ פון די מוסדות.

איינער פון די נאנטע מקורבים פון רבי'ן ז"ל דערציילט: אמאל נאך א שווערע מחלה ווען דער רבי ז"ל איז געווען אפרוען אין מיאמי, האט מען יענע טעג ניט צוגעלאזט קיינעם.

איינער האט געמוזט מיט עפעס א נויטיגע זאך צוקומען צום רבי'ן און האט ניט געוואוסט ווי אזוי מען קען צוקומען, האט אים דער צייליטער צדיק געזאגט בדרך הלצה, כדרכו בקודש: קלאפ אן אין די טיר און זאג, אז אן איד זיצט אין תפיסה... וועט ער שוין שנעל ארויסקומען צו דיר.

אויך האט ער אפילו און שווערסטע צייטן און שפיטאל ניט נאכגעלאזט פון זיין עבודת הקודש בתורה ותפלה.

מיין חשוב'ער שוואגער ר' נפתלי כהן האט מיר דערציילט, אז די משמשים וואס האבן משמש געווען דעם רבי'ן ז"ל אין שפיטאל דערציילן אז ווען דער רבי ז"ל פלעגט לייענען קר"ש אדער זאגן א ברכה פלעגט מען דאס באמערקן אויפ'ן מאניטאר וואס איז געווען צוגעבונדן צו זיין הארץ. ווייל עס פלעגט דאן קלאפן זייער שטארק.

זייענדיג דער אמת'ער אוהב ישראל האט ער אפילו און די שווערע צייטן געטראכט און גע'דאגה'ט וואס מען קען אלס אויפטאן פארן כלל ישראל, און גע'דאגה'ט האט ער ניט נאר וועגן באקאנטע פירצות, נאר ער האט געזוכט צו מתקן זיין אפילו אזעלכע ענינים, וואס אנדערע הערן בכלל ניט וועגן זיי, וואס זענען גערעכנט ווי פכים קטנים און מתי מצוה, אדער זאכן וואס אסך האבן זיך שוין מייאש געווען פון זיי.

דער רבי זיצט און טראכט, וואס מען קען טאן צו מקרב זיין די אסימילירטע אידן,

וועלכע וועלן מן הסתם קומען אין שול איין מאל אין יאר צו זאגן יזכור, אפשר קען מען זיי מעורר זיין אין די טעג פון יזכור צו ווערן שומרי שבת. ער האט אויך ארויסגעשיקט ביכלאך וועגן טהרת המשפחה.

די לעצטע יארן האט דער רבי ניט געריוט, ער האט גערופן מיטינגען פון ראשי ישיבות, מנהלים און מחנכים צו באשיצן דעם יונגן דור פון פארדארבנקייט און אויסגעלאסנקייט.

ווי ריכטיג האט איינער פון די מספידים געזאגט: דער רבי האט די לעצטע יארן ליידער געליטן אויף די ראי' — דאס ליכט פון זיינע אויגן איז אים פארטונקלט געווארן, אבער ער האט קלארער און ריכטיגער געזען ווי פיל אנדערע, ער האט געזען מיט זיינע עיני השכל, מיט זיינע הייליגע אויגן וואס פיל — אפילו גדולים וטובים — האבן ניט געזען, און ווער ס'האט אים אנגעקוקט איז תיכף נתעורר געווארן.

די הסתלקות

עטליכע וואכן פאר די הסתלקות האט דער רבי ז"ל נישט געריוט, ער האט עפעס געהערט אז אין ראשון לציון דארט וואו ער האט פאר א יאר צוריק געוואלט אויפשטעלן א מוסד, און וועגן פארשיידענע סבות איז עס נישט צושטאנד געקומען, האבן מסיאנערן רח"ל אויפגעשטעלט זייערס א מוסד צו פאנגן אידישע נפשות, דער רבי ז"ל איז געווארן זייער פארביטערט דערפון, און האט גאנצע נעכט נישט געקענט שלאפן.

ווען ער האט זיך ניט גוט געפילט פון נישט שלאפן אזויפיל נעכט און דער דאקטאר וואס האט אים אונטער געזוכט האט אים געפרעגט וואס ערגערט אים אז ער קען נישט שלאפן, האט דער רבי ז"ל מיט טרערן און די אויגן געענטפערט די פארשאלטענע מיסיאנערן וואס האבן אויפגעשטעלט זייער נעץ פון טומאה אויף נאך א פלאץ אין ארץ ישראל.

א וואך פאר די פטירה האט דער רבי באשלאסן צו שיקן א משלחת און שפיץ פון זיין זון דער רבי שליט"א, זיי זאלן זיך אינטערסירן פון אויפשטעלן א מוסד דארט אין ראשון לציון.

ווען ס'איז אנגעקומען זונטאג כ"ו אב עטליכע טעג פאר דער פטירה האט דער רבי ז"ל און מיטן דערנאכט געלאזט רופן זיין זון דעם רבי'ן שליט"א וואו ער האט זיך מיט אים איינגעשפארט אום אים געזאגט זיין לעצטע צוואה.

דאס איז טאקע געווען דער לעצטע גלעגענהייט וואו דער רבי ז"ל האט געקענט רעדן מיטן רבי'ן שליט"א פריוואט, ווייל דעם אנדערן טאג מאנטיג אויף דערנאכט איז דער רבי ז"ל צוזאמען געפאלן און מען האט אים אריינגעפירט און שפיטאל וואו ער איז דאן געווען אין זייער א שווערן מצב.

דינסטאג פארטאג איז דער רבי ז"ל צוריק געקומען צו זיך, און ער האט נאך

דינסטאג בייטאג געדאווענט און געלייגט תפילין, אין געלערענט, און מיטן טאג האט ער געבעטן איינעם פון די משמשים בקודש, אז מען זאל אים אהיים נעמען ווייל אין דערהיים קען דאך זיין מנין....

מיטוואך כ"ט אב ערב ראש חודש אלול צופרי האט דער רבי ז"ל נאך א גאנצע נאכט נישט שלאפן ווי ער האט געהאלטן און זאגן און דאווענען, האט ער געלאזט רופן זיין זון דעם רבי'ן שליט"א זאגענדיג ער זאל זיך איילן צו קומען אפילו פאר זיין דאווענען ווי לאנג ער קען נאך מקיים זיין די מצוה פון כבוד אב, נאך 8 א זייגער איז נעבעך אנגעקומען די ביטערע מינוט ווען דער רבי ז"ל איז נאכאמאל צוזאמען געפאלען, און זאגענדיג עפעס מיט די ליפן אזוי ווי זיין סדר איז געווען געווינליך איז יצאה נשמתו בטהרה ...... ווען ארום די בעט זענען געשטאנען עטליכע אידן אינאיינעם מיט זיין זון ממלא מקומו כ"ק אדמו"ר שליט"א, און זיין זון ר' הערשלע נ"י מיט עטליכע פון די געטרייע משמשים בקודש, זי"ע ועכי"א.

די לוי' איז נאך פארגעקומען דעם זעלבן טאג פון דעם רבי'נס בית המדרש, וואו די ווי געשרייען און דאס קלאגן אויף די געוואלדיגע אבידה פאר כלל ישראל, אין אזא דור יתום, איז געווען געוואלדיג גרויס, ס'האבן אים מספיד געווען מיט גרויסע בכיות דער סאטמערער רבי שליט"א דער פאפער רבי שליט"א, דער קאשויער רב שליט"א, און דער מונקאטשער רבי שליט"א, ווי אויך דער ממלא מקום כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ווען מ'האט פאר די מטה מכתיר געווען אלס ממלא מקומו מיט די אדמורו"ת און רבנות סקולען, און נשיא פון מוסדות חסד לאברהם עד מאה ועשרים שנה.

*

איך וועל דא אראפברענגען אייניגע זאצן פון די הספידים פון די חשוב'ע רבנים שליט"א און פון פארשידענע ארטיקלען וואס זענען ערשינען און פארשידענע צייט שריפטן:

דער רבי שליט"א האט געזאגט: דער הייליגער טאטע פלעגט זיינע ענינים באהאלטן, זייענדיג דער גרויסער עניו און הצנע לכת, און די אלע סיפורים וואס אידן דערציילן זענען נאר א מקצת פון זיין גדלות און צדקות...

דער טאטע איז נפטר געווארן ערב ראש חודש אלול, וואס די ספרים הקדושים זאגן אויף דעם, דעם סימן אני לדודי ודודי לי, דאס איז זייער צוגעפאסט צום טאטען ז"ל, וואס זיין גאנצער אני איז געווען לדודי, פאר דעם בורא עולמ'ס וועגן, ער האט גארנישט פארמאגט קיין אני ביי זיך.

ווי ריכטיג האט זיך אויסגעדריקט א גדול אז דער רבי ז"ל איז געווען א איד, וואס "ואנכי" לא ידעתי — אנוכיות האט ניט פיגורירט ביי אים.

איינער פון די שרייבער האט אנגעהויבן זיין ארטיקל:

ווער טרויט זיך צו שרייבן אן אפשאצונג וועגן אזא קדוש וטהור, וואס האט זיינע שענסטע און בעסטע יארן מקריב געווען פאר אנדערע.

ער האט די קינדער ניט נאר מקרב געווען צו אידישקייט, נאר ממש אדאפטירט, און דער רבי' ז"ל האט זיי ארויסגעוויזן אזוי פיל ליבשאפט וואס אן אמת'ער טאטע וואלט דאס אויך ניט געקענט באווייזן.

איינער פון די גדולי הדור שליט"א האט און זיין הספד געזאגט: אז מיט די הסתלקות פון רבי'ן ז"ל האט מען פארלוירן א צדיק וואס איז געווען סיי בחינת אב פארן כלל ישראל סיי בבחינת אם פארן כלל ישראל.

א טאטע איז מדריך די קינדער צו תורה און מצות און זארגט פאר זייער רוחניות, א מאמע גיט אכטונג דאס קינד זאל זיין געזונט, האבן פרנסה און אלע גשמיות'דיגע צרכים.

דער צדיק האט דאך אבער עוסק געווען איןביידע — ער האט געזארגט, אז אידישע קינדער זאלן נתחנך ווערן על דרך תוה"ק, און ער האט געזארגט און גע'פועל'ט מיט זיינע תפילות אז אידישע קינדער זאלן האבן פרנסה.

אזא מענטש מאכט זיך דאך איין מאל אין דורות, ס'איז טאקע פאראן צדיקי אמת קדושים, אבער אזוי זיך איבערגעבן פאר אידן....

די חז"ל זאגן: אז הקב"ה דער רוכב בערבות פרייט זיך ווען ס'קומט ארויף אופ'ן עולם האמת א נפש צדיק ונקי, אבער דא אויף דעם עולם איז די הסתלקות פון א צדיק ונקי אן אבידה שאין לה תמורה.

ומה כאן עומד ומשמש... אזוי וועט ער געוויס מעורר זיין די צדיקים אויף יענער וועלט, ער איז דאך געווען דער גרויסער שליח ציבור אויף דעם עולם וועט ער געוויס זיין דער שליח ציבור אויף יענעם עולם מעורר זיין רחמים פאר כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם זיי זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט די ישועה שלימה בקרוב אכי"ר.

תמו ולא נשלמו הזכרונות המופלאים מהאדם הגדול בענקים, אבי היתומים והאלמנות, וכל הלבבות הנשברים, הצדיק מסקולען זצ"ל

* * *

צום שלוס פון דעם ספר וויל איך דא אראפברענגען שטיקלעך פון פארשידענע ארטיקלען וואס זענען ערשינען און פארשידענע צייט־שרופטן נאך דעם רבי'נס ז"ל הסתלקות, איך וועל אנהויבן מיט שטיקלעך פון דעם מאמר פון הרב יצחק לעווין (געדרוקט אין אידישןווארט), דאס זענען אקטיוויטעטן, וואס איך האב אין זיי קיין איינטייל ניט גענומען, הרב יצחק לעווין האט געהאט אנטייל גענומען אין אסך פעולות פון דעם רבי'ן ז"ל פון נאכן סוף פון דער מלחמה ביז צום רבי'נס ז"ל פטירה

פון הרב יצחק לעווין

דער סקולענער רבי ז"ל, ר' אליעזר זוסיא פארטוגאל איז געווען א "רעוואלוציאנער" אין רומעניע, ער האט זיך נישט געבויגן פאר דער מאכט, דער דאזיגער שוואכער איד וואס האט קוים געלעבט, האט זיך פארמאסטן צו קעמפן מיט דער שטארקער דיקטאטארישער רעגירונג פון רומעניע, ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן ראטעווען אידישע קינדער, איז דער חלש־אויסזעענדיקער געווארן א "גיבור".

עס דערמאָנט זיך מיר, אַ וואָרט פון "חפץ חיים" זצ"ל, ווען דער "חפץ חיים" איז געגאַנגען צום פוילישן פרעמיער באַרטעל וועגן דער גזירה, אַז מלמדים אין די חדרים זאָלן מוזן האָבן פולע קוואַליפיקאַציעס אַלס לערער, האָט דער חפץ חיים צו אים אַזוי געזאָגט: עס שטייט אין ספר משלי (כ"ד כ"א) "ירא את ד' בני ומלך" — מיין זון, האָב מורא פאַר ג־ט און פאַר'ן מלך. מען דאַרף מורא האָבן פאַר דער מאַכט, פאַר'ן קעניג, אָבער קודם כל — פאַר ג־ט. אויב די מורא פאַר'ן קעניג איז אין סתירה צו דער מורא פאַר ג־ט, דאַן דאַרף מען נישט מורא האָבן פאַר דער מאַכט. מיר וועלן, האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט דעם פוילישן פרעמיער, נישט רעספעקטירן קיין גזירה, וואָס שטעלט אין סכנה אונזער דת!

אָט די שיטה האָט ווידער לעבעדיק געמאַכט דער סקולענער רבי אין רומעניע. די מאַכט האָט געוואָלט אַנטפרעמדן די אידישע קינדער פון דת — האָט ער אויפגענומען אַ קאַמף מיט דער מאַכט. ער האָט אַלעס געטאָן, כדי די קינדער זאָלן בלייבן ביי אידישקייט.

נו, איז די מאַכט נישט געווען איינשטימיג מיט אים. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, דער שוואַכער סקולענער רבי איז חדשים לאַנג געזעסן אין תפיסה.

אָבער ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן. ווי אַן אַמאָליגער העלד האָט ער געליטן יסורים, אָבער געבליבן ביי זיינעם. די קינדער, די הונדערטער אידישע קינדער. וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין רומעניע נאָך דער מלחמה, האָבן איבערוואויגן אַלע זיכערקייטס־מאָטיוון פונ'ם סקולענער רבי'ן.

* * *

מיר האָבן זיך דערוואוסט אין אַמעריקע, אַז הרב פאָרטוגאַל זיצט אין תפיסה. אויף אַ באַראַטונג פון אידישע רעליגיעזע פירער אין ניו יאָרק איז

באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אָרגאַניזירן אַ דעלעגאַציע צו דער "יו־ען" און דאָרט פאָדערן אַז מען זאָל באַפרייען דעם סקולענער רבי'ן און אים ערלויבן אַרויסצופאָרן פון רומעניע.

איך געדענק גוט די אויפנאַמע פון דער דעלעגאַציע. מצד דער יו־ען, האָט איר אויפגענומען דער אינדישער פאַרטרעטער פון גענעראַל־סעקרעטאַר, נאַראַסימהאַן, מיט וועמען איך בין געווען באַפריינדעט. איך האָב פאַרגעשטעלט די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע, "מסלתה ומשמנה" פון דער רעליגיעזער פירערשאַפט פון אַמעריקאַנער אידענטום, צווישן זיי דער באָיאַנער רבי זצ"ל און דער קאָפּיטשניצער רבי זצ"ל. באַקאַנטע הצלה־טוער ר' יעקב גריפעל ז"ל און יבלח"ט הרב זאב פאַרהאַנד און אַ צאָל אַנדערע אָרטאָדאָקסישע עסקנים. מיר האָבן געשילדערט די פערזענלעכקייט פון סקולענער רבי'ן און געבעטן רחמים, מען זאָל אים ראַטעווען. נאַראַסימהאַן איז געוואָרן גערירט. ער האָט צוגעזאָגט צו העלפן.

איייניגע טעג שפּעטער האָט ער מיר טעלעפאָנירט, אַז די "יו־ען" האָט באַקומען אַ צוזאָג פון דער רומענישער דעלעגאַציע אין יו־ען, אַז הרב פאָרטוגאַל וועט ווערן באַפרייט און אַרויסגעלאָזט.

ער איז אָבער נישט אַזוי גיך אַרויסגעפאָרן. אָן "זיינע" קינדער האָט דער סקולענער רבי זיך נישט געאײַלט צו פאָרן צו די פרייע לענדער. די קינדער וועלכע ער האָט אַדאָפּטירט, האָבן געמוזט באַזאָרגט ווערן מיט אַרויספאָר מיטלען. ער האָט קודם געזוכט און אָנגעווענדעט אַלע כוחות אַז זיי זאָלן נישט בלייבן. ער האָט פאַר זיך נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן ביז ער האָט ערלעדיקט אַז "זיינע" קינדער זאָלן פריער אַרויספאָרן פון לאַנד.

* * *

מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן דעם סקולענער רבי'ן מער ווי צוואַנציג יאָר אין אַמעריקע. מען וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ בוך וועגן אים. עס איז שווער אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל איבערגעבן וויפיל גוטסקייט. אהבת ישראל, ס'האָט געשטעקט אין דעם דאָזיגן הייליגן איד!

ער איז געווען דאָס געוויסן פון הצלת ישראל. אויב מען האָט געזען אין דער צייטונג אַ ידיעה, אַז ערגעץ־וואו (דאָס מיינט: אונטער דעם "אייזערנעם פאָרהאַנג") האָט עפעס פּאַסירט, וואָס פאָדערט אַ תיכף'דיגע אַקציע — האָט זיך דער סקולענער רבי באַלד אָפּגערופן. נישט געווען קיין חילוק צי דאָס איז געווען אַ פרומער איד אָדער ניט, אויב נאָר אַ 'איד' האָט מען געדאַרפט ראַטעווען.

עטליכע מאָל האָבן זיך באַוויזן ידיעות, אַז פאַר עקאָנאָמישע "פאַרברעכן" האָט מען אונטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג פאַראורטיילט מענטשן צום טויט. דער סקולענער רבי האָט מרעיש עולמות געווען. סטייטש? לעבענס־לענגליכע תפיסה איז נישט גענוג? ער האָט נישט גערוט. ער האָט מאָביליזירט אַלע, וואָס

האָבן געקענט עפענען אַ טיר צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער אינסטאַנץ. איך בין געווען איינער פון די צו וועלכע ער האָט תמיד זיך געוואָנדן. און ווען איך האָב אים פּרובירט ערקלערן, אַז די טיר איז נישט אַלע מאָל אָפען, האָט ער דאָס נישט אָנגענומען. "איר האָט מיך אַרויסגענומען פון תפיסה, טאָ קענט איר נישט זאָגן, אַז די טיר איז פאַרשלאָסן!" האָט ער גע'טענה'ט. און ער האָט געהאַט רעכט.

וויפיל שמחה האָט דער סקולענער רבי געהאַט, ווען זיין אינטערווענץ איז סוף־סוף געווען דערפאָלגרייך. ער האָט זיך דעמאָלט געפילט גליקלעך, ווייל ער האָט אָפּגעראַטעוועט אַ איד!

* * *

אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ רעיון, וואָס איז געווען מבהיל מיט געוואַגטקייט.

ער האָט געוואָלט צוריקברענגען צום אידישן מקור די "פאַרוואָגלטע נשמות" אין פּוילן, יענע אַמאָליגע "קינדער" פון די קדושים, וועלכע זיינען אַנטרינען פון טויט און האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט ביי גויים. ער האָט געגלויבט, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַרוואָגלטע נשמות אין פּוילן. אָבער ווי קומט מען צו זיי? ווי קען מען דערגיין זייערע אַדרעסן?

דער סקולענער רבי האָט געפונען אַ וועג.

ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז דער וועג איז צו פּועל'ען ביי דער מאַכט אַז זי זאָל אַרויסגעבן אַ צירקולאַר אין וועלכן זי זאָל ערקלערן אַז מענטשן וואָס שטאַמען פון אידן מעגען זיך פריי מעלדן אַלס אַזעלכע. די פּוילישע רעגירונג זאָל פּשוט רופן אַזעלכע מענטשן, אַז זיי זאָלן זיך מעלדן.

דער סקולענער רבי האָט מיר אויפגעפאָדערט, אַז איך זאָל דעם געדאַנק "פאַרקויפן" דער פּוילישער רעגירונג. איך האָב אים פּרובירט ערקלערן, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין האָפענונג אַז דער געדאַנק זאָל ווערן אָנגענומען, ווייל די רעגירונג פון אַ לאַנד "אונטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג" איז דאָך נישט סימפּאַטיש צו רעליגיע, טאָ ווי קען מען דערוואַרטן, אַז זי זאָל אויפפאָדערן מענטשן אַז זיי זאָלן זיך אומקערן צו זייער אַלטער רעליגיע?

אָבער מיינע אַרגומענטען האָבן אים נישט איבערצייגט. "פּרובירט נאָר, וועט איר זען, אַז עס איז מעגלעך!"

און וואונדער איבער וואונדער. איך האָב די זאַך אויפגענומען מיט'ן פּוילישן מיניסטער פאַר רעליגיע און — ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין סימפּאַטיע צו דער טראַגעדיע פון די "פאַרוואָגעלטע נשמות", וואָס זוכן אפשר אַ קאָנטאַקט מיט זייערע משפּחות אין אַמעריקע אָדער ישראל. נאַטירליך, די פאָרם פון אַזאַ צירקולאַר איז גאַר אַ דעליקאַטער ענין. אָבער אין פּרינציפּ האָט דער מיניסטער זיך נישט אָפּגעזאָגט, איך בין געווען דערשטוינט צו זען די רעאַקציע פון אַ מיניסטער אונטער "דעם אייזערנעם פאָרהאַנג" צו אַזאַ פאָרשלאָג.

דער סקולענער רבי האָט ממש באַוויזן "אַ מופת".

און מעגליך, אַז דער געדאַנק וועט נאָך פאַרווירקליכט ווערן. דערווייל איז דער מיניסטער אַוועק. עס איז שוין דאָ אַ נייער שעף פון אַמט פאַר רעליגיעס אין פוילן און מען דאַרף אָנהויבן די אַרבייט אויפסניי. אָבער עס איז דאָ אַ יסוד אויף וועלכן מען קען אויפבויען אונזער פאַרלאַנג: דער צוזאָג פון זיין פאָרגענגער.

* * *

דער סקולענער רבי זצ"ל איז פון אונז אַוועק.

ווער קען פאַרנעמען זיין פלאַץ? ווער וועט וועקן דאָס געוויסן פון דער אידישער וועלט (און מיט איר: אויך פון דער נישט־אידישער וועלט), ווען אידישע קינדער וועלן ח"ו זיין אין אַ גייסטיגער סכנה? ווער וועט מרעיש עולמות זיין ווען מ'וועט דאַרפן ראַטעווען אַ איד אין נויט?

ער איז געווען ווי דוד המלך, וואָס — לויטן מדרש (ויקרא רבה ל') — "אין אנו יכולין לעמוד על אופיו של דוד, פעמים שקורא עצמו עני ופעמים שקורא עצמו מלך, מלך שנאמר (תהלים ע"ב) אלקים משפטיך למלך תן, ועני שנאמר (תהלים ק"ב) תפלה לעני כי יעטוף".

עס איז ביי אים געווען די מאַיעסטעט פון מלכות התורה. פאַר זיין פאַרלאַנג איז ניט געווען קיין "ניין". און גלייכצייטיג איז ער געווען דער פירשפרעכער פאַר'ן "עני", ווען ער איז בייגעשטאַנען אין אַן עת צרה, און דאָ איז ווידער נישט געווען קיין "ניין" ווען ער האָט זיך פאַר אים אָנגענומען.

יהי זכרו ברוך

געלעבט מיט מסירות נפש פאַר'ן רבש"ע און פאַר'ן כלל ישראל

פון מרדכי פרידמאַן

דער קאָצקער רבי ז"ל פלעגט זאָגן אויפן פסוק "אנכי עומד בין ה' וביניכם", אַז דער "אנכי" שטייט אויפ'ן צווישן דעם באַשעפער און דעם מענטש. ווען נישט דאָס "אנוכיות" וואָס יעדער האָט זיך אַליין אין זין, וואָלט דער מענטש געקענט צוקומען צו די העכסטע הויכן. ביי דעם סעקולענער רבי'ן זצ"ל האָט דער "אנוכי" דער איך, לגמרי ניט עקזיסטירט. און דאָס אפילו לגבי זיין איינציגן בן יחיד (ממלא מקומו ע"פ צוואתו).

די ענינים פון כלל די אינטערעסן פון זיינע "אַדאָפּטירטע" קינדער זענען געקומען פריער ווי די ענינים פון זיין אייגענעם זון.

הרב משה ראזען פון בוקאַרעסט האָט טאַקע אַמאָל טרעפליך באַמערקט, אַז דער איינציקער שטיף־זון אין זיין הויז (צווישן די אַלע פיר הונדערט יתומים וואָס ער האָט מגדל געווען און די צענדליגער, וועלכע ער האָט אָפיציעל אַדאָפּטירט) איז געווען זיין איינציגער בן יחיד. ער פלעגט אים זאָגן "דו ביזט דאָך ניטש מיין יתום זיי זענען אַלע יתומים קומען זיי פריער".

ביי יעדן ענין פאַר'ן סקולענער רבי'ן ז"ל האָט מכריע געווען איין איינציגער חשבון. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט אַ מאָס, וועלכע איז בעסער פאַר אים און זיין משפחה נאָר וואָס וועט ברענגען מער נחת רוח פאַר'ן רבש"ע.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָבן חסידים מקורבים אים געבעטן ער זאָל גרינדן אַ ישיבה ווייל חסידות קען ניט וואַקסן דאָ אין אַמעריקע אָן תלמידים און אָן אַ ישיבה. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער גייט גרינדן אַ קינדער מוסד אין מירון. ווען אַ איד גייט מקיים זיין אַ מצוה, דאַרף דער באַראָמעטער זיין, אויף וועלכן אופן וועט דער רבש"ע מער נחת האָבן, אויב ער וועט נישט מאַכן אַ ישיבה וועלן בחורים גיין אין אַנדערע חסידישע אָדער אין אַנדערע תורה'דיקע ישיבות. דעם רבש"ע איז נישט קיין חילוק צי זיי וועלן לערנען אין סקולען אָדער אין איינעם פון די אַנדערע מוסדות. אויב אָבער אַנשטאָט "חסד לאברהם" וועלן אידישע קינדער ח"ו גיין אין לינקע כפירה'דיקע מוסדות דאָס מאַכט שוין אַ גרויסן אונטערשייד. אָט דאָס איז געווען זיין הויפּט מאָטיוו צו גרינדן די מוסדות "חסד לאברהם" אין ארץ ישראל.

* * *

דער צדיק און זיין עבודה

(ערשינען און דעם צייטונג "דער איד")

די ליכטיגע צורה פון האדמו"ר הק' מסקולען ז"ל איז געווען מלא יראה און עס איז אויך געווען מלא אהבה, אהבת השי"ת און אהבת ישראל, זיין שמייכל און דערמוטיגונג פאַר יעדן צעבראָכענעם איד, האָט מחזק געווען און געטרייסט אַ סך צעבראָכענע הערצער. דאָס גרויסע פחד ה' ויראתו האָט מען געקענט זען ביי דעם צדיק ווען אַלע זיינע איברים האָבן אַ ציטער געגעבן ביים מזכיר זיין דעם שם שמים, בגדר פון כל עצמותי תאמרנה. אַן ענין פון מורא רבך כמורא שמים האָט מען געזען ביי דעם צדיק ווען ער האָט אָנגערירט די קלאַמקע פון די צדיקים פאַר וועלכע ער האָט זיך טאָטאַל מכניע און מבטל געווען, ווי עס פאַרציילן זיינע משמשים, אַז פאָרנדיג אין קאַר צו באַזוכן מרן הגה"ק כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זי"ע האָט ער פאַרלאַנגט עטליכע האַרץ טאַבלעטן צו לינדערן די שמערצן וואָס נעמען זיך מחמת גרויס יראה.

אַ יוצא מן הכלל זענען געווען די ליכטיגע טישן פון נעילת החג, מלא התעוררות און התרגשות הנפש. אידן פלעגן קומען פון נאָענט און ווייט זיך צו צוהערן צום "חסל סידור פסח" וועלכעס עס איז געזאָגט געוואָרן מיט גאָר התעוררות'דיגע תנועות און השתפכות הנפש און צו די פרייליכע ריקודים דערנאָך פון "לשנה הבאה".

ביים סקולענער רבי'ן זי"ע איז נישט געווען קיין פשוט'ער שבת, יעדער שבת איז געווען אַ שיינער שבת און אַ דערהויבענער שבת. עס איז געווען יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו מלא רוחניות און מלא קדושה, טאָמער איז ער געפאָרן (לטובת זיינע מוסדות "חסד לאברהם") אין אַ פרעמדע שטאָט מיט איינס אָדער צוויי משמשים האָט די גאַנצע שטאָט אויפגעלעבט און מיטגעהאַלטן די עבודה וואָס עס האָט געקאָסט פאַר יונגע און געזונטע מענטשן איבערמענטשליכע כוחות מיטצוהאַלטן דעם גאַנצן שבת. איבריג צו באַטאָנען אַז דער צדיק אמת האָט נישט משנה געווען ביי זיין שלחן אשר לפני ה' צי עס איז געווען פאַר אַ מנין אידן צי דאָס איז געווען במקהלות ורבבות.

הגה"צ מסקולען זצ"ל האָט זיך נוהג געווען (לפני חולשתו) צו רייכערן אַ ציגערעטל מוצש"ק נאָך הבדלה, אַ מנהג וואָס ער האָט זיך געהאַט איינגעפירט זייענדיג בבית האסורים, וואו עס איז נישט געווען קיין וויין לקידוש ולהבדלה, פלעגט ער מוצאי שבתות מבדיל צו זיין בין קודש לחול מיט'ן ציגאַרעטל, האַלטנדיג דאָס ציגאַרעטל עטליכע רגעים אין מויל האָט מען געזען ווי ער איז פושט צורה ולובש צורה, און אַז זיינע רעיונות זענען אַצינד משוטט אין ענינים גבוהים ורמים.

עס פאַרציילט מוה"ר לייבל גראָס נ"י (פון סאַטמאר, היינט אין בארא פאַרק), ווי עס האָבן פאַר 25 יאָר צוריק געדויערט די ריקודים ביי "וביום

השבת שישו ושמחו" בערך אַ האַלבע שעה, און אַז מען איז לייל ש"ק אַהיים פון טיש ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן.

די הבדלה מוצש"ק איז געווען אַן עבודה בפני עצמה. דער צדיק האָט זיך געזעגנט פון די שבת המלכה בנעימה קדושה. דאָס מתיקות ביים זאָגן די פסוקים "ויהי כנגן המנגן", די נגונים בין ברכה לחבירתה, און ווער רעדט נאָך פון די חרוזים "א-ל פדה מכל צר" וכו', וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן מיט גרויס דביקות און געגועים דקדושה. ווער ווייס וויפיל שפע דער צדיק האָט משפיע געווען איבער די ששת ימי המעשה מיט די רקודים פון "ליהודים היתה אורה" און "צוה ישועות יעקב".

ביים סקולענער רבי'ן זצ"ל האָבן צוזאַמען פונקציאָנירט צוויי קעגנזייטיגע כוחות. אַגרעניצלאָזע אהבת ישראל צו הייבן יעדעס אידיש נפש בגשמיות און ברוחניות, דאַקעגן אַ תורה'דיגע מלחמה קעגן פירצות סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט בזה"ל: "מען איז ליידער עובר אויף אל תתחבר לרשע, און אויפטאָן טוט מען נעבעך גאָרנישט". ביי די דרשות און מלוה מלכה'ס פון "חסד לאברהם" פלעגט ער צו שטורמען קעגן דעם פרייען חינוך אין ארץ ישראל, וואו מען איז מגדל כופרים בעיקר, און נאָך דערצו אין עיברית... אין די מוסדות "חסד לאברהם" האָט ער איינגעפירט אַז די מלמדים און מחנכים זאָלן צוגעוואוינען די קינדער צו לערנען און רעדן נאָר אידיש און נישט עיברית. אויך האָט ער עטליכע מאָל אָנגעזאָגט די מנהלים אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוואַגן צו נעמען שטיצע פון די רעגירונגס פאָנדן, און אויב זיי וועלן אים נישט פאָלגן, וועט ער דאָס נישט מוחל זיין!

"הקורא את המגילה למפרע לא יצא" — האָט דער סקולענער רבי זצ"ל נאָכגעזאָגט פון די הייליגע ספרים — ווער עס ליינט די מגילה בלויז "למפרע", אַז עס איז אַן עבר, אַ פאַרגאַנגענהייט, "לא יצא", דער האָט נישט יוצא געווען. ווי דער קדושת לוי טייטשט, "שעשה נסים לאבותינו בימים ההם", אַז די ניסים וואָס הקב"ה האָט געטאָן בימים ההם חזר'ן זיך איבער בזמן הזה. דער ציל פון פאַראייביגן זכרונות פון אַ צדיק איז נישט אַלס סיפור בעלמא, נאָר כדי "והחי יתן אל לבו", האָבן פאַר זיך אַ וועג, נאָכצוגיין און זיך אַזוי צו פירן למען יטב להם ולבניהם לעולם.

מיר וועלן שליסן מיט אַ דבר תורה וואָס דער סקולענער רבי האָט געזאָגט פאַר 3 יאָר צוריק פאַר נעילה. "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם", וואָס דאַרף נאָך טשיין נאָכדעם "לפני ה' תטהרו", עס איז דאָך אַ כפל הלשון, נאָר די כוונה איז, אַז טאָמער ווילט איר אַז עס זאָל זיין לכפר עליכם, דאַרפט איר אייך מקבל זיין לפני ה' תטהרו אַ גאַנץ יאָר, און וואָס איז די עצה? — אַז עס זאָל אַ גאַנץ יאָר זיין "תטהרו", אַז מען זאָל כסדר געדענקען דעם לפני ה', דעם "שויתי ה' לנגדי תמיד", דעמאָלט קען זיין "תטהרו". און ווי דוד המלך ע"ה זאָגט אין תהלים "לכו בנים שמעו לי", אַז אויך ווען מען גייט אַוועק פון די קדושת המועדים זאָל זיין שמעו לי.

אַז מיר ווען אויף זיך מקבל זיין מיט אַ שטאַרקע חרטה על העבר און אַ פעסטע קבלה להבא נישט צו פאַרגעסן זיך פון דעם "שויתי ה' לנגדי תמיד" וואָס דאָס איז דער ערשטער סעיף אין די ד' חלקי שלחן ערוך — פון וואָס דער צדיק האָט מימיו נישט מסיח דעת געווען — וועט דאָס זיכער זיין אַ טובה פאַר נשמתו הקדושה און אַזוי ווי בחייו וועט ער אויך היינט זיכער מכיר טובה זיין און ער וועט זיין אַ מליץ יושר אַז מען זאָל זוכה זיין צו דער אמת'ער גאולה שלימה על ידי משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

הנהגות טובות שנמצאו בין כתבי הקודש
ממרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה הכ"מ.

א) ענין ותקון בטלה, להשמר מדבור בטל לקיים שויתי ה' וגו' כבריש הש"ע א"ח. ושהדבור מוצא פי ה' שהשי"ת נותן לו כח הדבור, וממילא צריך להזהר ולהשמר ממלה בטלה כבזוה"ק, ולקיים ודברת בם כפי' חז"ל ולא בדברים בטלים, לחשוב היטב קודם שיצא הגה מפיו אם דבר זה יגרום לעבודתו ית"ש, ידברו, ואם לא, ימשוך פיו מלדבר.

ב) להזהר גם את הבנים בזה, לדבר אתם להוכיחם ולהזהירם על זה.

ג) לדבר עם הבנים להזהירם מהחטא הידוע, ושזה תלוי במה שלמעלה.

ד) להזהר ממעשים בטלים, מאבוד הזמן ומחשבות בטלות הנקראים פאנטאזי"ע בלע"ז פארשטעליכצער, כי מחשבות בטלות ודברים בטלים אוכלים את חיי האדם וזמנו, כ"ש הרהורי עברה ח"ו.

ה) לימוד תוה"ק, לימוד בכל יום עם כל בני ועם שאר תלמידים שיעור ובפרט הלכות שבת קודש ומוסר ואוה"ח הק'.

ו) לתקן את אשר עותי לפעמים בשמירת ש"ק כהלכתה או מי מב"ב יחי' בשגגה, כדרך המבואר בש"ע א"ח ס"י של"ד, ואת אשר תעבתי במאכלים.

ז) להוכיח את בנ"א ובפרט בענין עריות מטהרת המשפחה וכשרות וכו'.

ח) להזהר ממחשבות זרות בתפלה ק"ש בהמ"ז (כמובא בשם אדמו"ר הק' המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע ועכ"י שהזהיר על הכוונה בבהמ"ז שהוא דאורייתא)

ט) לקיים הצנע לכת עם ה' אלקיך, ואם תהי' איזו הכרח לעשות או להתפלל וכדומה בגלוי להתאמץ שיהי' לשם שמים כאלו אין שום ב"א כמבואר בספה"ק.

י) לתקן את אשר פגמתי בכבוד ת"ח צדיקים, להזהר מלהרהר אחריהם.

י"א) לתקן מה שפגעתי בכבוד ת"ח וצדיקים אשר הם כבר בעולם הנצחי.

י"ב) לתקן את אשר פגמתי בכבוד אב ואם, ללכת בדרך התורה, ולהזהר בכל דבר ובפרט במחשבה.

י"ג) להזהר בכבוד הבריות להשיב בכתב בכל האפשרות למי שנחוץ, ובפרט ללומדי ושומרי תורה.

י"ד) להזהר בכבוד הבריות שלא ימתינו הרבה, ואם א"א לקבלם על אתר לפייסם, ולקבוע להם זמן קבוע.

ט"ו) למי שנחוץ לתמוך, שלא להניחו להמתין, רק לעזור על אתר כשאפשר.

ט"ז) להזהר בתפלה בזמנה, הן בעצמי והן שלא לעכב את אחרים מלהתפלל בזמנו.

טו"ב) בהכנסת אורחים, לחתוך לפניהם את הפת כמובא בספה"ק ובזריזות ליתן להם אוכל להשיב נפש.

שיר לכבוד חנוכה שנתחבר ע״י כ״ק אדמו״ר זצוקל״ל הכ״מ
להמשיך לב ילדי ישראל לתורתו ואהבתו ית׳

חנוכה די טעג פון ליכט
עס ווערט דאך ממש באלייכטעט דאס געזיכט
קוקענדיק אין די ליכטאלעך די קליינע
וואס דערצעהלען אונז מעשה׳לעך גאר שענע

ווען די יונים זענען אויפגעשטאנען אויף אונז אידען
געוואלט צישטערין אונזער פרידען
אונזער תורה אונז מאכען פארגעסן
און אונז אפרייסען פון אונזערע העליגע געזעצען

צישטערט האבן זיי דאס העליגע הויז
געוואלט אונז מאכן גייסטיג הויל און בלויז
פערפינסטערט האבן זיי אונז דאס לעבען
גרויסע צרות האבן געטהוען אויף אונז שוועבען

אבער די חשמונאים די העליגע העלדן
האבען איבערגעקערט די יונישע וועלטען
פערטריבען די יונים פון בית המקדש
און צוריק הילכט דאס קול פון קדוש קדוש קדוש

דאס ליכט פון דער מנורה צוריק אנגעצינדן
און דאס בית המקדש מיט די אידן צוריק פארבינדן
צוריק אויפגעשטראלט דאס ליכט פון דער תורה
און שוין מעהר פאר די יונים קיין מורא

פרייט זשע זיך אידישע קינדער
מיט א פריילין הארץ און פנים
דערציילט אלע ג־טס וואונדער
פון אונזער נצחון איבער די יונים.

ב"ה.

יום ה׳ לסדר ד׳ לשונות של גאולה כ"ו טבת תשב"י בוקרשט.

חיים ברכה ושלו׳ לכבוד חתני המופלא ומצוין בר אבהן וכו׳ מר **צבי יוסף** נ"י ובתנו הנכבדה הצנועה מ׳רת **איטא** תחי׳.

טייערע קינדער לעבן, זייט אונז מוחל פאר אונזער ניט שרייבן א געוויסע צייט, ניט דענקן חלילה אז אייער כבוד איז ביי אונז הפקר, אדער דער אינטערעס און אייך איז פארקלענערט געווארן, חלילה! נור פארשטייט דאס ליידער איבער פארשידענע טרדות האב זיך ניט געקאנט קאנצעטרירן צום שרייבן, מיר דאנקן אייך פאר אייער שרייבן, מיר זעהן און אייערע ווערטער דאס איר געדענקט און דענקט נאך פון אונז לטובה, דו טאכטער איטא תחי׳ געדענקסט נאך די שבתים, די ימים טובים, די נגונים זמירות ותפלות, השי"ת זאל נאך העלפן מיר זאלן נאך זוכה זיין צו זעהן און אייך און רבקה׳לי תחי׳ גרויס נחת בתוך כלל ישראל.

לעת עתה ב"ה פארן לעבן וואס השי"ת גיבט אונז, זאגען דאך די חז"ל הקדושים בפסוק כל הנשמה תהלל וגו׳ על כל נשימה ונשימה תהלל וגו׳, אויף יעדען אטעם וואס דער מענטש טיט דארף ער לויבן השי"ת, ווייל דער מענטש לעבט — אטעמט — באוועגט זיך — ניט מיט זיין חכמה, ניט מיט זיין כח, מה כחנו מה גבורתנו, נור מיט דעם כח און חיות וואס השי"ת גיבט אונז יעדע רגע לעבן מיר אטעמן מיר באוועגן מיר זיך, און יעדער פארשטענדיגער באוואוסטזיניגר מענטש דארף — ניט קוקענדיג אויף די וואס פילן ניט פארשטיין ניט ערנידערן זיך צו דער מדרגה פון בהמה און ווילדע חי׳ — דער מענטש דארף תמיד שטרעבן צו אויפהויבען זיך צו א העכער מדרגה מעלין בקודש ולא מורידין, זאלן מיר זיך איינשליסן צווישן די באוואוסטזיניגע און דאנקן לויבן השי"ת אויף יעדע אטעם וואס מיר אטעמען לעבען באוועגן זיך נור מיט זיין כח מיט דעם חיות וואס השי"ת גיבט אונז יעדע רגע און זיך היטען ניט אויסנוצן דעם כח חיות און דעת וואס השי"ת גיבט אונז — צום שלעכטן חלילה צו מעשים דבורים אדער מחשבות וואס זענען געגען השי"ת, נור מיט דער שיינער טייערער מתנה וואס השי"ת גיבט אונז דאס חיות דעם כח דעם שכל זאלן מיר זיך באנוצן נור צום גוטן, אויף דעם בעטען מיר זיך מיר זאלן קאנען לערנען די תורה פון השי"ת און מקיים זיין, און זעהן נחת און די ל. קינדער בתוך כלל ישראל, איך בעט אייך טייערע קינדער רעכענט זיך ניט מיט אונזער ניט אפט שרייבן און שרייבט אונז תיכף פון אייער געזונט מצב הרוחני והגשמי, יתן השי"ת שנבשר ונתבשר בשורות טובות בקרוב וישועה ברוחניות וגשמיות בתוך כ"י.

יברככם ה׳ בחיי נחת חיים אמיתים בתוך כ"י.

בברכת התורה הנצחית וגאולה אמיתית בב"א.

אביכם א. ז.